# סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## חֵלֶק ו׳

## אִידִישׁ

שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע בְּרִיוְון גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א, פוּל מִיט הִתְחַזְקוּת וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען זוֹכֶה זַיין מַצְלִיחַ צוּ זַיין אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וֶועלְכֶע מַצָב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, מִיט עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת אוֹיפְ׳ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן,

אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּנוּ

**רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא״שׁ, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, וּכְתוּבִים,

אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ״ל, פוּן דִי גְּמָרָא

אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב

בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

קרן הדפסה היכל הקודש

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**


סדר ועימוד, כריכה ושערים:
**א.י.ש. אשדוד**
08-8650078
0527627127

# לזכר עולם יהיה צדיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְּ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֱפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְּפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטּאקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקְטִיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

## וספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

וזוגתו

**אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

שלמה ומשפ',

אלחנן חיים ומשפ',

מרים העניא זיסל ומשפ',

שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,

רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.

הקדוש ברוך הוא ימלא

את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון

בבני חיי ומזוני רוויחא

ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

# אַ וָוארְט פוּן דִי אַרוֹיסְגֶעבֶּער

מִיר קֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּ בַּאלַייכְטְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן עֵצוֹת. וָואס מִיט זֵיי קֶען יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם, פוּנֶעם קְלֶענְסְטְן בִּיזְ'ן גְרֶעסְטְן, זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּקוּמֶען צוּ דִי מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שנ"ח): "מִיט יֶעדֶע תּוֹרָה אָדֶער שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ זָאג, קֶען מֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵוייס וָואס עֶס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", וַוייל יֶעדֶע תּוֹרָה אוּן שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען צוּנִיץ קוּמֶען סֵיי פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס עֶר קֶען פוּן דֶעם אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַדְרֵיגָה; אוּן עֶס קֶען אוֹיךְ צוּנִיץ קוּמֶען פַארְ'ן נִידְרִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ, עֶס וֶועט אִים אוֹיךְ וַוייזְן אַ וֶועג אִין זַיין מַצָב, וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ר"ט) אַז דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, זֶענֶען נִישְׁט גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן נָאר פַאר זַיין דוֹר, נָאר אוֹיךְ פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת. אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן עֵצוֹת אוֹיךְ פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ עַד סוֹף כָּל הַדוֹרוֹת. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם) מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים ד, ט) "וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ" - "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטָאן!"

נָאךְ דִי הִסְתַּלְּקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט זַיין בַּאלִיבְּטֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִיךְ וַוייטֶער מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אַריינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דִי הֵיילִיגֶע לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְפָארְן אוּן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אַלֶעס נָאר גֶעבּוֹיעֶט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת, וָואס פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וַוייטֶער אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין עִיקַר צִיל אִין לֶעבְּן. זַיין מִיה אוּן פְּלָאג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, בָּרוּךְ ה', נָאר דוּרְךְ אִים אִיז גֶעבְּלִיבְּן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶס וֶוערְט וַוייטֶער צוּשְׁפְּרֵייט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מְחַיֶּה אוּן מְחַזֵּק הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן אִיבֶּער אַלֶע עֶקְן וֶועלְט. דִי סְפָרִים זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל, זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר זָאל נָאר זַיין, אוּן אִים אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אִים מְחַיֶּה אוּן מְחַזֵּק זַיין, אַז עֶר קֶען נָאךְ אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַ שִׂמְחַת הַחַיִּים, אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט גֶעשְׁמַאק, צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מְקַיֵּים זַיין זַיינֶע מִצְוֹת מִיט פְרֵייד.

אִין דֶעם בִּיטֶערְן טָאג י"ז שְׁבַט תשע"ה לפ"ק, הָאבְּן מִיר פַארְלוֹירְן דִי גְרוֹיסֶע אֲבֵידָה שֶׁאֵין לָהּ תְּמוּרָה, וֶוען כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא. מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן מוֹהֲרָא"שׁ, דָאס אִיז אַ בִּיטֶערֶע אֲבֵידָה וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שִׁעוּר, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אָבֶּער אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיינֶע סְפָרִים אוּן זַיינֶע

לִמּוּדִים מִיט וָואס מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן אוּן אָנְגֵיין, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דֶעם, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער פִירְן אִין דִי וֶועגְן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוּן דַאן וֶועט זַיין אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט נָאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיינֶע סְפָרִים, אוֹיב לֶערְנְט מֶען דִי סְפָרִים אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט מְקַיֵים צוּ זַיין וָואס דָארְט שְׁטֵייט, דַאן אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק אִיז נָאךְ דָא צְוִוישְׁן אוּנְז.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת שְׁלוּחִין, הֲלָכָה ה', אוֹת י"א-י"ב) אוֹיף דֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן (דְבָרִים ל"א, כ"ט) "כִּי יָדַעְתִּי אַחֲרֵי מוֹתִי כִּי הַשְׁחֵת תַּשְׁחִתוּן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ אָפְּקֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן, זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י אַז מִיר זֶעעֶן דָאךְ אַז דִי אִידְן זֶענֶען יָא גֶעוֶוען וואויל אוּן עֶרְלִיךְ אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר פוּן דֶעם לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד לֶעבְּט, אִיז דָאס נָאךְ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי לֶעבְּט. וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעלֶעבְּט, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַלֵיין הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט. פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם רֶבִּי נָתָן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען בִּכְלַל זָאגְן אַז אַ צַדִיק אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן? חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (בְּרָכוֹת י"ח.) "צַדִיקִים בְּמִיתָתָן נִקְרְאוּ חַיִים", אֲפִילוּ וֶוען אַ צַדִיק גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אִיז עֶס נָאךְ אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט.

נָאר דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, קע"ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים ל"ד, ה') "וַיָמָת שָׁם מֹשֶׁה עֶבֶד ה'", וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן? נָאר בֶּאֱמֶת אִיז עֶר טַאקֶע נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר בַּיי אוּנְז אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז בֶּאֱמֶת שְׁטַארְבְּט אַ צַדִיק קֵיינְמָאל נִישְׁט, זַיינֶע תּוֹרוֹת אוּן לִמּוּדִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג; נָאר אוֹיב מִיר לֶערְנֶען נִישְׁט זַיין תּוֹרָה, מִיר גֵייעֶן נִישְׁט אִין זַיינֶע וֶועגְן, דַאן אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן בַּיי אוּנְז. וִוי לַאנְג עֶס

לֶעבְּט אָבֶּער אַ תַּלְמִיד וָואס עֶר גֶעבְּט וַוייטֶער אִיבֶּער דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, עֶר אִיז מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵּק אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דִי לִמּוּדִים פוּנֶעם צַדִּיק, דַאן לֶעבְּט דֶער צַדִּיק וַוייטֶער בַּיי אוּנְז. אוּן דֶערִיבֶּער, וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעלֶעבְּט, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אוּן מְחַזֵּק גֶעוֶוען דִי אִידְן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּ דֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נָאכְאַלְץ גֶעלֶעבְּט.

זָאגְט דָארְט וַוייטֶער רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען אִין יֶענֶעם דוֹר, נָאר דָאס גֵייט וַוייטֶער אָן בִּיז'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אַז אֲפִילוּ וֶוען דֶער צַדִּיק אִיז שׁוֹין אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז ס'אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אֵיינְס אָדֶער מֶערֶערֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִּיק, וָואס זֵיי הָאבְּן דֶעם כֹּחַ וַוייטֶער אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי לִמּוּדִים פוּנֶעם צַדִּיק. דִי אֶמֶת'ע תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִּיק, זֶענֶען אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ז'), אוּן וֶוען זֵיי גֶעבְּן וַוייטֶער אִיבֶּער דִי תּוֹרָה פוּנֶעם צַדִּיק, אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִּיק אִיז דָא מִיט אוּנְז, עֶר וֶועט נִתְלַבֵּשׁ אִין דֶעם תַּלְמִיד'ס דִיבּוּרִים, אוּן עֶס אִיז מַמָּשׁ וִוי דֶער צַדִּיק לֶעבְּט מִיט אוּנְז אוּן רֶעדְט צוּ אוּנְז, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת צ"ז:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ס"א, ה') "אָגוּרָה בְאָהָלְךָ עוֹלָמִים", אַז וֶוען מְ'זָאגְט נָאךְ אַ דְבַר הֲלָכָה פוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם, רֶעדְן מִיט זַיינֶע לִיפְּן אִין קֶבֶר.

אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז אוֹיפְצוּזוּכְן דֶעם תַּלְמִיד וָואס קֶען אוּנְז אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי לִמּוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, וָואס קֶען אוּנְז וַוייטֶער מְחַזֵּק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, מִיט דִי אַלֶע גֶעוַואלְדִיגֶע אוּן הֵיילִיגֶע עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

אִין יָאר תשס"ט לפ"ק אִיז גֶעעֶפְנְט גֶעוָוארְן דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה "יְשִׁיבָה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה", דוּרְכְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה הרה"ג מוה"ר יוֹאֵל רָאטְה שְׁלִיטָ"א,

דֶער תַּלְמִיד חָבִיב פוּן כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהַרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיטְ'ן צִיל אַז דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי לִמּוּדִים אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי מוֹהַרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

כָאטְשׁ וָואס אִין אָנְהוֹיבּ אִיז דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען פִילֶע שְׁוֶועריקַייטְן, הָאט זִיךְ עֶס אָבֶּער צֶעוָואקְסְן אוֹיף גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְנֶעם, נִישְׁט נָאר אִין דִי רַאמֶען פוּן דִי יְשִׁיבָה לֶעבְּן דִי בָּחוּרִים מִיט דִי לִמּוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נָאר עֶס הָאט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פוּן אִיבֶּעראַל הֶערְט מֶען דִי דְרָשׁוֹת וָואס וֶוערְן גֶעזָאגְט אִין יְשִׁיבָה, טוֹיזְנְטֶער אִידְן אִיבֶּער דִי גָארֶער וֶועלְט שֶׁעפְּן הִתְחַזְּקוּת פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע דְרָשׁוֹת. בַּיי דִי דְרָשׁוֹת זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּלוֹיז אִיבֶּער דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן לוֹיט וִוי מוֹהַרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, נָאר עֶר בְּרֶענְגְט עֶס מֶער אַרָאפּ אַז סְ'זָאל זַיין פַּאסִיג פַארְ'ן הַיינְטִיגְן דוֹר, מִיט דִי הַיינְטִיגֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶועריקַייטְן, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן מַצָּב, וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען בַּאנוּצְן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִין אוּנְזֶער הַיינְטִיגְן לֶעבְּן.

אַזוֹי וִוי דֶער נָאמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז צֶעשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט, הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען בְּרִיוו פוּן אִיבֶּעראַל אָנְצוּפְרֶעגְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת, וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט מַצָּבִים, מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט הָאט זִיךְ אוֹיךְ גָאר שְׁטַארְק צֶעשְׁפְּרֵייט אוּן וֶוערְן גֶעלֵיינְט דוּרְךְ טוֹיזְנְטֶער אִידְן, וֶועלְכֶע גֶענִיסְן דֶערְפוּן גָאר אַסַאךְ הִתְחַזְּקוּת אוּן הַדְרָכוֹת.

עֶס אִיז גְרוֹיס אוּנְזֶער פְרֵייד אַז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הָאבְּן מִיר צוּזַאמְגֶענוּמֶען דִי אַלֶע בְּרִיוו, אוּן עֶס אָפְּגֶעדְרוּקְט אוֹיף אַ שֵׁיינֶעם

פָּארְמַאט, אַז יֶעדֶער אִיד זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶ' זַיין דֶערְמִיט. דֶער סֵפֶר וֶועט זִיכֶער אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוּן מְחַזֵק זַיין פִילֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מִיר הָאבְּן אוֹיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי שְׁאֵלוֹת אוֹיף יֶעדְן בְּרִיוו, כְּדֵי מֶען זָאל בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין אוֹיף וָואס דִי תְּשׁוּבוֹת בַּאצִיעֶן זִיךְ. כָאטְשׁ וָואס דִי בְּרִיוְו זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פַאר פְּרִיוַואטֶע מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶע בְּרִיוְו אִיז גֶעשְׁרִיבְּן לוֹיט דִי פְרַאגֶע וָואס יֶענֶער הָאט אָנְגֶעפְרֶעגְט, אִיז עֶס אָבֶּער גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אוֹיף אַזַא וֶועג אַז יֶעדֶער אִיד וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַן עֶנְלִיכְן מַצָב זָאל קֶענֶען טְרֶעפְן זַיין עֵצָה אוּן הִילְף וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין זַיין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אַז דֶער סֵפֶר זָאל טוּן דִי רִיכְטִיגֶע פְּעוּלָה, אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגְן אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז יֶעדֶער זָאל ווִיסְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף דֶער וֶועלְט קַיין שׁוּם עֵצָה, נָאר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען הָאט, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע סָארְט צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין בְּקָרוֹב גֵיין קֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

**הַמוֹצִיאִים לָאוֹר**

# תּוֹכֶן הָעִנְיָנִים


תנד מֶעג אִיךְ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אִין בֵּית הַכִּסֵא, וָוען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין אוֹיסְוֶועג? ..יז

תנה קֶען מֶען יוֹצֵא זַיין לִימוּד שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מִיטְ'ן לֶערְנֶען לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת? .......כ

תנו דֶער רֶבִּי צִיט אַרוֹיס בַּיי דִי פֵּיאוֹת פוּן גֵיהִנוֹם, ווִי אַזוֹי צִיט עֶר אַרוֹיס אַ פְּרוֹי? ........................................................ כב

תנז מֶעג אִיךְ אִיבֶּערְזָאגְן אַ שֵׁיינֶע גְּמָרָא פַאר מַיין ווַייבּ? ............ כה

תנח אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶענוּג צוּפְרִידְן פוּן מַיין ווַייבּ, אִיז דָא אוֹיף דֶעם אַן עֵצָה? ..כז

תנט ווָאס טוּט מֶען אַז אִיךְ וויל גֶעבְּן ווַאקְסִינֶען אוּן מַיין ווַייבּ ווִיל נִישְׁט? ... לא

תס וויִפִיל דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן? ווָאס זֶענֶען מִנְהָגִים בַּיים זִיךְ אַרַיינְצִיעֶן אִין אַ נַייעֶ דִירָה? ........................................................ לד

תסא ווָאס טוּ אִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער ווָאס הַאלְטְן נִישְׁט בַּיים אַיינְזִיצְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ? ........................................................ לח

תסב מֶעג אִיךְ גֵיין אִין מִקְוֶה אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ מוּרְסֶע? ..................מא

תסג ווָאס אִיז שְׁלֶעכְט מִיט אַ גְרַאמֶער בַּיים קַבָּלַת פָּנִים? ....................מג

תסד ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּאקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע הַדְרָכָה צוּ מַיין חֲתוּנָה? ............מו

תסה אוֹיף ווָאס דַארְף מֶען פַארְקוּקְן בַּיי זִיווּג שֵׁנִי? ....................מט

תסו ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן עֲבֵירוֹת אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל? ...נב

תסז ווִי אַזוֹי זָאל אַ חָתָן רֶעדְן מִיט זַיין כַּלָה? ........................ נז

תסח מִיר ווִילְן שׁוֹין הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער........................................ ס

תסט זָאל מֶען נֶעמֶען קִינְדֶער אִין מִקְוֶה אוּם עֶרֶב שַׁבָּת? ...................סא

תע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעדַאווֶענְט אִינֶעווֵייניג אִין סִידוּר.......................... סד

תעא בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע זֶעט נִישְׁט אוֹיס אַז אִיךְ ווֶעל נָאךְ אַ כַּלָה ווֶערְן ............סז

תעב לִימוּד הַתּוֹרָה אַלֵיין אִיז גֶענוּג צוּ שְׁטֶעלְן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ? .......סט

תעג מַיין ווַייבּ אִיז זֵייעֶר קֶעגְן בְּרֶסְלֶב, ווָאס קֶען אִיךְ טוּן? .................עג

תעד פַארְווָאס גֶעבְּט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה? ............ עה

תעה פַארְוָואס בִּין אִיךְ נָאכְנִישְׁט קַיין חָתָן? ........ עה

תעו אִיךְ דַארְף הַדְרָכָה אוֹיף מַיין חֲתוּנָה ........ פב

תעז מֶעג אִיךְ הָאבְּן וִוי כְּאִילוּ אַ בִּילְד פוּן בַּאשֶׁעפֶער בַּיי מִיר אִין קָאפּ? ...... פד

תעח נָאךְ דִי חֲתוּנָה דַארְף מֶען אָנְהַאלְטְן אַלֶע חוּמְרוֹת פוּן דִי עֶלְטֶערְן? ........ פו

תעט זָאלְן מִיר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער? ........ פט

תפ וואוּ שְׁטֵייט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער? .. צא

תפא ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין מַאן לֶערְנֶען? פַארְוָואס דַארְף מֶען יֶענֶעם אַוֶועקְמַאכְן? ........ צד

תפב זָאל אִיךְ פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין שָׁנָה רִאשׁוֹנָה ........ ק

תפג זָאל אִיךְ לָאזְן מַיינֶע קִינְדֶער שְׁפִּילְן מִיט שְׁכֵנִים וָואס זֶענֶען נִישְׁט וַואקְסִינִירְט? ........ קב

תפד אִיךְ קֶען נִישְׁט קוֹיפְן תְּפִלִּין פַאר מַיין בַּר מִצְוָה בָּחוּר, אוּן אִיךְ דַארְף חִיזוּק אוֹיף כִּיבּוּד אֵם ........ קה

תפה אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן חִיזוּק אוֹיף טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה? ........ קט

תפו אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר גֶעבְּן מֶער חִיזוּק פַאר מְלַמְּדִים? ........ קיב

תפז אַ רֶמֶז אַז בַּיי אַ שִׁידוּךְ קוּקְט מֶען אוֹיפְ'ן דַאוֶוענֶען ........ קטו

תפח וִויפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר אָנְצוּהוֹיבְּן נָאכְמַאל אוּן נָאכְאַמָאל? ........ קיז

תפט אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ פַארְקְנֶעכְטֶעט צוּ מַיין מַאן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? ........ קכ

תצ וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען אוּן אָנְטוּן תְּפִלִּין? ........ קכג

תצא אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען שִׂיחוֹת הָרַ"ן אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוֹיף אִידִישׁ? ........ קכו

תצב וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאן פוּלְט אָן דִי הוֹיז מִיט אִינְטֶערְנֶעט? ........ קכט

תצג וִוי אַזוֹי דַארְף מֶען מַדְרִיךְ זַיין כַּלּוֹת? ........ קלב

תצד וִוי אַזוֹי גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן חוֹבוֹת? ........ קלו

תצה וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען...? ........ קלט

תצו יֶעדְן טָאג דַארְף מֶען בֶּעטְן פַאר גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער ........ קמג

תצז וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ שְׁוֶוערֶע שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער? .... קמו

תצח וִוי אַזוֹי פִּיר אִיךְ זִיךְ מִיט שַׁחֲרִית, וֶוען אִיךְ לוֹיף שְׁפֶּעט צוּ דִי אַרְבֶּעט? ....... קנ

תצט אַז אַ פְרוֹי דַארְף שֶׁערְן דִי הָאר, אִיז טַאקֶע אַזוֹי הַארְבּ? ........ קנג

**תק** פַארְוָואס חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג? מֶען פַארְלִירְט דָאךְ דִי שֶׁענְסְטֶע בָּחוּרִ'ישֶׁע יָארְן? **קנו**
**תקא** אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ אִידִישְׁקֵייט, וָואס קֶען אִיךְ טוּן? ......... **קסט**
**תקב** וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?............ **קעב**
**תקג** וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אַרוֹיסְזֶען פוּן עֲבֵירוֹת?........................ **קעה**
**תקד** וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַייֶענְדִיג אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן?................................. **קעט**
**תקה** וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן מַיין נְסִיעָה קַיין אוּמַאן?............ **קפד**
**תקו** אִיךְ הַאלְט זִיךְ עֶרְלִיךְ, אוּן אִיךְ פַאל דוּרְךְ, וָואס מֵיינְט דָאס?.......... **קפו**
**תקז** וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן מַיין סֵדֶר אִין לֶערְנֶען? ............ **קפט**
**תקח** אוֹיף וֶועלְכֶע עֲבֵירוֹת הֶעלְפְט דֶער "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי"? ................ **קצג**
**תקט** מֶעג מֶען גֵיין אִין שׁוֹיעֶר נָאךְ דִי מִקְוֶה? .......................... **קצה**
**תקי** אִיז טַאקֶע גוּט דֶער מַאן זָאל לֶערְנֶען אִינְדֶערְהֵיים?.................. **קצז**
**תקיא** זָאל מֶען אָפְּשְׁרַייבְּן דִי "מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה"? ................ **קצט**
**תקיב** וָואס קֶענְט אִיר מִיר דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ?.................. **רא**
**תקיג** וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען דִי קִינְדֶער זָאלְן מַסְכִּים זַיין צוּ בִּילִיגֶע שִׂמְחוֹת?...... **רו**
**תקיד** וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין רֹאשׁ הַכּוֹלֵל אִיז זֵייעֶר נֶערְוֶועז?.................. **רי**
**תקטו** וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין שְׁוֶוער בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ סְמַארְטְפָאוֹן? ............ **ריב**
**תקטז** וִויפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר זִיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין?........................ **ריז**
**תקיז** זָאל אִיךְ מִיטְנֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער אוֹיף אוּמַאן טְרָאץ דִי נִסְיוֹנוֹת פוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם אוֹיפְ'ן וֶועג?.................................. **רכ**
**תקיח** וָואס זָאל אִיךְ טוּן וֶוען אִיךְ זֶע אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים טוּעֶן עֲבֵירוֹת?.......... **רכד**
**תקיט** מֶען טְשֶׁעפֶּעט מִיךְ אִין יְשִׁיבָה וֶועגְן בְּרֶסְלֶב, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?........ **רכח**
**תקכ** וִוי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ מַיין מַעֲשֵׂר גֶעלְט פַאר הֲפָצָה?.................. **רל**
**תקכא** יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר מַאכְן לֶערְנֶען תּוֹרָה.......................... **רלג**
**תקכב** וִוי אַזוֹי קֶען אַ פְרוֹי אָפְּוַואשְׁן דִי נְשָׁמָה פוּן שְׁמוּצִיגֶע פְלֶעקְן?......... **רלו**
**תקכג** מֶעג מֶען לֵיינֶען גוֹיִ'אִישֶׁע בִּיכֶער אִיבֶּער שָׁלוֹם בַּיִת?.............. **רלט**
**תקכד** וָואס מֵיינְט דִי וֶוערְטֶער: "אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִירְט, אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִירְן"? **רמב**
**תקכה** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר נָאכְאַלְץ לִיבּ?........................ **רמה**

תקכו וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין זוּן הָאט נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע סֵדֶר הַיּוֹם? ........ רמז

תקכז עֶס אִיז שׁוֹבָבִ"ים, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְרֶעכְטְן? ................רנ

תקכח וָואס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט מִיט דְרָאגְס? ..........................רנד

תקכט מַיין שְׁטִיף טַאטֶע הַרְגְ'עט מַיין לֶעבְּן מִיטְ'ן סְמַארְטְפָאוֹן .............. רנז

תקל וִוי אַזוֹי וֵוייס אִיךְ אוֹיב אִיךְ וֶועל זַיין עֶרְלִיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה? ...........רסא

תקלא וָואס קֶען אִיךְ טוּן גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער? ................ רסג

תקלב וִוי אַזוֹי הָאט מֶען זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט, נָאךְ דִי בִּיטֶערֶע צְוֵוייטֶע וֶועלְט קְרִיג? ..................................................רסז

תקלג בִּין אִיךְ אֶפְשָׁר אַרוֹיסְגֶעפַאלְן פוּן דִי לִיסְטֶע פוּן שִׁידוּכִים? ...........רעא

תקלד וִוי אַזוֹי רֶעאַגִירְט מֶען וֶוען מֶען קוּמְט אָן אִינְמִיטְן דִי שְׁטוּבּ וִוירְטְשַׁאפְט?ערה

תקלה וֶוער אִיז אַ גוּטֶער חָתָן מַדְרִיךְ? ...........................רפא

תקלו וָואס זֶענֶען דִי הַנְהָגוֹת פוּן בְּרֶסְלֶב פַאר אַ מֵיידְל? ..............רפד

תקלז וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין טָאכְטֶער אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט אַ פְּרָאבְּלֶעמַאטִישֶׁער מַאן? ..................................................רפח

תקלח פַארְוָואס זָאלְן דִי בִּילִיגֶע חֲתוּנוֹת זַיין נָאר פַאר בְּרֶסְלֶב? .............רצא

תקלט אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן וִוי נֵיי גֶעבּוֹירְן אִין אוּמַאן...................רצו

תקמ וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאן אִיז אַ פַארְשְׁלֶעפְּטֶער? ................רחצ

תקמא מֶעג אַ פְרוֹי זַיין נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג אִינְדֶערְהֵיים? ..............שא

תקמב זָאל אַ טַאטֶע לֶערְנֶען מִיט זַיינֶע בָּחוּרִים? ................. שג

תקמג עֶס קוּמְט מִיר נִישְׁט אוּנְטֶער קַיין בִּזְיוֹנוֹת, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן?.. שז

תקמד מַיין וַוייבּ אִיז צוּ שְׁטַארְק פְרוּם, וָואס טוּ אִיךְ? .................. שי

תקמה קֶען מֶען לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת פַאר עֶטְלִיכֶע נְשָׁמוֹת אוֹיפְאַמָאל? .......... שיב

תקמו אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ, אִיר הָאט גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן! ............ שטו

תקמז מֶעג מֶען אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ וַוייל יֶענֶער אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר? ..... שיח

תקמח וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ רַאטֶעוֶוען מַיין שְׁוֶועסְטֶער ....................שכב

תקמט אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ פְלִיקְן דִי בָּארְד? ......................שכד

תקנ פַארְוָואס זָאגְט מֶען נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן אוּם פְרַייטָאג? ............... שכו

תקנא פַארְוָואס עֶסְט מֶען אוּמְשׁוּלְדִיגֶע בַּעֲלֵי חַיִּים? ................... שכח

תקנב מַיין וַוייבּ הֶערְט נִישְׁט אוֹיף שְׁרַייעֶן, זָאל אִיר אִיבֶּערְלָאזְן? ............ שכט

תקנג וִוי אַזוֹי קְרִיכְט מֶען אַרוֹיס פוּן שְׁמוּץ?.................שלב
תקנד וֶועט מִיר שָׁאטְן דִי הַקְפָּדָה פוּן מַיין לֶערֶערִין?.................שלה
תקנה וִוי אַזוֹי שְׁלָאפְט מֶען בִּצְנִיעוּת?.........................שלז
תקנו אֶפְשָׁר שָׁאט מִיר אַ שִׁידוּךְ וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן?...............שלט
תקנז וָואס טוּט מֶען אַז פוּנְקְט וֶוען אִיךְ וִויל זַיין גוּט וֶוערְט מִיר שְׁוֶוערֶער?... שמא
תקנח אִיר קֶענְט מִיר גֶעבְּן חִיזוּק אוֹיף לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה?.... שמה
תקנט מֶעג מֶען עֶסְן אַ קֶענְדִי פַאר קִידוּשׁ אָדֶער הַבְדָלָה? ............... שמט
תקס אִיךְ הָאב אַ בִּיטֶער לֶעבְּן, וִוי אַזוֹי קְרִיךְ אִיךְ אַרוֹיס פוּן שְׁמוּץ?.........שנא
תקסא וָואס עֶנְטְפֶער אִיךְ אוֹיף דִי טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד?.......... שנד
תקסב וָואס טוּט מֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? ...............שס
תקסג אֶפְשָׁר עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען וֵוינִיגֶער, אָבֶער בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין? .......... שסד
תקסד וָואס טוּ אִיךְ וֶועגְן מַיין שְׁוֶועסְטֶער וָואס גְלִיטְשְׁט לֵיידֶער אַוֶועק?......שסו
תקסה וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ אִיז מִיךְ נִישְׁט גֶענוּג מְכַבֵּד? ............... שסט
תקסו זָאל אִיךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן כּוֹלֵל אוּן גֵיין אַרְבֶּעטְן?.................... שעא
תקסז וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן?......................שעד
תקסח וֶוען אוּן וִויפִיל דַארְף מֶען גֶעבְּן מַעֲשֵׂר? ......................... שעז
תקסט וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ וִויסְן אוֹיף זִיכֶער אַז מַיין תְּשׁוּבָה אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם?.. שעט
תקע וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מְחַנֵךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער?..........................שפג
תקעא וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אִידִישְׁקֵייט?......................שפו
תקעב מֶעג מֶען זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן מִיט תְּפִלָּה, אָדֶער נִישְׁט? .................. שפט
תקעג וִוי אַזוֹי פַארְרֶעכְט אִיךְ דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי יוּנְגֶע יָארְן? ............. שצב
תקעד אָפְּלָאזְן אַ שִׁידוּךְ שָׁאט דֶען נִישְׁט? ........................... שצו
תקעה וָואס טוּ אִיךְ אַז שִׂמְחָה הֶעלְפְּט מִיר נִישְׁט?..................... שצט
תקעו מֶעג אִיךְ נֶעמֶען אַ זִינְגֶער אוֹיפְ'ן חֲתוּנָה וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי עֶרְלִיךְ?... תא
תקעז פַארְוָואס שְׁפִּיר אִיךְ נִישְׁט קַיין טַעַם אִין גְמָרָא? ....................תג
תקעח וִוי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען מִיט קִנְאָה צוּ מַיין שְׁוֶועסְטֶעְרְ'ס שָׁלוֹם בַּיִת? .....תה
תקעט פַארְוָואס קֶען אַ פְרוּי נִישְׁט טוּן אַלֶע מִצְוֹת אַזוֹי וִוי דִי מֶענֶער?.........תח
תקפ וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי? ..........................תי
תקפא אִיךְ הָאבּ בִּזְיוֹנוֹת אִין מַיין שׁוּל, זָאל אִיךְ גֵיין עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ? .........תיג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## חלק ו

# תנד

## מֶעג אִיךְ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אִין בֵּית הַכִּסֵא, וֶוען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אוֹיסְוֶועג?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט אֵיין מָאל מִשְׁנָיוֹת.

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז סַיי מַיין יְשִׁיבָה אוּן סַיי מַיין מִשְׁפָּחָה הַאלְטְן נִישְׁט פוּן בְּרֶסְלֶב, אִיךְ מוּז זִיךְ בַּאהַאלְטְן וֶוען אִיךְ הֶער דִי דְרָשׁוֹת; אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיבּ אִיךְ מֶעג הֶערְן דִי דְרָשׁוֹת אִין אַ רֵיינֶע בֵּית הַכִּסֵא?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**ווּאוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה בְּהַתְמָדָה רַבָּה; דוּ בִּיסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, אוֹיךְ הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין דַיין לֶעבְּן 'שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה'. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן בְּקָרוֹב דַיין שִׁידוּךְ און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

נִישְׁט דַיין יְשִׁיבָה און נִישְׁט דַיין מִשְׁפָּחָה זֶענֶען מִתְנַגְדִים אוֹיף בְּרֶסְלֶב; זֵיי וֵוייסְן פָּשׁוּט נִישְׁט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז. וֶוען זֵיי וָואלְטְן גֶעוְוּיסְט וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידוּת, נִישְׁט נָאר זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט גֶערֶעדְט אוֹיף בְּרֶסְלֶב נָאר זֵיי וָואלְטְן אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט דִי קִינְדֶער.

לֵיידֶער לַיידְן מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן דֶעם אָנְשִׁיקֶענִישׁ וָואס רוּפְט זִיךְ: "נַ נַח"; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב און דָאס מַאכְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט לָאזְן זֵייעֶרע קִינְדֶער קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. וֶוען עֶלְטֶערְן דֶערְוִויסְן זִיךְ אַז זֵייעֶר קִינְד הָאט שַׁיְיכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב וְכוּ' רוֹדְפְ'ט מֶען דָאס קִינְד, מֶען טֵיילְט אָפּ מִשְׁפָּחוֹת אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן, מֶען קוּמְט נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶערְ'ס שִׂמְחוֹת וְכוּ' וְכוּ', דָאס אַלֶעס קוּמְט אַלְס רֶעזוּלְטַאט פוּן דֶעם וָואס מֶען מֵיינְט אַז בְּרֶסְלֶב אִיז אַ צֶעוְוילְדֶעוֶועטֶע זַאךְ, אַ פְּלַאץ פוּן מֶפְקָרִים וְכוּ'.

דִי מַחֲלֹקֶת אוֹיף בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט קַיין נַייעֶ זַאךְ; אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַלֵיינְס אִיז שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוֶוען מַחֲלֹקֶת. וֶוען עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מַחֲלֹקֶת הָאט דֶעמָאלְט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "מֶען קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיף מִיר, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ און קְרִיגְן אוֹיף אִים, אִיךְ קְרִיג אוֹיךְ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, - אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס טוּט אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס טוּיגְן נִישְׁט קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ"; מֶענְטְשְׁן

וַוייסְן נִישְׁט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים, אַ פְּלַאץ פוּן עַזּוּת פָּנִים'עֶר. דָאס מַאכְט אַז יֶעדֶע קְלוּגֶע טַאטֶע אוּן מַאמֶע זָאלְן נִישְׁט מַסְכִּים זַיין אַז זֵייעֶר קִינְד זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן אוֹיף אַ פְּלַאץ פוּן עַזּוּת פָּנִים'עֶר, וָואס בֶּאֱמֶת הָאט דָאס נִישְׁט צוּטוּן מִיט בְּרֶסְלֶב, וַוייל אִיבֶּערָאל זֶענֶען דָא עַזּוּת פָּנִים'עֶר.

דוּ זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן לֶערְנֶען פְלַייסִיג אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אוּן נוּץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, וַוייל דִי תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן בְּלַייבְּט אוֹיף אַ גַאנְץ לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, כ): "הַלּוֹמֵד יֶלֶד לְמָה הוּא דוֹמֶה, לִדְיוֹ כְּתוּבָה עַל נְיָר חָדָשׁ". אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן עג): "הָעֲבֹדוֹת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם, עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ", יֶעדְן טָאג עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז חָשׁוּב'עֶר פוּן אַסַאךְ יָארְן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוֹיף דֶער עֶלְטֶער; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב.): "יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַורְדָא", דִי שֶׁענְסְטֶע תְּקוּפָה אִינֶעם לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת", מִיר וֶועלְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת בִּזְכוּת לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת; סַיי דִי גְאוּלָּה בִּכְלָלִיּוּת וֶועט זַיין בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת אוּן אַזוֹי אוֹיךְ

יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶעם גָלוּת אִין זְכוּת וָואס עֶר לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ כֹּחַ מִשְׁנָיוֹת הָאט און וָואס עֶס טוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ; מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוָוענֶען (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת 'מִשְׁנָ"ה'; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט עֶס אִים אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תנה

### קֶען מֶען יוֹצֵא זַיין לִימוּד שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מִיטְ'ן לֶערְנֶען לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווי ווִיכְטִיג עֶס אִיז צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שֻׁלְחָן עָרוּךְ[א]. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אִיךְ הָאבּ אָבֶער יָא זֵייעֶר לִיבּ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג לִקוּטֵי הֲלָכוֹת פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; אִיז דָאס גֶענוּג,

א. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְמַאנְט דָאס כְּסֵדֶר אִין דִי בְּרִיוְון; צוּם בֵּיישְׁפִּיל אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ה', מִכְתָּב תכ, און נָאךְ.

אָדֶער דַארְף אִיךְ אוֹיךְ לֶערְנֶען גֶעהֶעריג שֻׁלְחָן עָרוּךְ? וַוייל מַיין צַייט אִיז זֵייעֶר בַּאגְרֶענִיצְט.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת און שֻׁלְחָן עָרוּךְ זֶענֶען צְווֵיי בַּאזוּנְדֶערֶע זַאכְן;**

לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הָאט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְ'ן בַּאפֶעל פוּן רֶבִּי'ן, דָאס בַּאשְׁטֵייט פוּן חִיזּוּק און עֵצוֹת פַאר יֶעדְן אִיד אִין וָואס פַאר אַ מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ. שֻׁלְחָן עָרוּךְ אִיז דִי תַּמְצִית פוּן תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, דֶער גַאנְצֶער אִיד אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

**דֶערְפַאר** הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז יֶעדֶער אִיד זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט): "כָּל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי מְחֻיָּב לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם פּוֹסְקִים, וְלֹא יַעֲבֹר", יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָּב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכוֹת, "וְאִם הוּא אָנוּס וְאֵין לוֹ פְּנַאי, יִלְמַד עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה סְעִיף שֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהוּא, אֲפִילּוּ שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד עַתָּה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ", אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט וְכוּ' זָאל מֶען לֶערְנֶען אַן הֲלָכָה, אֲפִילּוּ נִישְׁט כְּסִדְרָן וואוּ מֶען הַאלְט וְכוּ', "כִּי

צָרִיךְ לִלְמֹד אֵיזֶה דִּין בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו", ווייל מֶען אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה.

וְוִי לַאנְג מֵיינְסְטְנְס נֶעמְט צוּ לֶערְנֶען הֲלָכָה? דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "מְעַט גַּם כֵּן טוֹב", אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט; זֶע צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען הֲלָכָה.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זָאגְט מֶען זָאל הַאלְטְן אִין טַלִית בַּייטְל אַ קְלֵיינֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן יֶעדְן טָאג זָאל מֶען לֶערְנֶען מִיט דִי רַבֵּינוּ תַּם'ס תְּפִילִין לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין הֲלָכָה; אַזוֹי קוּמְט אוֹיס אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג הֲלָכָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תנו

**דֶער רֶבִּי צִיט אַרוֹיס בַּיי דִי פֵּיאוֹת פוּן גֵיהִנוֹם, וְוִי אַזוֹי צִיט עֶר אַרוֹיס אַ פְּרוֹי?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי וֶועט עֶר אַרוֹיסְצִיעֶן בַּיי דִי פֵּיאוֹת פוּן גֵהִינוֹם, וָואס טוּט זִיךְ מִיט פְּרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט קַיין פֵּיאוֹת, וְוִי אַזוֹי וֶועט דֶער רֶבִּי זֵיי אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן?

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן, עֶר וֶועט זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

דִי הַבְטָחָה פוּן רֶבִּי'ן, אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן בַּיי דִי פֵּיאוֹת פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית - אִיז סֵיי פַאר מֶענֶער אוּן סֵיי פַאר פְרוֹיעֶן; דֶער רֶבִּי אִיז אַ מַתָּנָה פַאר אַלֶע אִידְן - זָאל זַיין וֶוער זָאל נָאר זַיין, אַז מֶען קוּמְט קַיין אוּמַאן וֶועט דֶער רֶבִּי מְתַקֵּן זַיין.

**דָאס** וָואס אִיר פְּרֶעגְט אַז פְרוֹיעֶן הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט קַיין פֵּיאוֹת; וֶועל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט. וֶוען עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָארְן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל קַיין אוּמַאן, שְׁנַת תשכ"ו, זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען אִין עֶירְפָּארְט אִין מָאסְקְוֶוע מִיט נָאךְ אַנְשֵׁי

שְׁלוֹמֵינוּ, זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעטְרָאפְן אַ שְׂרַייבֶּער אַ גְרוֹיסֶער אַפִּיקוֹרֶס, אַן אֵיידֶעם פוּן 'שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם'ב וֶועלְכֶער אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועזְן אַ גְרוֹיסֶער מִין אוּן אַפִּיקוֹרֶס; וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען דִי גְרוּפֶּע אִידְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען אוּן גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וואוּ קוּמְט אִיר אוּן וואוּ פָארְט אִיר?" הָאט אִים אֵיינֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מִיר פָארְן צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן", אוּן אִים פָארְגֶעשְׁלָאגְן עֶר זָאל מִיט קוּמֶען קַיין אוּמַאן אַזוֹי וֶועט עֶר אוֹיךְ הָאבְּן אַ תִּיקוּן, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט שְׁפַּאס אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דָאךְ נִישְׁט קַיין פֵּיאוֹת, פוּן וואוּ וֶועט מִיר דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן?!" הָאט אִים דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אוֹיעֶרְן הָאסְטוּ - יָא? אוֹיבּ קוּמְסְטוּ מִיט אוּנְז קַיין אוּמַאן זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז דֶער רֶבִּי וֶועט דִיר אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן בַּיי דִי אוֹיעֶרְן".

**וואוֹיל** אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֵייגְט אַוֶועק אַלֶע חָכְמוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת אוּן פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אַלֶעם צוּ פַארְרֶעכְטְן.

---

ב. 'שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם' אִיז דִי פֶּען-נָאמֶען פוּנֶעם מַשְׂכִּיל אוּן אֶפִּיקוֹרֶס שָׁלוֹם רַאבִּינָאוִויטְשׁ שר"י.

# תנז

## מֶעג אִיךְ אִיבֶּערְזָאגְן אַ שֵׁיינֶע גְמָרָא פַאר מַיין וַוייבּ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וֶוען אִיךְ לֶערְן אַ שֵׁיין שְׁטִיקְל גְמָרָא, אַ שֵׁיינֶע סְבָרָא אָדֶער אַ שֵׁיינֶע אַגַּדְתָּא, מֶעג אִיךְ עֶס אִיבֶּערְזָאגְן פַאר מַיין וַוייבּ? וָואס מֶעג אַ פְרוֹי יָא לֶערְנֶען אוּן וָואס נִישְׁט?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִין** שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמו, סְעִיף ו) כָאטְשִׁיג אוֹיבּ אַ פְרוֹי וֶועט לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶועט זִי בַּאקוּמֶען שְׂכַר דֶערוֹיף, דָאךְ זָאלְן פְרוֹיעֶן נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים הָאבְּן גֶעזָאגְט (סוֹטָה כא:): "כָּל הַמְלַמֵּד אֶת בִּתּוֹ תּוֹרָה, כְּאִלּוּ מְלַמְּדָהּ תִּפְלוּת", וֶוער עֶס לֶערְנְט מִיט זַיין טָאכְטֶער תּוֹרָה אִיז אַזוֹי ווִי עֶר לֶערְנְט מִיט אִיר צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, זָאגְט דֶער רְמָ"א (יוֹרֶה דֵעָה, שָׁם): "וּמִכָּל מָקוֹם חַיֶּבֶת הָאִשָּׁה לִלְמֹד דִּינִים הַשַּׁיָּכִים לְאִשָּׁה", אָבֶּער אַלֶע הֲלָכוֹת

וָואס זֶענֶען שַׁיָיךְ בַּיי פְּרוּיעֶן דָאס דַארְף מֶען יָא לֶערְנֶען מִיט זֵיי, עַיֵין שָׁם.

**דָאס** אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן צוּ לֶערְנֶען מִיט זֵיי וְכוּ', אָבֶער אַגָּדוֹת חֲזַ"ל אוּן מוּסָר דָאס אִיז יָא גוּט זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דָאס הָאבְּן זִיךְ אַלֶע עֶרְלִיכֶע פְּרוֹיעֶן גֶעפִּירְט צוּ לֶערְנֶען. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיווג: "בְּדוֹרוֹת הַקּוֹדְמִים הָיָה לְכָל בֵּית יִשְׂרָאֵל מָסוֹרֶת אָבוֹת וְאִמָּהוֹת לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַדָּת וְלִקְרוֹת בְּסֵפֶר 'צְאֶינָה וּרְאֶינָה' בְּכָל שַׁבָּת קוֹדֶשׁ", אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת פְלֶעגְן דִי פְרוֹיעֶן לֶערְנֶען יֶעדְן שַׁבָּת דֶעם סֵפֶר צְאֶינָה וּרְאֶינָה - דִי פַּרְשָׁה דֶערְצֵיילְט עַל פִּי חֲזַ"ל.

**דֶערִיבֶּער** אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען דוּ לֶערְנְסְט אוּן דוּ טְרֶעפְסְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה אִין דִי גְמָרָא - זָאלְסְטוּ דָאס דֶערְצֵיילְן פַאר דַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

ג. דֶער בְּרִיוו אִיז גֶעדְרוּקְט אִין סֵפֶר "הֶחָפֵץ חַיִּים וּפָעֳלוֹ", חֵלֶק ג', עָמוּד תתשיג; אַזוֹי אוֹיךְ שְׁרַייבְּט דֶער חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן אִין זַיין סֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אוֹיף מַסֶּכֶת סוֹטָה, סוֹף פֶּרֶק ג.

# תנח

## אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶענוּג צוּפְרִידְן פוּן מַיין וַוייבּ, אִיז דָא אוֹיף דֶעם אַן עֵצָה?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט דוּרְכְרֶעדְן מִיט אַייךְ אַן עֶרְנְסְטֶע נוֹשֵׂא אִין וָואס אִיךְ דַארְף הִילְף. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר צוּרִיק, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ וואוילֶע גוּטֶע וַוייבּ אוּן מִיר הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶער אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶענוּג צוּפְרִידְן מִיט מַיין וַוייבּ.

שׁוֹין פוּן אַלְס קִינְד הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע מָאוּיִים, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מַיין שׁוּלְד אָבֶער פַּאקְטִישׁ אִיז עֶס אַזוֹי גֶעוֶוען, דָאס הָאט מִיךְ גֶעשְׁלֶעפְּט צוּ זֶען אוּן טְרַאכְטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז מַיין וַוייבּ קֶען מִיךְ נִישְׁט גֶענוּג בַּאפְרִידִיגְן. זִי אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שְׁלֶעכְט, אָבֶער זִי אִיז זֵייעֶר פַּארֶעוָוע אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז דָאס אִיז נִישְׁט גֶענוּג פַאר מִיר.

אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶערֶעדְט אָפְן צוּ מַיין וַוייבּ וֶועגְן דֶעם, וַוייל אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט אַז זִי וֶועט מִיר פַארְשְׁטֵיין אוּן אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט אַז זִי וֶועט זִיךְ טוּישְׁן צוּלִיבּ דֶעם. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזוּכְט קַיין גְלִיקְן אִין דִי פְרֶעמְד, אִיךְ וִויל נִישְׁט רוּאִינִירְן מַיין לֶעבְּן, אָבֶער אִיךְ מוּז טְרֶעפְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין מַיין מַצָּב.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט זַיין דֶער רִיכְטִיגֶער שָׁלִיחַ מִיר אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן בְּעֵצָה וְתוּשִׁיָּה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן
לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַז** מֶען קוּקְט עֶקְלְדִיגֶע מָאוּוים רַחֲמָנָא לִצְלָן וֶוערְט דֶער מֹחַ זֵייעֶר פַּארְדְרֵייְדְט אוּן טְרַאכְט שׁוֹין נִישְׁט ווִי עֶס דַארְף צוּ טְרַאכְטְן; אָפְּגֶערֶעדְט אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין שְׁטוּבּ מִיט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אֲפִילוּ מִיט זִיךְ אַלֵיינְס קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְן. אֵיין עֵצָה אִיז דָא, פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּבִפְּשִׁיטוּת.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כָּךְ וְכָךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וָוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שְׁמוּעֶס, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייקְט זִיךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיב עֶר וֶועט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען 'כַּךְ וְכַךְ', - וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הֵייבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת. לֶערְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְן צְוֵוייטְן; אִין אָנְהוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל מָאל זִינְדִיגְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט מֶען דֶעם מֹחַ. אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּין פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, קי): "סִלּוּקָא דִיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא", אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּיסוֹד, גֵייט דֶער פְּגַם בִּיזְן מֹחַ; מֶען פַארְלִירְט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶעטְרִירְן וְכוּ'. אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען וַוייטֶער זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ טוּן עֲבֵירוֹת אוּן מֶען רַייסְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי קְלִיפּוֹת.

**אִיךְ** זָאג דִיר נָאכְאַמָאל: "קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר דוּ אַלֵיינְס"; אוּיבּ דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אוּן עֶס מְקַיֵים זַיין, דוּ וֶועסְט זָאגְן מִשְׁנָיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, וֶועסְטוּ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיין שְׁרֶעקְלִיכְן פְּלָאנְטֶער אִין וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן. כָּל שֶׁכֵּן אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, "חַ"י חַ"י הוּא יוֹדֶךָ כָּמוֹנִי הַיּוֹם (יְשַׁעְיָה לח, יט)" - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין דוּרְכְדֶעם צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**אַז** דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועט דַיין ווייבּ הָאבְּן בַּיי דִיר אַלֶע חֵן פוּן דִי וֶועלְט; נִישְׁטָא קַיין שׁוּם פְּלַאץ וואוּ צוּ טְרֶעפְן גְלִיקְן - וִוי דוּ רוּפְסְט עֶס, מֶען קֶען טְרֶעפְן אוּמְגְלִיקְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, וַוייל אַז מֶען טוּט עֲבֵירוֹת וֶוערְט מֶען אוּמְגְלִיקְלִיךְ. דַיין גְלִיק לִיגְט אִין דַיין שְׁטוּבּ; דַיין וַוייבּ - זִי אִיז דַיין גְלִיק, עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז דַיין גְלֶעזֶער אִיז דִיר אַזוֹי פַארְשְׁמִירְט אַז דוּ קֶענְסְט אִיר נִישְׁט זֶען, דַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען פַארְשְׁמִירְט אוּן פַארְקְלֶעבְּט אוּן אַלְס רֶעזוּלְטַאט מֵיינְסְטוּ אַז עֶס אִיז דָא בֶּעסֶערְס, פוּץ אוֹיס דַיין גְלֶעזֶער וֶועסְטוּ זֶען וִוי דַיין וַוייבּ הָאט פַאר דִיר אַלֶע חֵן פוּן דִי וֶועלְט.

# תנט[ד]

**וָואס טוט מֶען אַז אִיךְ וויל גֶעבְּן וַואקְסִינֶען און מַיין וַוייבּ וויל נִישְׁט?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער דִי ווִיכְטִיגְקֵייט צוּ גֶעבְּן וַואקְסִינֶען פַאר דִי קִינְדֶער, סְפֶּעצִיעֶל יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז דָא אַן אוֹיסְבְּרוּךְ פוּן מִיזֶעלְס הַשֵׁם יְרַחֵם. אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין אִין דִי פֶעלְד פוּן דָאקְטֶערַיי, פַארְשְׁטֵיי אִיךְ און אִיךְ וֵוייס אוֹיךְ דִי קְרִיטִישׁ-ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם, מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר קֶעגְן דֶעם, זִי הָאט זִיךְ אָנְגֶעהֶערְט פוּן פַארְשִׁידֶענֶע רֶעדְנֶערְס אַז עֶס אִיז אַ סַכָּנָה צוּ גֶעבְּן דִי וַואקְסִינֶען און אַז דֶער גוּף דַארְף זִיךְ קֶענֶען אַלֵיינְס קְרִיגְן מִיט אַלֶע קְרֶענְק, און אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיבּ עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ רִיזִיקִירְן דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת און גֶעבְּן וַואקְסִינֶען פַאר דִי קִינְדֶער הוּנְטֶער אִיר רוּקְן, אָן אִיר רְשׁוּת; ווִי אַזוֹי דַארְף אִיךְ הַאנְדְלֶען אִין אַזַא מַצָב?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַ** אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ דַארְף זַיין גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי תּוֹרָה; אַז מַאן און וַוייבּ פְרֶעגְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וָואס דִי דַעַת תּוֹרָה אִיז - דֶעמָאלְט הָאט דִי שְׁטוּבּ אַ קִיוּם.

ד. נָאךְ אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב תפג.

**אַ** שְׁטוּבּ וָואס פִּירְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דַעַת תּוֹרָה וֶוערְט חָרוּב בַּיים סוֹף; כַאפּ אָן אַ דֻגְמָא, וִויפִיל שְׁטוּבֶּער וֶוערְן חָרוּב צוּלִיבּ דֶעם וָואס מַאן אוּן וַוייבּ זֶענֶען נִישְׁט פַאראֵיינִיגְט וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, דֶער מַאן קוּמְט פוּן אֵיין סָארְט שְׁטוּבּ, דִי פְרוֹי קוּמְט פוּן גָאר אַן אַנְדֶערֶע סָארְט שְׁטוּבּ - אוּן בֵּיידֶע הַאלְטְן אַז זֵיי וֵוייסְן אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן בֶּעסֶער אֵיינֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן. מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ כְּסֵדֶר, יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם וָואס מֶען הָאט לֵייגְט מֶען אָן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן; וֶוען דִי פָּארְפָאלְק וָואלְט וֶוען גֶעהַאט אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, אַ דַיָין אָדֶער אַ רָב וְכוּ' וָואס זָאל זֵיי מַדְרִיךְ זַיין וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער וָואלְטְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט גֶעקְרִיגְט אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

**דַיין** שְׁאֵלָה הוֹיבְּט זִיךְ נִישְׁט אָן יֶעצְט בְּעִנְיָן וַואקְסִינֶען - צִי דוּ זָאלְסְט גֶעבְּן וַואקְסִינֶען אָדֶער נִישְׁט, דוּ הָאסְט נָאךְ צֶענְדְלִיגֶער זַאכְן וָואס דוּ הַאלְסְט אֵיין וֶועג אוּן דַיין וַוייבּ הַאלְט פַארְקֶערְט אוּן אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען וְכוּ'; אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אַז בֵּיידֶע פוּן אַייךְ זָאלְן אָנְנֶעמֶען וָואס אַייעֶר רָב זָאגְט, אַזוֹי וֶועט אִיר זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן קְרִיגְן אַ גַאנְצְן טָאג, אִיר וֶועט לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה.

**אִיךְ** שְׁרַייבּ דִיר נָאכְאַמָאל וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ אִינְמִיטְן וִוינְטֶער וֶוען עֶס אִיז זֵייעֶר קַאלְט (אִין אוּקְרֵיינָא אִין אַ גֶעוֶוענְלִיכְן וִוינְטֶער גֵייט אַרָאפּ דֶער גְרַאד בִּיז אוּנְטֶער זִירָא, עֶס קֶען אֲפִילוּ אַרָאפְּגֵיין בִּיז דְרַייסִיג דֶעגְרִי

אוּנְטֶער זירָא) דַארְף מֶען נֶעמֶען דִי קִינְדֶער צוּם דָאקְטֶער זֵיי צוּ גֶעבְּן שַׁאטְס, אוּן וֶוער עֶס גֶעבְּט נִישְׁט קַיין שַׁאטְס פַאר דִי קִינְדֶער אִיז אַ רוֹצֵחַ" (עַיֵּין בְּסֵפֶר אַבְנֵיהָ בַּרְזֶל, סִימָן לד).

**מִיר** ווייסְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דָאקְטוֹרִים וְכוּ' (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ); מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר גֶעהֵייסְן אַז מֶען מוּז גֶעבְּן פַאר יֶעדְן קִינְד שַׁאטְס.

**דָאס** הָאט דֶער רֶבִּי נָאךְ גֶעזָאגְט פַאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, וֶוען דִי מֶעדֶעצִינֶען זֶענֶען נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי פָארְגֶעשְׁרִיטְן ווִי הַיינְט; דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט זַיין קַיין אוֹיבֶּער חָכָם, נָאר מִיר דַארְפְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן גֶעבְּן שַׁאטְס פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין אַז זֵיי זָאלְן גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע קְרֶענְק. לֵיידֶער זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוערְן פַארְפִירְט פוּן נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן דְרָשׁוֹת וְכוּ' אוּן מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט עֶלְטֶערְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ דָאקְטוֹרִים וְכוּ', מֶען שְׁרֶעקְט אָן מֶענְטְשְׁן אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֶעבְּן קַיין שַׁאטְס פַאר דִי קִינְדֶער וְכוּ'.

**וואוּיל** אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֵייגְט אַוֶועק זַיין שֵׂכֶל אוּן פָאלְגְט וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

# תס

## וויפִיל דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן? וָואס זֶענֶען מִנְהָגִים בַּיים זִיךְ אַרַיינְצִיעֶן אִין אַ נֵייעֶ דִירָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק אוּן בְּרִיוו, סְפֶּעצִיעֶל דִי סָארְט בְּרִיוו וָואס אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן בָּרַבִּים; דָאס גֶעבְּט מִיר פִיל כֹּחַ אוּן חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן אוּן אִיךְ נֶעם אַרוֹיס אַסַאךְ עֵצוֹת פַאר מַיין פֶּערְזֶענְלִיכְן לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט אַן עֲבֵירָה אוּן עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן גֶעזָאגְט תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דַארְף עֶר נָאךְ הַאלְטְן אִין אֵיין תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם, אָדֶער זָאל עֶר אִינְגַאנְצְן אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן פוּן דֶעם, ווייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים שׁוֹין זִיכֶער מוֹחֵל גֶעוֶוען?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אִין בְּרֶסְלֶב גֶעווִיסֶע מִנְהָגִים וָואס זִיךְ צוּ פִירְן וֶוען מֶען צִיט זִיךְ אַרַיין אִין אַ נֵייעֶ דִירָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**תְּשׁוּבָה אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען טוּט אֵיין מָאל אוּן גֶעעֶנְדִיגְט, מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג תְּשׁוּבָה טוּן**

פוּנְדַאסְנֵיי. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו', אוֹת ג): "וְצָרִיךְ לֶאֱחֹז תָּמִיד בְּמִדַּת הַתְּשׁוּבָה", מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כ, ט): "מִי יֹאמַר זִכִּיתִי לִבִּי טָהַרְתִּי מֵחַטָּאתִי", וֶוער קֶען זָאגְן: 'מַיין הַארְץ אִיז רֵיין פוּן עֲבֵירוֹת'? דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג תְּשׁוּבָה טוּן; עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען דֶעם תּוֹרָה וֶועסְטוּ זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיט תְּשׁוּבָה.

מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (בְּרָכוֹת לד:): "מָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִין אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִין יְכוֹלִין לַעֲמֹד שָׁם", צַדִּיקִים קֶענֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען אַזוֹי הוֹיךְ וואוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן תְּשׁוּבָה קוּמֶען אָן; נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (פְּסִיקְתָּא דְרַב כַּהֲנָא, פָּרָשָׁה מד): "גָּדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה, שֶׁכֵּיוָן שֶׁאָדָם מְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, מִיַּד הִיא עוֹלָה לֹא עַד עֲשָׂרָה יָמִים, וְלֹא עַד עֶשְׂרִים וְלֹא עַד מֵאָה, אֶלָּא עַד מַהֲלַךְ חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנִים; וְלֹא עַד רָקִיעַ רִאשׁוֹן וְשֵׁנִי, אֶלָּא שֶׁהִיא עוֹמֶדֶת לִפְנֵי כִּסֵּא הַכָּבוֹד", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נָאר פוּן תְּשׁוּבָה - עֶר ווִיל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט עֶר גְלַייךְ אָן צוּם כִּסֵּא הַכָּבוֹד; דֶערִיבֶּער צִיטֶערְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר וֵוייסְט אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן גֶעטוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוֹיבּ זָאגְט עֶר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, חָטָאתִי, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט",

און עֶר הָאט חֲרָטָה אוֹיף זַיינֶע מַעֲשִׂים גֶעמְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ צוּרִיק. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵין בְּמִדְבָּר רַבָּה כ, טו): "בִּלְעָם הָיָה רָשָׁע עָרוּם, וְיוֹדֵעַ שֶׁכָּל מִי שֶׁחוֹטֵא וְאוֹמֵר חָטָאתִי, אֵין רְשׁוּת לַמַּלְאָךְ לִגַּע בּוֹ", וֶוען בִּלְעָם הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער מַלְאָךְ שְׁטֵייט פַאר אִים מִיט אַ שְׁווֶערְד און ווִיל אִים הַרְגְ'עֶנֶען הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעזָאגְט: "חָטָאתִי", ווַייל עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט דֶעם סוֹד אַז וֶוער עֶס אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה און זָאגְט: "חָטָאתִי" - קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, אֲפִילוּ אַ מַלְאָךְ קֶען אִים נִישְׁט אָנְרִירְן, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם וָוארְט "חָטָאתִי", אַז דֶער מַלְאָךְ זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן.

וֶועגְן דֶעם רֶעדְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ: 'וָואס דַארְפְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן? וָואס הָאסְטוּ אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן?' אָדֶער זָאגְט עֶר פַארְ'ן מֶענְטְשׁ: 'דוּ הָאסְט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה צוּ טוּן'; אַלֶעס נָאר ווַייל עֶר הָאט מוֹרָא אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט תְּשׁוּבָה טוּן.

**דֶערִיבֶּער** זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן און אָנְהוֹיבְּן יֶעדְן טָאג פוּנְדָאסְנֵיי תְּשׁוּבָה צוּ טוּן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סב): "עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, נִישְׁט אַלְט וֶוערְן און טְרַאכְטְן 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן'.

**דֶער** רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מְשַׁבֵּחַ גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז רֶבִּי

זוּשָׁא אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען צְוַויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר בִּרְצִיפוּת מִיטְ'ן זֶעלְבֶּע בְּרֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בְּדֶרֶךְ כְּלַל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הוֹיבְּט מֶען אָן מִיט אַ בְּרֶען אוּן נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען אַרָאפּ וְכוּ', אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן זֶעלְבְּן בְּרֶען פַּאר צְוַויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר (עַיֵין חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקיח).

**בְּנוֹגֵעַ** וָואס מֶען זָאל טוּן וֶוען מֶען צִיט זִיךְ אַרַיין אִין אַ נַייעֶ דִירָה וְכוּ'; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת בַּיִת, סִימָן יג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לְהִכָּנֵס לְבַיִת לָדוּר בְּתוֹכוֹ, יֹאמַר הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ, וְאַחַר כָּךְ יִכָּנֵס לָדוּר בְּתוֹכוֹ", וֶוער עֶס גֵייט וואוֹינֶען אִין אַ נַייעֶ דִירָה - זָאל זָאגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אוּן נָאכְדֶעם זִיךְ אַרַיינְצִיעֶן דָארְט; זֶע צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ, גֵיי נִישְׁט בַּיינַאכְט אִין שׁוּל. אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס וִויל בֶּאֱמֶת לֶערְנֶען דַארְף נִישְׁט קַיין כּוֹלֵל, עֶר קֶען זִיצְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט אוּן צוּפְרִי לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן (אִינְמִיטְן טָאג אִיז נִישְׁט כְּדֵי צוּ זִיצְן אִין שְׁטוּבּ), בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט קֶען מֶען מְסַיֵים זַיין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ.

**אַז** דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה אִין שְׁטוּבּ וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה, וֶועסְט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת שָׁם, סִימָן ט): "כָּל בַּיִת שֶׁנִּשְׁמָעִין בּוֹ דִּבְרֵי תוֹרָה, שׁוּב אֵינוֹ נֶחֱרַב", אַ הוֹיז וָואס מֶען הֶערְט דָארְט אַ קוֹל תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט חָרוּב וֶוערְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט נָאר מַאכְן שִׂמְחוֹת.

# תסא

## וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער וָואס הַאלְטְן נִישְׁט בַּיים אַיינְזִיצְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים דֶעם פַּארְגַאנְגֶענֶעם זוּמֶער אוּן דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעטוֹיִשְׁט צוּם גוּטְן אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן, וִוי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה אוּן אִיךְ זָאג יֶעדְן טָאג דְרֵיי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ מַמָּשׁ וִוי אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַלְץ אַז מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פַאר דִי קִינְדֶער בַּיים שַׁבָּת טִישׁ, אִיךְ פְּרוּבִיר דִי לֶעצְטֶע פָּאר וָואכְן צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת בַּיים טִישׁ, אָבֶּער מַיינֶע קִינְדֶער הֶערְן מִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט אוֹיס, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם דוּרְכְאוֹיס דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֵיין נִישְׁט אַז נָאר דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען ווילְד אוּן שְׁפְּרִינְגֶעדִיג וְכוּ', דָאס אִיז דִי גֶעזוּנְטֶע נַאטוּר פוּן קִינְדֶער; גֶעזוּנְטֶע**

קִינְדֶער שְׁפְּרִינְגֶען אוּן קְרִיגְן זִיךְ בַּיים שַׁבָּת טִישׁ אוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי עֶלְטֶערְן אִיז צוּ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע חָכְמוֹת צוּ מַאכְן אַז דִי סְעוּדָה זָאל זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט.

**וָוען** מֶען הָאט עֶלְטֶערֶע אוּן יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים דַארְף מֶען מַאכְן דִי סְעוּדָה אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר בֵּיידֶע.

מֶען קֶען נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער צוּ זִיצְן בַּיים טִישׁ בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, דֶערִיבֶּער אִיז גוּט אַז אָנְהוֹיב סְעוּדָה זָאל מֶען מֶער רֶעדְן צוּ דִי קְלֵיינְטְשִׁיגֶע קִינְדֶער, ווִילַאנְג זֵיי הַאלְטְן נָאךְ מִיט דִי סְעוּדָה, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן זִיךְ שְׁפִּילְן - זָאל מֶען מֶער פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי עֶלְטֶערֶע; מֶען גֵייט אִיבֶּער דִי פַּרְשָׁה, מֶען פְרֶעגְט יֶעדְן קִינְד אַ שְׁאֵלָה אוּן מֶען פַארְבְּרֵייטֶערְט דֶעם תֵּירוּץ מִיט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מִדְרָשִׁים וְכוּ'.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז מִיט אַלֶע חָכְמוֹת אוּן עֵצוֹת דַארְף מֶען מַאכְן אַסַאךְ תְּפִילוֹת יֶעדֶע וָואךְ פַאר שַׁבָּת

קוּמְט צוּ גֵיין אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע צִיטֶערְט זֵייעֶר פוּנֶעם שַׁבָּת, עֶר וֵוייסְט אַז שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס דֶער אִיד קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שַׁבָּת בּוֹיט דֶער אִיד זַיין שְׁטוּבּ, זַיין וַוייבּ אוּן זַיינֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר עֶס זָאל זַיין מַחֲלֹקֶת אוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, אַבִּי דֶער שַׁבָּת זָאל זַיין צֶעשְׁטֶערְט. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אִין סֵפֶר עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ (מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד, אוֹת קמ) אַז

עֶרֶב שַׁבָּת קוּמְט דֶער שָׂטָן אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אוּן מַאכְט עֶס זָאל אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מַחְלוֹקֶה צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ; עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ, בְּעִיקָר אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, ווייל וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ אוּן לֶעבְּן צוּזַאמֶען בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ דָארְט אִיז דֶער שָׂטָן; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת שָׁלוֹם, סִימָן יח): "הַבְּרָכָה בָּא עַל יְדֵי שָׁלוֹם"; אוֹיבּ מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם וֶועט מֶען הָאבְּן בְּרָכוֹת; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט בֵּייזֶערְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט, אַזוֹי אַרוּם וֶועט מֶען נִיצוֹל וֶוערְן פוּנֶעם שָׂטָן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל הֶערְשְׁן אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ; אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועלְן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אַוֶועק פַאלְן. קִינְדֶער וַוארְטְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ פַאר'ן הֵיילִיגְן שַׁבָּת - אַ צַייט וָואס מֶען פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זֵיי מִיט שִׂמְחָה אוּן מְנוּחָה.

גֶעדֶענְק אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם רֹאשׁ הַמִּשְׁפָּחָה; אַז דֶער טַאטֶע אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז אַלֶעס גוּט, אוּן אַז דֶער טַאטֶע אִיז נֶערְוֶועז - דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. דֶער טַאטֶע דַארְף נִישְׁט מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען זֶען אוּן נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען

הֶערְן; אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן חֵשֶׁק צוּ זִיצְן נֶעבְּן דִיר אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִיר בַּיי דִי סְעוּדָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תסב

### מֶעג אִיךְ גֵיין אִין מִקְוֶה אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ מוֹרְסֶע?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, חִיזוּק וֶוערְטֶער אוּן דְרָשׁוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן דִי כֹּחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע תִּיקוּן פַאר דִי נְשָׁמָה, אוּן אִיךְ פְּלֶעג טַאקֶע זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג.

דִי לֶעצְטֶע פָּאר חֳדָשִׁים הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען דִי מוֹרְסֶע אִינְפֶעקְשְׁן אוּן לוֹיט מַיין דָאקְטֶערְ'ס מֵיינוּנְג אִיז מִקְוֶה דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ פַאר דֶעם, אוֹיךְ זָאגְט עֶר אַז אַנְדֶערֶע קֶענֶען עֶס אִיבֶּערְכַאפְּן אוֹיבּ אִיךְ גֵיי אִין מִקְוֶה. ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס קֶען עֶרְזֶעצְן אַ מִקְוֶה, אָדֶער זָאל אִיךְ זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן פוּן וָואס דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אוּן זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ[ה] וָואס זָאגְט אַז אֵיין טְבִילָה וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט שָׁאטְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ

ה. דִי קַבָּלָה וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר מִשְׁמֶרֶת שָׁלוֹם חֵלֶק א', סִימָן ב', סְעִיף א; וְעַיֵין דִבְרֵי יְחֶזְקֵאל הֶחָדָשׁ עַמוּד שלה.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**חַס** וְשָׁלוֹם צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה וֶוען מֶען הָאט מוֹרְסֶע; מֶען קֶען גוֹרֵם זַיין אַז אַלֶע וָואס טוֹבְל'ן זִיךְ זָאלְן בַּאקוּמֶען דִי מַחֲלָה לֹא עָלֵינוּ.

**אֱמֶת** טַאקֶע, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קכג): "מִקְוֶה אֵינָהּ מַזֶּקֶת כְּלָל, וְהַדָּאקְטֶער שֶׁיֹּאמַר לוֹ שֶׁמִּקְוֶה מַזֶּקֶת, אֵינוֹ דָאקְטֶער כְּלָל", מִקְוֶה שָׁאט נִישְׁט פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ אוּן אַז אַ דָאקְטֶער זָאגְט אַז מִקְוֶה שָׁאט אִיז דֶער דָאקְטֶער נִישְׁט קַיין דָאקְטֶער, אַדְּרַבָּה, מִקְוֶה אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט אוּן עֶס אִיז וִויכְטִיג פַּארְ'ן גֶעזוּנְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ הָאט פוּל מִיט קְלֵיינֶע לֶעבֶערְלֶעךְ אִין זַיין גוּף וָואס פוּן דָארְט קוּמְט אַרוֹיס דִי שְׁוֵויס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דִי לֶעבֶערְלֶעךְ דַארְפְן זַיין אָפְן אוּן דוּרְךְ דִי מִקְוֶה וֶוערְט דָאס גֶעעֶפְנְט, אַזוֹי וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעזוּנְט; אָבֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ מַחֲלָה, וָואס אוֹיבּ עֶר וֶועט גֵיין אִין מִקְוֶה וֶועט זִיךְ דִי מַחֲלָה אַרַיינְכַאפְן אִין דִי וַואסֶער - דֶעמָאלְט טָאר מֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה; בִּיז דֶערְוַוייל זָאלְסְטוּ יוֹצֵא זַיין מִיט תִּשְׁעָה קַבִּין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס וואוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מִקְוֶה, אָדֶער עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט לֹא עָלֵינוּ וְכוּ', דֶעמָאלְט

קֶען עֶר נֶעמֶען אַ שׁוּיעֶר, לָאזְן רֵינֶען דִי וַואסֶער פַאר בְּעֶרֶךְ פִינְף מִינוּט אוּן מִיט דֶעם זִיךְ מְטַהֵר זַיין. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס אִיז נָאר פַאר אַ מַאן אוּן אוֹיךְ נָאר בִּשְׁעַת הַדְּחַק.

# תסג

### וָואס אִיז שְׁלֶעכְט מִיט אַ גְרַאמֶער בַּיים קַבָּלַת פָּנִים?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַאכְט אַוֶועק דָאס נֶעמֶען אַ גְרַאמֶער בַּיים קַבָּלַת פָּנִים אַז עֶר זָאל מְעוֹרֵר זַיין דֶעם חָתָן צוּ וֵויינֶען; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דָאס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט, דֶער חָתָן בְּיוֹם חֻפָּתוֹ דַארְף דָאךְ טַאקֶע וֵויינֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן פַאר זַיין נַייעֶם לֶעבְן אִין וָואס עֶר גֵייט יֶעצְט אַרַיין, וָואס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט אַז מֶען נֶעמְט אַ גְרַאמֶער אִים מְעוֹרֵר זַיין צוּ וֵויינֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וִויסְן** זָאלְסְטוּ אַז אַ חָתָן בְּיוֹם חֻפָּתוֹ הָאט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער כֹּחַ אִין הִימְל צוּ פּוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת - סַיי פַאר זִיךְ, סַיי פַאר זַיינֶע קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת אוּן סַיי פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן.

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט דֶער סִיפּוּר אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זִיךְ בַּאקְלָאגְן אַז אִיר דִינְסְט הָאט אִיר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוּן זִי דַארְף אַ דִינְסְט צוּ הֶעלְפְּן אִין שְׁטוּב, הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אַ דִינְסְט וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דִי חוּפָּה?" זֶעט מֶען וָואס פַּאר אַ כֹּחַ חָתָן כַּלָּה הָאבְּן בְּיוֹם חֻפָּתָם; מֶען קֶען אִין דֶעם טָאג אַלֶעס פּוּעֶלְ'ן.

**דָאס** וָואס דוּ פְּרֶעגְסְט פַּארְוָואס מֶען מַאכְט אַוֶועק דֶעם מִנְהָג צוּ נֶעמֶען אַ בַּדְחָן וָואס זָאל מַאכְן וֵויינֶען דֶעם חָתָן בַּיים קַבָּלַת פָּנִים וְכוּ'; אִיךְ זָאג נָאר וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מַיין רֶבִּי, מוֹהֲרָא"שׁ. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן פַּאר חֲתָנִים, אַז עֶס אִיז אַ רַחֲמָנוּת אוֹיף אַ חָתָן וָואס מֶען דַארְף אִים מַאכְן וֵויינֶען וְכוּ'; וֵויינֶען דַארְף מֶען דוּרְכְאוֹיס דֶעם טָאג בֵּין תַּנּוּר לַכִּירַיִם, אַ קְלוּגֶער חָתָן וַוארְט נִישְׁט מֶען זָאל אִים מַאכְן וֵויינֶען וֶוען עֶר קוּמְט צוּ דִי חֲתוּנָה בִּשְׁעַתְ'ן קַבָּלַת פָּנִים, דֶעמָאלְט דַארְף דֶער חָתָן מְקַבֵּל פָּנִים זַיין אַלֶע וָואס קוּמֶען אִים וואוּנְטְשְׁן מַזָל טוֹב, אָנְנֶעמֶען זֵייעֶרֶע בְּרָכוֹת אוּן יֶעדְן אֵיינֶעם צוּרִיק וואוּנְטְשְׁן. אַ קְלוּגֶער חָתָן נוּצְט אוֹיס דֶעם יוֹם הַחֻפָּה ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

**דֶער** מִנְהָג אִיז אַז חָתָן כַּלָּה זָאגְן אוֹיס תְּהִלִּים בְּיוֹם חֻפָּתָם, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען דֶערְצֵיילְט פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען אִיז אַרִיבֶּער, מֶען אִיז זִיךְ מוֹדֶה

וּמִתְוַדֶּה, מֶען זָאגְט וִידוּי פוּן יוֹם כִּיפּוּר - אַלֶע עַל חֵטְא'ס וְכוּ' און מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מִיט אַ פְרִישֶׁע קַבָּלָה אוֹיף וַוייטֶער.

**מוֹהֲרַא"שׁ** בְּרֶענְגְט דֶעם מִנְהָג פוּן נֶעמֶען אַ בַּדְחָן בַּיים קַבָּלַת פָּנִים (עַיֵּין בְּקוּנְטְרֵס יוֹם הַנִּשּׂוּאִין, אוֹת י'): "וְעַל כֵּן הַמִּנְהָג שֶׁאֶחָד אוֹמֵר דִּבְרֵי כְּבוּשִׁין בְּדֶרֶךְ חֲרוּזִים בְּנִגּוּן הַמְעוֹרֵר אֶת הֶחָתָן, וְלִמְשֹׁךְ אֶת לְבָבוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", דֶער מִנְהָג אִיז צוּ נֶעמֶען אַ בַּדְחָן זָאל מְעוֹרֵר זַיין דֶעם חָתָן, אָבֶער מוֹהֲרַא"שׁ פִּירְט אוֹיס: "וְאַשְׁרֵי מִי שֶׁמִּתְעוֹרֵר בְּעַצְמוֹ, וְאֵינוֹ צָרִיךְ שֶׁיְּעוֹרְרוּ אוֹתוֹ", ווארִיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי צַייט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין און דַארְף נִישְׁט צוּקוּמֶען אַז אֵיינֶער זָאל אִים מַאכְן ווֵיינֶען וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

**דֶער** עִיקָר דַארְף אַ חָתָן כַּלָּה ווִיסְן אַז בְּשָׁעַת זֵיי גֵייעֶן צוּ דִי חוּפָּה אִיז מֶען זֵיי מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שְׁמוּאֵל יז, א; הוּבָא בְּרַשִׁ"י בְּרֵאשִׁית לו, ג): "שְׁלֹשָׁה מוֹחֲלִים לָהֶן עֲוֹנוֹתֵיהֶן [...] וְהַנּוֹשֵׂא אִשָּׁה", פַאר דְרֵיי מֶענְטְשְׁן אִיז מֶען מוֹחֵל אַלֶע זֵייעֶרע עֲבֵירוֹת, אֵיינֶער פוּן זֵיי - אַ חָתָן וָואס הָאט חֲתוּנָה; מֶען הוֹיבְּט אָן אַ פְרִישֶׁע בְּלֶעטְל אִין לֶעבְּן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל נָאכְגֶעזָאגְט פַאר אַ חָתָן דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת טז:): "כֵּיצַד מְרַקְּדִין לִפְנֵי הַכַּלָּה", דֶער רֶבִּי הָאט אִים דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען: "כֵּיצַד 'מְרַקְּדִין וּמְדַלְּגִין' עַל מַה שֶׁהָיָה לִפְנֵי הַכַּלָּה, הַיְנוּ לִפְנֵי הַחֲתֻנָּה", מְרַקְּדִים אִיז טַייטְשׁ טַאנְצְן און שְׁפְּרִינְגֶען;

מֶען דַארְף אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען וָואס אִיז גֶעוֶוען פַּאר דִי חֲתוּנָה; דָאס הֵייסְט, אַ חָתָן דַארְף פַּארְגֶעסְן זַיין גַאנְצֶע עָבַר אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקפו).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ בּוֹיעֶן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ דוֹרוֹת יְשָׁרִים וּמְבֹרָכִים, אָמֵן.

## תסד[ו]

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּאקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע הַדְרָכָה צוּ מַיין חֲתוּנָה?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ חָתָן, אִיךְ וואוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז נָאר דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. יֶעצְט וֶוען אִיךְ הַאלְט פַּאר דִי חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר מוֹרָא צוּצוּגֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט חָתָן שִׁיעוּרִים פוּן אַ מַדְרִיךְ וָואס לֶערְנְט נִישְׁט אַזוֹי ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט, אִיז דָא עֶפֶּעס אַ וֶועג ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען בַּאקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע הַדְרָכָה פַּאר מַיין חֲתוּנָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

---

ו. מֶער אִיבֶּער דֶעם נוֹשָׂא אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב תקלה.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**מוֹהֲרָא"ש** פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן אַז אִין בְּרֶסְלֶב אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן מִטוּלְטְשִׁין זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה (בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "בֵּאוּר הַלִּקּוּטִים"), עֶר פַאר זִיךְ אִיז גֶעוֶוען גֶענְצְלִיךְ מֻבְדָּל וּמֻפְרָשׁ פוּן דִי וֶועלְט, מִיט דֶעם אַלֶעם, וֶוען מֶען פְלֶעגְט אִים בֶּעטְן הַדְרָכָה בְּעִנְיָנִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ', פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "קִינְדֶערְלֶעךְ, הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת"; דָאס הֵייסְט מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הִיטְן הִלְכוֹת טָהֳרָה, מֶען זָאל חַזֶר'ן הִלְכוֹת נִדָה צוּ וִויסְן נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן אִין קַיין שׁוּם הֲלָכָה, אָבֶער נִישְׁט צוּלֵייגְן קַיין שׁוּם פְּרִישׁוּת, נָאר וֶוען מֶען מֶעג - מֶעג מֶען אַלֶעם וְכוּ' אוּן אִין דִי אוּמְרֵיינֶע טֶעג זָאל מֶען הִיטְן אַלֶע הֲלָכוֹת.

**דֶערִיבֶּער** זָאלְסְטוּ דוּרְכְלֶערְנֶען הִלְכוֹת טָהֳרָה אָן אַ שִׁיעוּר מָאל. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט כְּסֵדֶר מְעוֹרֵר זַיין דִי אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען הִלְכוֹת טָהֳרָה אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, הֱיוֹת דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אוּרִי מִסְטְרֶעלִיסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶע'חַזֶר'ט הִלְכוֹת טָהֳרָה אִיבֶּער טוֹיזְנְט מָאל; מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק, וָואס אִיז גֶעוֶוען מֻבְדָּל וּמֻפְרָשׁ פוּן דִי וֶועלְט, ווִי מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן

׳דֶער שָׂרָף פוּן סְטְרֶעלִיסְק׳, הָאט אִיבֶּער גֶע׳חַזֶר׳ט טוֹיזְנְט מָאל הִלְכוֹת טָהֳרָה - וָואס זָאלְן מִיר זָאגְן?״

הֶער נִישְׁט צוּ צוּ דִי וָואס לֶערְנֶען פְּרִישׁוּת אוּן חוּמְרוֹת וְכוּ׳, ווייל חוּמְרוֹת נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר הָאבְּן אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ, נֶעם דִיר דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ פַאר דַיין וֶועג וַוייזֶער אוּן רִיר זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק דֶערְפוּן - נִישְׁט אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען אוּן נִישְׁט צוּצוּלֵייגְן, דַאן וֶועט דִיר אֵייבִּיג גוּט זַיין.

קוּק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן יב): ״וְעִקָּר הַיַּהֲדוּת הוּא, רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וּלְהִסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה שֶׁיִּהְיֶה שָׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ״, דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז: פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אוּן פַאר מֶען טוּט אַ זַאךְ זָאל מֶען קוּקְן צִי דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ מְקַצֵר גֶעוֶוען בִּשְׁעַת אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט מַאֲרִיךְ זַיין, אָבֶּער עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן הַדְרָכוֹת פוּן בֵּינוֹ לְבֵינָהּ, מִפְּנֵי הַצְּנִיעוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ בּוֹיעֶן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

# תסה

## אוֹיף וָואס דַארְף מֶען פַארְקוּקְן בַּיי זִיווּג שֵׁנִי?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַ גְרוּשָׁה, אִיךְ זוּךְ יֶעצְט אַ פְרִישֶׁע שִׁידוּךְ אָבֶּער עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג.

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט צוּפִיל וֶועלְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ, מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּזָאגְן שִׁידוּכִים וַוייל עֶס פַּאסְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט וִוי וַוייט דָאס גֵייט; דַארְף אִיךְ פַּארְקוּקְן אֲפִילוּ אוֹיף רוּחָנִיוּת'דִיגֶע זַאכְן, אוֹיב עֶר אִיז נִישְׁט אַזוֹי עֶרְלִיךְ; אָדֶער נָאר פַּארְקוּקְן אוֹיף גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן, וִוי יִחוּס, כָּבוֹד אוּן גֶעלְט? אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען קְלָארְשְׁטֶעלְן אוֹיף וָואס מֶען דַארְף יָא פַּארְקוּקְן אוּן אוֹיף וָואס נִישְׁט.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּצוּגֵיין צוּ אַ שִׁידוּךְ וָואס מֶען טְרָאגְט אָן, מוּז עֶס גֵיין דַוְקָא דוּרְךְ אַ שַׁדְכָן אָדֶער מֶעג אִיךְ אַלֵיינְס רֶעדְן מִיטְ'ן מְדַבֵּר? וַוייל אַלְס גְרוּשָׁה אִיז נִישְׁט אֵייבִּיג גְרִינְג צוּ גֵיין דוּרְךְ אַ שַׁדְכָן, אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אַלֵיינְס צוּ רֶעדְן מִיט דֶעם וָואס מֶען טְרָאגְט אָן אוּן נִישְׁט גֵיין דוּרְךְ אַ שַׁדְכָן?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**וֶוען** עֶס קוּמְט צוּ טוּן אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "נְחוּת דַּרְגָּא וְנָסִיב אִיתְּתָא", גֵיי אַרָאפּ אַ מַדְרֵיגָה אוּן הָאבּ חֲתוּנָה; מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אוּן נִישְׁט זַיין קְלוֹיבֶּערִישׁ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ב, מְמֶּלֶךְ וְקֵיסָר): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶלֶךְ וָואס הָאט גֶעבּוֹיט פַּאלַאצְן בַּיים יַם וְכוּ', דֶער מֶלֶךְ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין וַוייבּ וַוייל עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְקְלוֹיבְּן, דִי וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַּארְקֶערְט, דִי וָואס הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט; דָא אִיז דֶער רֶבִּי מְרַמֵּז אַז מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין קְלוֹיבֶּערִישׁ, נָאר אַרָאפְּגֵיין אַ שְׁטַאפְּל אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן.

**דֶער** עִיקָר דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף עֶרְלִיכְקֵייט; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ז'): אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶרְגֶער פוּן אַ חַיָ', וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נִישְׁט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז עֶר מְסוּגָל צוּ הַרְגְ'עֶנֶען אַ צְוֵייטְן, אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֲבִימֶלֶךְ (בְּרֵאשִׁית כ, יא): "כִּי אָמַרְתִּי רַק אֵין יִרְאַת אֱלֹקִים בַּמָּקוֹם הַזֶּה

וַהֲרָגוּנִי"; ווייל אַ מֶענְטְשׁ אָן יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ.

**יַעֲקֹב** אָבִינוּ הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן זַיין טָאכְטֶער דִינָה פַאר עֵשָׂו הָרָשָׁע און דֶערְפַאר הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ (עַיֵין רַשִׁ"י בְּרֵאשִׁית לב, כג בְּשֵׁם הַמִּדְרָשׁ). זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז עֶנְדֶערְשׁ גְרֵייט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ ווִי אֵיידֶער גֶעבְּן זַיין טָאכְטֶער פַאר עֵשָׂו הָרָשָׁע; ווייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (פְּסָחִים מט:): "כָּל הַמַשִׂיא בִּתּוֹ לְעַם הָאָרֶץ כְּאִילוּ כּוֹפְתָהּ וּמַנִיחָהּ לִפְנֵי אֲרִי", אוֹיבּ אֵיינֶער מַאכְט חֲתוּנָה זַיין טָאכְטֶער צוּ אַן עַם הָאָרֶץ אִיז אַזוֹי ווִי עֶר בִּינְדְט זַיין טָאכְטֶער און לֵייגְט אִיר פַאר אַ לֵייבּ; ווייל אֵיינֶער וָואס לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְסוּגָל צוּ שְׁלָאגְן און הַרְגְ'עֶנֶען דִי ווייבּ.

**בְּנוֹגֵעַ** צִי אִיר זָאלְט גֵיין דוּרְךְ אַ שַׁדְכָן אָדֶער אַלֵיינְס רֶעדְן וְכוּ'; אִיר זָאלְט טוּן ווִי אַזוֹי עֶס קוּמְט אַייךְ אוֹיס גְרִינְגֶער. דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דֶער פַּיינְט וָואס רוּפְט זִיךְ: "צֵייט", אַזוֹי ווִי דֶער מַאֲמָר הֶחָכָם לוֹיטֶעט: "הִזָהֵר מִן הַזְמַן כִּי הוּא אוֹיֵב רָע מְאֹד"; אַז מֶען ווִיל נִישְׁט אַוֶועקְלֵייגְן דִי גַּאֲוָה, נָאר מֶען קְלוֹיבְּט זִיךְ און מֶען קְלוֹיבְּט זִיךְ, בִּיז מֶען כַאפְּט זִיךְ - אִיז מֶען שׁוֹין פַארְעֶלְטֶערְט וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ און מִיר מְבַשֵׂר זַיין אַ גוּטֶע בְּשׂוֹרָה.

# תסו

## ווי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן
## פוּן עֲבֵירוֹת אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן אִין כּוֹלֵל, שׁוֹין פוּן אַלְס יוּנְג בָּחוּר הָאבּ אִיךְ אַלֶעמָאל גֶעהַאט נִסְיוֹנוֹת אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם, וְויפִיל אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין הָאט עֶס נִישְׁט אָנְגֶעהַאלְטְן פַאר צוּ לַאנְג.

יֶעצְט שְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין הִיבְשׁ אַפָּאר יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, אִיךְ בִּין שׁוֹין לֵיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט דָאס הַארְבְּסְטֶע. יֶעדֶעס מָאל עֶס פַּאסִירְט זָאג אִיךְ צוּ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ גֵיי עֶס נִישְׁט טוּן נָאכְאַמָאל, אָבֶּער עֶס הַאלְט נִישְׁט אָן פַאר צוּ לַאנְג.

קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט פָאר מִיט מִיר אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ ווִיל זִיךְ שׁוֹין אַרוֹיסְזֶען פוּן מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אֵיינְמָאל פַּאר אַלֶעמָאל, נִישְׁט נָאר פַּאר אַ וָואךְ צְוֵויי.

בִּיטֶע הֶעלְפְט מִיר, יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר זָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף**

מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי", עֶר רֶעכְנְט אוֹיס בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט - "אֵינוֹ זָז מִשָּׁם עַד שֶׁמּוֹחֲלִין לוֹ", אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת (יוֹמָא פו.).

**אָבֶער** מֶען דַארְף וִויסְן אַז וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה טָאר דָאס נִישְׁט זַיין מִיט קַיין תְּנָאִים, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וְוִי דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ ווִילְסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ אַרוֹיסְזֶען פוּן דַיינֶע עֲבֵירוֹת אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל, נִישְׁט פַאר אַ וָואךְ צְוֵויי; עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען אִין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת (תְּרוּמוֹת וּמַעַשְׂרוֹת הֲלָכָה ג, אוֹת ג) וואוּ רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט מוֹרָא'דִיגֶע דִיבּוּרִים: "כִּי עִקַּר הַתְּשׁוּבָה הוּא לֵב נִשְׁבָּר, וּמֵאַחַר שֶׁאָדָם יוֹדֵעַ שֶׁפָּגַם כָּל כָּךְ, הוּא מְחֻיָּב לִהְיוֹת מְרֻצֶּה שֶׁיַּעֲשֶׂה מַה שֶּׁיַּעֲשֶׂה בִּשְׁבִיל ה' יִתְבָּרַךְ, וְאַף עַל פִּי כֵן לֹא יִזְכֶּה כִּי אִם לְמַדְרֵגָה הַפְּחוּתָה מְאֹד", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין גְרֵייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּם שְׁלֵימוּת, "וְאִם לֹא יִזְכֶּה עַל יְדֵי כָּל עֲבוֹדָתוֹ כִּי אִם לְמַעֵט עָנְשׁוֹ בַּגֵּיהִנֹּם קְצָת גַּם כֵּן כְּדַאי לְבַלּוֹת כָּל יָמָיו בַּעֲבוֹדַת ה' בִּשְׁבִיל זֶה לְבַד", אוּן אֲפִילוּ עֶר וֶועט נָאר קֶענֶען אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן זִיךְ אֵיין קְלֵיינֶע בְּרִי פוּן גֵיהִנוֹם אִיז נָאכְאַלְץ כְּדַאי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, "כִּי צַעַר אֶחָד בַּגֵּיהִנֹּם רֶגַע אַחַת, עוֹלֶה יוֹתֵר מִכָּל הָעוֹלָם הַזֶּה כָּל יְמֵי חַיָּיו", וַוייל אֵיין בְּרִי אִין גֵיהִנוֹם אִיז מֶער וֵוייטָאגְלִיךְ פוּן אַלֶע וֵוייטָאג פוּן דִי וֶועלְט.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן דִינֶען נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל זֵיי ווִילְן נָאר דִינֶען

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי סִיבָּה פַאַרְוָואס יָרָבְעָם בֶּן נְבָט אִיז אַוֶועקְגֶעפַאלְן. וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט (סַנְהֶדְרִין קב.): "חֲזֹר בְּךָ וַאֲנִי וְאַתָּה וּבֶן יִשַׁי נְטַיֵּל בְּגַן עֵדֶן", טוּ תְּשׁוּבָה, אוּן אִיךְ, דוּ אוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ וֶועלְן מִיר צוּזַאמֶען שְׁפַּאצִירְן אִין גַן עֵדֶן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "מִי בָּרֹאשׁ", וֶוער וֶועט זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער - אִיךְ צִי דָוִד הַמֶּלֶךְ? הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בֶּן יִשַׁי בָּרֹאשׁ", דָוִד הַמֶּלֶךְ וֶועט זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט תְּשׁוּבָה טוּן. פְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן: "וְלִכְאוֹרָה הַדָּבָר תָּמוּהַּ, כִּי הֲלֹא יָרָבְעָם הָיָה חָכָם גָּדוֹל, וְאֵיךְ יַעֲלֶה עַל דַעְתּוֹ לִשְׁאֹל אֶת ה' יִתְבָּרַךְ מִי בָּרֹאשׁ", עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַאַרְשְׁטֵיין, יָרָבְעָם בֶּן נְבָט אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חָכָם, וִוי קוּמְט צוּ אִים צוּ פְרֶעגְן אַזַא שְׁאֵלָה: "וֶוער וֶועט זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער?" אַוַדַאי וֶועט דָוִד הַמֶּלֶךְ זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער, "וְכִי יִהְיֶה חוֹטֵא נִשְׂכָּר, הֲיַעֲלֶה עַל הַדַּעַת שֶׁאַחַר שֶׁהִרְשִׁיעַ כָּל כָּךְ יִהְיֶה גָּדוֹל יוֹתֵר מִדָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, שֶׁעָבַד אֶת ה' יִתְבָּרַךְ בִּיגִיעָה גְּדוֹלָה מְאֹד מְאֹד כָּל יָמָיו", וַוייל וִוי קֶען מֶעגְלִיךְ זַיין אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעזִינְדִיגְט זָאל זַיין הֶעכֶער פוּן אַ צַדִיק וָואס הָאט זִיךְ אַ גַאנְץ לֶעבְּן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?! עֶנְטְפֶערְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אַז דֶער פְּשַׁט אִיז אַזוֹי, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ יָרָבְעָם בֶּן נְבָט עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אִיז עֶר תֵּיכֶּף גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּפְלַאמְט אוּן גֶעוָואלְט וִויסְן צִי עֶר וֶועט קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר זָאל נָאךְ זַיין גְרֶעסֶער

פון דָוִד הַמֶּלֶךְ, "נִמְצָא שֶׁלֹּא דִבֵּר שְׁטוּת גָּמוּר כִּי לֹא עָלָה עַל דַּעְתּוֹ שֶׁיִּהְיֶה בְּחִנָּם גָּבֹהַּ מִדָּוִד", עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ פְרֶעגְן צִי עֶר וֶועט זַיין אוּמְזִיסְט הֶעכֶער פון דָוִד הַמֶּלֶךְ, "רַק שֶׁשְּׁאֵלָתוֹ הָיָה שֶׁהָיָה רוֹצֶה לַעֲבֹד אֶת ה' יִתְבָּרַךְ כָּל כָּךְ עַד שֶׁיַּעֲלֶה בְּמַדְרֵגָה יוֹתֵר מִדָּוִד", נָאר עֶר הָאט גֶעוָואלְט וִויסְן, אוֹיבּ עֶר וֶועט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צִי עֶר קֶען נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה, "וְזֶהוּ בְּוַדַּאי אֶפְשָׁר וְאֶפְשָׁר", אוּן דָאס אִיז זִיכֶער מֶעגְלִיךְ, "כִּי כָּל אָדָם אֲפִלּוּ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל יָכוֹל לַעֲלוֹת לְמַדְרֵגוֹת גְּבוֹהוֹת מְאֹד", ווייל אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַ פּוֹשֵׁעַ יִשְׂרָאֵל, אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:): "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִין אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִין לַעֲמֹד", אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה קוּמְט אָן אוֹיבְן אִין הִימְל אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע פְּלַאץ וִוי דִי צַדִּיקִים; מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר נִישְׁט גֶעטוּן רִיכְטִיג, ווייל מֶען קֶען נִישְׁט אָנְהֶעיבֶּען דִי תְּשׁוּבָה אִין דֶעם: 'נָאר אַז מֶען קֶען נָאךְ זוֹכֶה זַיין וְכוּ'', דֶערִיבֶּער הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְקֶערְט וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט הֶערְן, אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ וֶועט זַיין הֶעכֶער פון אִים, "כִּי הוּא מְחֻיָּב לִהְיוֹת מְרֻצֶּה לָשׁוּב אֲפִלּוּ אִם לֹא יִזְכֶּה רַק לְמַדְרֵגָה קְטַנָּה מְאֹד", ווייל מֶען דַארְף זַיין גְרֵייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אֲפִילוּ מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען נָאר צוּ אַ קְלֵיינֶע מַדְרֵיגָה, "וְאִם יִהְיֶה מְרֻצֶּה לְכָךְ בְּוַדַּאי ה' יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו", אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גְרֵייט אוֹיף דֶעם, עֶר וִויל גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער

אײבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, "וּבְרִבּוֹת הַיָּמִים אִם יִהְיֶה חָזָק בְּדַעְתּוֹ לְבַל יַנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ - אֲפִלּוּ אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה, יוּכַל לִזְכּוֹת לַעֲלוֹת מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא וְלִקְנוֹת חַיֵּי עוֹלָם, וְיִזְכֶּה לְמַה שֶּׁיִּזְכֶּה, אַשְׁרֵי לוֹ".

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם; קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיר נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, דוּ פְּרוּבִיר זִיךְ צוּ הִיטְן אֲפִילוּ פוּן אֵיין קוּק וֶוייניגֶער, זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען: "אַ קוּק וֶוייניגֶער אִיז אַ בְּרִי וֶוייניגֶער".

**זֶע** צוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דִי קְלִיפָּה וָואס אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּ"ד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לילי"ת, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע ווִי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית; אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אִין אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תסז

## ווי אַזוֹי זָאל אַ חָתָן רֶעדְן מִיט זַיין כַּלָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט וויל אִיךְ מוֹדִיעַ זַיין פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵׁם אַ חָתָן גֶעוָוארְן לְמַזָל טוֹב. אִיךְ מוּז דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז נָאר דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט זַיין אַ אִיד. וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט מִיר צוּ צוּ שְׁלֶעכְטְס, שְׁפִּיר אִיךְ ווי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁטֵייט נֶעבְּן מִיר אוּן וָוארְנְט מִיר אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט אִים צוּ פָאלְגְן...

פוּן דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט ווי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ גְרֵייטְן צוּ דִי חֲתוּנָה, וָואס עֶס מֵיינְט גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַ צְוֵוייטְן, בִּפְרַט פַאר דִי וַוייבּ.

יֶעצְט אִיז מַיין שְׁאֵלָה, אַזוֹי ווי בַּיי אוּנְז פִירְט מֶען זִיךְ אַז דֶער חָתָן רֶעדְט מִיט דִי כַּלָה אֵיינְמָאל אַ וָואךְ, צִי מֶעג דֶער חָתָן גֶעבְּן גוּטֶע אוּן שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי כַּלָה, אָדֶער דָאס אִיז דַוְקָא נָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה?

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן מִיט אַלֶעס גוּטְס

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט דִיר אַיין צוּ טוּן שְׁלֶעכְטְס ווִי אֵיינֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן דִיר אוּן וָוארְנְט דִיר וְכוּ'; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע הַנְהָגָה, אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶ'ענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (צֶעטְל קָטָן, אוֹת יב): "יְצַיֵּיר בְּמַחְשַׁבְתּוֹ תָּמִיד וְכוּ' כְּאִלּוּ אִישׁ אֶחָד עוֹמֵד סָמוּךְ לוֹ וּמְעוֹרֵר אוֹתוֹ בְּקוֹל רַעַשׁ גָּדוֹל לְקַיֵּים כָּל הַנְהָגוֹת אֵלּוּ וְכוּ'", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְ'מָשְׁלְ'עֶן ווִי אֵיינֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים אוּן אִיז אִים מְחַזֵּק עֶר זָאל נִישְׁט פָאלְגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, "וּכְשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ כַּךְ, אֲזַי בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן יָבֹא עָלָיו הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מִצַּד נִשְׁמָתוֹ, רִשְׁפֵּי אֵשׁ שַׁלְהֶבֶת יָ"הּ", אוֹיבּ וֶועט עֶר אַזוֹי טוּן וֶועט אִים מִיט דִי צַייט וֶוערְן גְרִינְגֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**בְּעִנְיַן** ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט דִי כַּלָּה וְכוּ'; מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ רֶעדְן נָאר פַּאזֶעטִיוו, קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט אָוֶועק מַאכְן אוּן זִיכֶער נִישְׁט דֶערְצֵיילְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים מִיט וָואס מֶען אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן חַס וְשָׁלוֹם.

**שְׁלֹמֹה** הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יז, כח): "גַּם אֱוִיל מַחֲרִישׁ חָכָם יֵחָשֵׁב", אֲפִילוּ אַ נַארִישֶׁער מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ שְׁוַויגְט עֶר - וֶועט מֶען אִים אָנְקוּקְן ווִי אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ; רֶעדְן

אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ אָבֶּער מֶען דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן. דֶער עִיקָר דַארְף מֶען רֶעדְן נָאר פַּאזֶעטִיוו; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כט): "כִּי טוֹב הַכֹּל חֲפֵצִים", אַלֶע הָאבְּן לִיבּ צוּ הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער; אַזוֹי וֶועט זֵי דִיר אַרוֹיף קוּקְן אוּן וֶועלְן בּוֹיעֶן מִיט דִיר אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת א, ה): "אַל תַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה וְכוּ'", מֶען זָאל נִישְׁט פַּארְמֶערְן צוּ רֶעדְן מִיט דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ; שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קַשְׁיָא, מִיט וֶועם דֶען זָאל מֶען רֶעדְן אַז נִישְׁט מִיט דִי וַוייבּ? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ (עַיֵּין בַּרְטְנוּרָא שָׁם), אַז דֶער פְּשַׁט אִיז מֶען זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר דִי וַוייבּ קַיין שְׁוַואכְקֵייטְן אוּן קַיין שׁוּם נֶעגֶעטִיוֶוע זַאכְן פוּן זִיךְ, ווייל וֶוען דִי וַוייבּ הֶערְט אַז דֶער מַאן אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר אִין אִידִישְׁקֵייט, אָדֶער זִי הֶערְט סְתָם זַיינֶע שְׁוַואכְקֵייטְן, הוֹיבְּט זִי אָן מְזַלְזֵל זַיין אִין אִים אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם מַחֲלֹקֶת. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט זֶעלְבְּסְט אַרָאפְּקְלַאפְּן אוּן אִיר אוֹיךְ נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן מִיט אִיר מִשְׁפָּחָה; פַארְגִין צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין אַ קַמְצָן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, אָמֵן.

# תסח

## מִיר ווילְן שוֹין הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ קִינְד נָאכְן זִי פָּארֶען מִיט דָאקְטוֹרִים אוּן פַארְשְׁוֶוענְדְן אַסַאךְ גֶעלְט. מַיין קִינְד אִיז שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אֵיין אוּן הַאלְבּ יָאר אַלְט, יֶעצְט וויל שׁוֹין מַיין וַוייבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק הָאבְּן נָאךְ אַ קִינְד, זָאלְן מִיר שׁוֹין גֵיין נָאכְאַמָאל צוּם דָאקְטֶער אוּן וַוייטֶער פְּרוּבִירְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דַאנְק** אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן - אַ גֶעזוּנְט קִינְד; זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער.

**וַוארְטְם** מִיט גֶעדוּלְד אוֹיף דִי נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ מַאכְן; מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין אַ דוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה, אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת סד.): "כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה - הַשָּׁעָה דּוֹחַקְתּוֹ". בִּיז

דֶערְוַוייל גֵייט נָאכְנִישְׁט צוּ קַיין דָאקְטוֹרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן עֶס זָאל קוּמֶען קִינְדֶער נַאטִירְלִיךְ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן כב): "מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיֶה לוֹ בָּנִים, יְפַזֵּר מְעוֹתָיו לַעֲנִיִּים וִישַׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ", וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער? עֶר זָאל גֶעבְּן צְדָקָה אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין ווַייבּ; פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תסט

### זָאל מֶען נֶעמֶען קִינְדֶער אִין מִקְוֶה אוּם עֶרֶב שַׁבָּת?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען זָאל נֶעמֶען קִינְדֶער אִין מִקְוֶה אוּם עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן אוֹיבּ יָא פוּן וֶועלְכֶע יָארְגַאנְג? אִיךְ הָאבּ מוֹרָא זֵיי מִיטְצוּנֶעמֶען וֶועגְן שְׁמִירַת עֵינַיִם אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס זֵיי קֶענֶען הָאבְּן פוּן דֶעם, וַוייל אֲפִילוּ וֶוען מֶען זָאגְט זֵיי אָן נִישְׁט צוּ קוּקְן זֶעעֶן זֵיי אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט.

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אַלְס קִינְד מִיט מַיין טַאטֶע הָאט מַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם נִישְׁט גֶעטוֹיגְט אַזוֹי גוּט, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ יֶעצְט מוֹרָא צוּ נֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אוֹיבּ וֶועל

אִיךְ זַיי אָנְהוֹיבְּן נֶעמֶען עֶרְשְׁט בַּיי דִי צְוֶועלְף יָאר - קֶען דֶעמָאלְט זַיין נָאךְ עֶרְגֶער, וַוייל זַיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען גֶעוואוֹינְט אַיין קִינְדֶער צוּ טוּן - וֶועלְן זַיי דָאס טוּן שְׁפֶּעטֶער; אַז מֶען נֶעמְט דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל אוּן מֶען הַאלְט זַיי נֶעבְּן זִיךְ בַּיים דַאוֶונֶען, מֶען לֶערְנְט זַיי שְׁטַייטְלִיךְ אוֹיס וִוי אַזוֹי צוּ דַאוֶונֶען אוּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען - וֶועלְן זַיי אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אוּן וֶוען זַיי וֶועלְן גְרוֹיס וֶוערְן וֶועלְן זַיי אַלֵיינְס גֵיין דַאוֶונֶען. אָבֶּער אוֹיבּ מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער אַרוּם לוֹיפְן אִין שׁוּל, אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט בַּיים דַאוֶונֶען - וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיסְוַואקְסְן אָן קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט יֶעדֶע דָבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה; מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער זַיי זָאלְן זַיין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ אַלֶע מִצְוֹת אוּן אַלֶע מִנְהָגִים. אַ טַאטֶע דַארְף נֶעמֶען זַיינֶע קִינְדֶער אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת כְּדֵי זַיי צוּ מְחַנֵךְ זַיין צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן זַיי אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה בִּצְנִיעוּת, בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה.

**פוּן** דִי זִיבְּן יָאר קֶען מֶען שׁוֹין בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר מִיטְ'ן טַאטְ'ן, וַוייל אַלֵיינְס טָאר מֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה. אֲפִילוּ אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּרְ'ל דַארְף הָאבְּן שְׁמִירָה פוּן חוּלֵי נֶפֶשׁ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**אַז** מֶען בְּרֶענְגְט קִינְדֶער אִין מִקְוֶה אִיז כְּדַאי צוּ גֵיין ווִי פְּרִיעֶר וֶוען דִי מִקְוֶה אִיז נָאךְ לֵיידִיג, זֵיי מְחַנֵךְ זַיין נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִין מִקְוֶה אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען זְרִיזוּת - נִישְׁט צוּ פֶּענְיֶען אִין מִקְוֶה. מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין מִקְוֶה מִיט אַזַא שְׁנֶעלְקֵייט, אַז קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְכַאפְּן; ווִילַאנְג מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְטוּן אִיז רֶבִּי נָתָן שׁוֹין גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעטוּן, גֶע'טוֹבֵלְ'ט, צוּרִיק אָנְגֶעטוּן אוּן אַרוֹיס פוּן מִקְוֶה! דָאס קֶען יֶעדֶער זוֹכֶה זַיין אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ דֶעם.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶועגְן שְׁמִירַת עֵינַיִם; אַדְרַבָּה, דָאס דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער נָאךְ פוּן זֵייעֶר יוּגְנְט, אַז מֶען דַארְף הִיטְן דִי אוֹיגְן וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תע׳

## צַדִיקִים הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט אִינֶעוֵייניג אִין סִידוּר

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּן אַיךְ אַז מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אַ בָּחוּר אוֹיף זַיין דַאוֶונֶען, אוֹיבּ עֶר דַאוֶונְט אוֹיף אֵיין פְּלַאץ אוּן עֶר קוּקְט אַריין אִין סִידוּר.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט צוּלֵייגְן אוֹיף דֶעם אַן הֶעָרָה, אַז וֶוען דֶער לֵב שִׂמְחָה פוּן גוּר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַריין מִיט זַיין זוּן, דֶער הַיינְטִיגֶער גוּרֶער רֶבִּי שְׁלִיטָ״א, בֶּעפָאר זַיין בַּר מִצְוָה צוּ נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי אַהֲרֹן מִבֶּעלְז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב אָנְגֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל אַלֶעמָאל מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דְרֵיי זַאכְן. אֵיינְס, צוּ שְׁטֵיין אוֹיף אֵיין פְּלַאץ בַּיים דַאוֶונֶען פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיזְ׳ן סוֹף, צְוֵויטְנְס, נִישְׁט צוּ רֶעדְן דְבָרִים בְּטֵלִים מִיט דִי תְּפִלִין, דְרִיטְנְס, צוּ דַאוֶונֶען אִינֶעוֵייניג אִין סִידוּר. אוּן מֶען קֶען טַאקֶע זֶען בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג ווִי דֶער גוּרֶער רֶבִּי שְׁלִיטָ״א רִירְט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּן פְּלַאץ דֶעם גַאנְצְן דַאוֶונֶען אוּן עֶר דַאוֶונְט אַלֶעמָאל נָאר אִינֶעוֵייניג אִין סִידוּר.

אֵיינְמָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי אִים אִין שׁוּל פְרֵייטָאג צוּ נַאכְטְס בַּיים דַאוֶונֶען אוּן דִי לֶעקְטֶער הָאט זִיךְ פְּלוּצְלוּנְג פַארְלָאשְׁן, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווִי עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן דֶעם סִידוּר הוֹיךְ, אוֹיף אַ וֶועג אַז עֶר זָאל קֶענֶען זֶען אַבִּיסְל דוּרְךְ דִי לֶעקְטֶער וָואס הָאט אַבִּיסְל אַריינְגֶעשַׁיינְט פוּן אִינְדְרוֹיסְן, אַלֶעס אַז עֶר זָאל קֶענֶען אַריינְקוּקְן אִינֶעוֵייניג אִין סִידוּר.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק

---

ז. נָאךְ אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב תפז.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרַ"ש פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן אוּן מְעוֹרֵר זַיין אַז מֶען זָאל דַאוֶוענֶען נָאר אִין אַ סִידוּר אוּן מֶען זָאל שְׁטֵיין אוֹיף אֵיין פְּלַאץ בַּיים דַאוֶוענֶען. יֶעדֶעס מָאל מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרַ"שׁ פְרֶעגְן אוֹיף אַ שִׁידוּךְ פְלֶעגְט מוֹהֲרַ"ש זָאגְן מֶען זָאל נָאכְקוּקְן דֶעם בָּחוּר ווִי אַזוֹי עֶר דַאוֶוענְט, אוֹיבּ דַאוֶוענְט עֶר אוֹיף אֵיין פְלַאץ אוּן עֶר דַאוֶוענְט אִין אַ סִידוּר אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר.

אַז מֶען דַאוֶוענְט אוֹיסְנְווֵיינִיג אִיז אָפְּגֶערֶעדְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן, נָאר אֲפִילוּ דִי וֶוערְטֶער זָאגְט מֶען נִישְׁט, מֶען פָּארְט אַרַיין פוּן אֵיין שְׁטִיקְל דַאוֶוענֶען צוּם צְווֵייטְן. צַדִיקִים הָאבְּן גֶעטַייטְשְׁט דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין דִי מְגִילָה (אֶסְתֵּר ט, כה): "אָמַר עִם הַסֵּפֶר, יָשׁוּב מַחֲשַׁבְתּוֹ הָרָעָה"; אַז מֶען דַאוֶוענְט אִין אַ סִידוּר אִיז דָאס אַ סְגוּלָה אַז מֶען זָאל מְכַוֵן זַיין דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת אוּן אַז אַלֶע פְרֶעמְדֶע מַחֲשָׁבוֹת זָאלְן אַוֶועק גֵיין (עַיֵּין בְּסֵפֶר בֵּית תְּפִלָּה לְבַעַל פֶּלֶא יוֹעֵץ, הִתְעוֹרְרוּת הַכַּוָּנָה), אַזוֹי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (צֶעטְל קָטָן, אוֹת יא) אַז וֶוען מֶען דַאוֶוענְט זָאל מֶען דַאוֶוענֶען אוֹיף אֵיין פְּלַאץ אִין אַ סִידוּר, דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ קֶענֶען מְכַוֵן זַיין דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת.

**אִינְטֶערֶעסַאנְט** צוּ הֶערְן דָאס וָואס דוּ דֶערְצֵיילְסְט פוּנֶעם
הֵיילִיגְן בֶּעלְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ;

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט (רַגְעֵי מוֹהֲרָא"ש, סְעִיף קָטָן י) אַז פַאר זַיין בַּר מִצְוָה הָאט אִים זַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם גֶענוּמֶען צוּם בֶּעלְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ נֶעמֶען אַ בְּרָכָה, (וַוייל זַיין טַאטֶע, דֶער טָאקַייעֶר רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ דַאן גֶעפוּנֶען אִין אַמֶערִיקֶע מִיט זַיין עֶלְטְסְטֶער זוּן, אוּן מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעבְּלִיבְן אַלֵיינְס מִיט זַיין מַאמֶע אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּשְׁעַת זַיין בַּר מִצְוָה) עֶר הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט מוֹהֲרָא"ש אוּן אִים אָנְגֶעזָאגְט דְרֵיי זַאכְן: א - עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִי תְּפִילִין, ב - עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוּם דְרֵייעֶן בַּיים דַאוֶוענֶען, ג - עֶר זָאל זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַ גוּף נָקִי (עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "וֶוען מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ דַארְף מֶען נוּצְן אַסַאךְ פַּאפִּיר"; עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעזָאגְט אַפָּאר מָאל "אַסַאךְ פַּאפִּיר"), אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אוֹיב דוּ וֶועסְט דָאס מְקַיֵּים זַיין וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גָדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן שֶׁפַע, בְּרָכָה וְהַצְלָחָה.

# תעא[ח]

## בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע זֶעט נִישְׁט אוֹיס
## אַז אִיךְ װֶעל נָאךְ אַ כַּלָּה װֶערְן

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל װָאס וַוארְט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ דְרֵיי גֶעשְׁוִויסְטֶער הֶעכֶער מִיר, דִי עֶלְטְסְטֶע אִיז שׁוֹין זִיבְּן אוּן צְוַואנְצִיג יָאר. מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן דִי עֶלְטֶערֶע אוּן חֲתוּנָה מַאכְן קוֹדֶם דִי יוּנְגֶערֶע אוּן אִיךְ וֵויים נִישְׁט װָאס צוּ טוּן.

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער עֶס רוּקְט זִיךְ גָארְנִישְׁט. אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן מַיין מַצָּב, וַוייל בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע זֶעט מִיר אוֹיס אַז אִיךְ װֶעל קֵיינְמָאל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן אוֹיבּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן דִי עֶלְטֶערֶע. אוּן װֶוען אִיךְ הוֹיבּ אָן טְרַאכְטְן דִי מַחֲשָׁבוֹת װֶוער אִיךְ זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט.

אִיךְ ווָאלְט גֶעפָּארְן קַיין יַבְנְאֵל אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז אִיךְ זָאל גֶעהָאלְפְן װֶערְן, אָבֶּער מַיין מִשְׁפָּחָה אִיז נִישְׁט בְּרֶסְלֶב אוּן זֵיי זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט צוּפְרִידְן אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב.

בִּיטֶע גֶעבְּט מִיר אַן עֵצָה װָאס צוּ טוּן, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ

---

ח. אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דֶעם בְּרִיוו, אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב תקד.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן ... תְּחִי'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייֶער בְּרִיוו.**

**בָּאטְשִׁיג** בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע זֶעט אַייךְ נִישְׁט אוֹיס אַז אִיר וֶועט אַמָאל קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן זָאלְט אִיר וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ זַאךְ וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן 'טֶבַע', דָאס אִיז 'תְּפִלָּה' וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן דִי טֶבַע. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רנ): "הַטֶּבַע מְחַיֵּב כָּךְ, וּתְפִלָּה מְשַׁנָּה הַטֶּבַע", תְּפִלָּה אִיז מְשַׁנֶּה דִי טֶבַע; עֶס אִיז נִישְׁט שַׁייךְ צוּ זָאגְן: 'בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן', וַוייל תְּפִלָּה אִיז הֶעכֶער פוּן דִי טֶבַע. מִיט תְּפִלָּה וֶועט אִיר אוֹיסְבֶּעטְן פַאר אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער אוּן פַאר אַייךְ - גוּטֶע שִׁידוּכִים.

דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן שִׁידוּכִים אִיז אַ פַארְבָּארְגֶענֶע זַאךְ, דָאס אִיז פַארְהוֹילְן פוּן אַלֶעמֶען אוּן לִיגְט נָאר אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הֶענְט; עֶס הָאט נִישְׁט צוּטוּן צִי דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן יָא צִי נִישְׁט, עֶס הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה אוּן נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶועגְן פָארְן קַיין יַבְנְאֵל; רֶעדְט שֵׁיין צוּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, זָאגְט זֵיי: "טֵייעֶרֶע טַאטֶע, טֵייעֶרֶע מַאמֶע, אִיךְ הָאבּ

אַסאַך חִיזוּק פוּן בְּרֶסְלֶב אוּן אִיךְ וויל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּארְן קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש אוֹיסְבֶּעטְן אַ שִׁידוּךְ"; אַז אִיר וֶועט רֶעדְן שֵׁיין וֶועט אִיר פּוֹעֵלְ'ן.

**גֶעמְט** אָן דֶעם כְּלַל אִין אַייעֶר לֶעבְּן: יֶעדֶע זַאךְ קֶען מֶען פּוֹעֵלְ'ן אוֹיבּ מֶען רֶעדְט שֵׁיין, הַארְצִיג אוּן וֵוייךְ. אַזוֹי ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי טו, א): "מַעֲנֶה רַךְ, יָשִׁיב חֵמָה", דֶער וָואס רֶעדְט שֵׁיינֶע רֵייד נֶעמְט אַוֶועק כַּעַס; אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, פּוֹעֵלְ'ט מֶען בַּיים סוֹף.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע פוּן אַייךְ זָאלְן בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אַייעֶרֶע שִׁידוּכִים.

## תעב

### לִימּוּד הַתּוֹרָה אַלֵיין אִיז גֶענוּג צוּ שְׁטֶעלְן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, כֹּה יִתֵּן ה' וְכֹה יוֹסִיף.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַלְס וְדַע מַה שֶּׁתָּשִׁיב; אֵיינֶער פְרֶעגְט מִיר פַארְוָואס מֶען מַאכְט אַזַא מַצָּב פוּן לִימּוּד הַתּוֹרָה, אַז דָאס אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ; מֶען זֶעט דָאךְ אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען

תּוֹרָה און פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פִירְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט ווי עֶס דַארְף צוּ זַיין בַּיי גֶעלְט זַאכְן, שָׁלוֹם בַּיִת, אָדֶער אַנְדֶערֶע זַאכְן.

וֶועט דָאךְ אוֹיס אַז תּוֹרָה אַלֵיינְס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ שְׁטֶעלְן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ.

יְיִשַׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַלְס וְדַע מַה שֶׁתָּשׁוּב, בֶּעט אִיךְ דִיר, בֶּעסֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן און זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'ן מִיט קַיין אַפִּיקוֹרְסִים וָואס גְלֵייבְּן נִישְׁט אִין דִי תּוֹרָה.

**בַּיי** אוּנְז אִידְן וָואס גְלֵייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער און אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן חֲזַ"ל און דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים - אִיז נִישְׁט דָא קַיין צְוֵויי וֶועגְן; אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִידוּשִׁין ל.): "בָּנַי, בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע, וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרָע - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - און אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן אַ רְפוּאָה פַאר'ן יֵצֶר הָרָע, דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס אִיז אַ מֶעדִיצִין קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, "אִם אַתֶּם עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אִים, אַזוֹי זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; מִמֵּילָא

אִיז נִישְׁטָא קַיין קֻשְׁיוֹת, זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס לַאכְן אָפּ פוּן דִי תּוֹרָה.

**פַּאר** דִיר וֶועל אִיךְ יָא עֶנְטְפֶערְן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (חֲגִיגָה טו:): "אַשְׁכְּחֵיהּ שְׁמוּאֵל לְרַב יְהוּדָה דְּתָלֵי בְּעִיבְרָא דְּדָשָׁא וְקָא בָּכֵי", שְׁמוּאֵל הָאט גֶעטְרָאפְן רַב יְהוּדָה זִיךְ אָנְלַאנֶען בַּיים טִיר פוּן שְׁטָאט אוּן וֵויינְט, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ? הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ וֵוויין וַוייל אִיךְ הָאבּ מוֹרָא וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיט מִיר; אִיךְ זֶע אַז גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זֶענֶען בַּיים סוֹף אַוֶועק גֶעפַאלְן פוּנֶעם דֶרֶךְ הַיָשָׁר, דוֹאֵג אוּן אֲחִיתֹפֶל זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֵי גְרוֹיס אִין תּוֹרָה, מִיט דֶעם אַלֶעם שְׁטֵייט אַז זֵיי זֶענֶען פוּן דִי וָואס 'אֵין לָהֶם חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא', וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר?! - הָאט רַב יְהוּדָה גֶעוֵויינְט, הָאט אִים זַיין רֶבִּי - שְׁמוּאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט: דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט וֵויינֶען, אֵיי דִי וָואס זֵיי זֶענֶען אַוֶועק גֶעפַאלְן אוּן זֵייעֶר תּוֹרָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל: "טִינָא הָיְתָה בְּלִבָּם", זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע רְשָׁעִים שְׁטִילֶערְהֵייט אַלֶע זֵייעֶרֶע יָארְן אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט דִי תּוֹרָה צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֵי אוֹיךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם) אַז רֶבִּי מֵאִיר'ס רֶבִּי אִיז אַוֶועק גֶעפַאלְן אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיס אִין לֶערְנֶען, וַוייל: "זֶמֶר יְוָנִי לָא פָּסַק מִפּוּמֵיהּ", עֶר פְלֶעגְט זִינְגֶען יְוָנִי'שֶׁע נִיגוּנִים, דָאס הָאט אִים גֶעצוֹיגְן צוּ לֵיינֶען בִּיכֶער פוּן מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים.

**עֶס** אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם וֶועג ווי אַזוֵי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשָׁה - נָאר דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; זָאל דָאס

זַיין דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, זָאל אַ מֶענְטְשׁ לִיגְן אִין עֲבֵירוֹת חֲמוּרוֹת, אוֹיבּ ווִיל עֶר זִיךְ אוֹיפְבִּינְדְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע אִיז דָאס נָאר מֶעגְלִיךְ דוּרְךְ דִי תּוֹרָה. אַז עֶר נֶעמְט דִי תּוֹרָה פַאר אַ וֶועג צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" - וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תעג

## מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר קֶעגְן בְּרֶסְלֶב, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר אַ טַעַם אִין לֶעבְּן יֶעדְן טָאג; אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ פַארְשְׁטֵיין מִיט מַיין וַוייבּ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶס מִיר גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי פִּיס אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן.

אִיךְ הֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, אָבֶּער אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַרִיבֶּערְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה מִיטְהַאלְטְן דִי שִׁיעוּרִים גֶעהֶערִיג, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט קוּמֶען דַאוֶועגֶען צוּ אַייךְ אִין שׁוּל, אָבֶּער מַיין וַוייבּ אִיז גֶעפֶערְלִיךְ קֶעגְן בְּרֶסְלֶב אוּן קֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. עֶס אִיז נִישְׁט צוּלִיב נַ-נַחְ'ס אוּן דָאס גְלַייכְן נָאר עֶס אִיז אִיר עֶפֶּעס אַרַיין אַ נַארִישְׁקַייט אִין קָאפּ אוּן זִי וִויל נִישְׁט הֶערְן פוּן בְּרֶסְלֶב אוּן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וִויפִיל אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן מִיט אִיר אוּן אִיר מַסְבִּיר זַיין - וִויל זִי גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אוּן זִי וִויל גָארְנִישְׁט הֶערְן.

שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בַּיי דֶעם אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא פוּן וָואס צוּ רֶעדְן, אָבֶּער אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ סַיי וָואס עֶס הָאט שַׁיְיכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב וֶוערְט זִי זֵייעֶר נֶערְוֶועז.

מַיין הַארְץ טְרָאפְּט בְּלוּט אַז אִיךְ שֶׁעפּ מַיין גַאנְצֶע חַיּוּת פוּן אַ פְּלַאץ אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרַיינְגֵיין דָארְט, אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מֶען** קֶען אַלֶעס פּוֹעֶל'ן אִין שְׁטוּבּ, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן צוּ דֶעם אַסַאךְ סַבְלָנוּת.

**רֶעד** נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ וֶועגְן בְּרֶסְלֶב, רֶעג אִיר נִישְׁט אוֹיף; דַיינֶע מַעֲשִׂים וֶועלְן מַאכְן דִי אַרְבֶּעט. דוּ פִּיר זִיךְ אוֹיף צוּ אִיר אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אוּן אַזוֹי וִוי מֶען לֶערְנְט אִין 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ' - וֶועסְטוּ זֶען אַז אַלֶעס וֶועט זִיךְ טוּישְׁן לְטוֹבָה.

**יֶעצְט** וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי גֶעוֵויינְט וֶוען מֶען הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְן רֶבִּי'ן אַז דֶער רֶבִּי אִיז פוּן דִי בִּיטֶערֶע כַּת רַחֲמָנָא לִצְלָן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט: "וִוי קֶען מֶען אוֹיסְטְרַאכְטְן אוֹיף מִיר אַזֶעלְכֶע שְׁקָרִים וְכוּ' וְכוּ'?" רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער רֶבִּי וֵויינְט אַזוֹי, 'וָואס דַארְף אָנְגֵיין פַאר'ן רֶבִּי'ן וָואס יֶענֶער רֶעדְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן? הָאט עֶר גֶעזָאגְט! אִיז וָואס?!' אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט זַיין מַחֲלֹקֶת הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי שׁוֹין פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוֵויינְט; עֶס אִיז נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען פַאר'ן רֶבִּי'ן אַז יֶענֶער רֶעדְט אוֹיף אִים, עֶס הָאט וֵויי גֶעטוּן פַאר'ן רֶבִּי'ן אַז מֶענְטְשְׁן וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען מְקוֹרָב וֶוערְן וַוייל דֶער זָקֵן זָאגְט אוֹיף אִים אַזַא לָשׁוֹן הָרָע".

בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים אִיז בְּרֶסְלֶב זֵייעֶר אַ פַּארְשֶׁעמְטֶע זַאךְ; אֲפִילוּ דִי וָואס הַאלְטְן אַז בְּרֶסְלֶב אִיז גוּט אוּן אִיז מְקַרֵב מֶענְטְשְׁן - הַאלְטְן אַז דָאס אִיז גוּט פַאר'ן שָׁכֵן אוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן, אָבֶער נִישְׁט פַאר זִיךְ אוּן זִיכֶער נִישְׁט פַאר דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער. דָאס קוּמְט פוּן אַלֶע לָשׁוֹן הָרַע'ס וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף אוּנְז.

מִיט תְּפִלָּה אוּן סַבְלָנוּת קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶעם גוּטְס.

## תעד

### פַארְוָואס גֶעבְּט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ אַרְבֶּעט עֶלְף שָׁעָה אַ טָאג פַאר פַּרְנָסָה. אִיךְ הֶער אַסַאךְ אַייעֶרע דְרָשׁוֹת בִּשְׁעַת מַיין אַרְבֶּעט אוּן אִיךְ לֶערְן זִיךְ פִיל עֵצוֹת אִין לֶעבְּן פוּן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן אוּן הָאט מִיר אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אִין פִילֶע הִינְזִיכְטְן.

אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן אַלֶעם וָואס אִיךְ דַארְף אוּן אִיךְ זֶע טַאקֶע גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט מִיר אַזוֹיפִיל מָאל, אָבֶער בַּיי אֵיין זַאךְ שְׁפִּיר אִיךְ וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט מִיר נִישְׁט, דָאס אִיז בַּיי פַּרְנָסָה. אִיךְ בֶּעט אַזוֹיפִיל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אִיךְ וֵויין אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע וּבְנָקֵל, אָבֶער אִיךְ זֶע נִישְׁט גָארְנִישְׁט עֶס זָאל מִיר עֶפֶּעס בֶּעסֶער וֶוערְן. אִיךְ גְלֵייב אַז דָאס אִיז זִיכֶער פַאר מַיין טוֹבָה, דֶער

אײבּערשטער פֿאַרשטײט בּעסער װאָס עס איז גוט פֿאַר מיר, אָבּער װי אַזױ קען איך בּעסער מאַכן מײן מצב, נאָכדעם װאָס עס איז שױן דורך אַכט יאָר און איך זע נישט קײן שום ישועה?

איך בּעט זײער איר זאָלט מיר ענטפֿערן און אַרױסהעלפֿן, װײל איך שפּיר ממש אַז איך האַלט עס שױן מער נישט אױס.

אַ גרױסן יישר כּח

## תּשובה:

בּעזרת ה' יתבּרך - יום ב' פּרשת ויצא, ד' כּסלו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

### איך האָבּ ערהאַלטן דײן בּריװ.

װי קענסטו זאָגן אַז עס איז שױן אַריבּער אַכט יאָר און דו זעסט נישט קײן ישועה; װער האָט דיר געגעבּן עסן די אַכט יאָר? װער האָט דיר געגעבּן קלײדער - פֿאַר דיר, דײן װײבּ און קינדער - די אַכט יאָר? נאָר דער אײבּערשטער!

חכמינו זכרונם לברכה זאָגן (נדה לא.): "לעולם אפילו בּעל הנס אינו מכּיר בּניסו", דער מענטש כאַפּט נישט װאָס פֿאַר אַ ניסים דער אײבּערשטער מאַכט מיט אים יעדן טאָג; אַ מענטש טראַכט: 'עס קומט אַז איך זאָל זײן געזונט וכו', מיר װעט גאָרנישט פּאַסירן קײן שלעכטס', און ער כאַפּט נישט אַז יעדע רגע װאָס ער לעבּט איז מיט ניסים.

די הײליגע חכמים זאָגן (שמות רבּה כד, א): "בּוא וּראה כּמה נסים עושׂה הקדוש בּרוך הוא עם האדם והוא אינו

יוֹדֵעַ", טְרַאכְט אַרַיין וָואס פַאר אַ נִסִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אוּן מֶען כַאפְּט דָאס נִיטְאַמָאל, "שֶׁאִלּוּלֵי הָיָה אוֹכֵל פַּת כְּשֶׁהִיא חַיָּה הָיְתָה יוֹרֶדֶת בְּתוֹךְ מֵעָיו וּמְשָׂרֶטֶת אוֹתוֹ", וֶוען מֶען עֶסְט וֶוען טְרוּקֶענֶע בְּרוֹיט וָואלְט דָאס צֶעקְרַאצְט דֶעם מָאגְן אוּן מֶען וָואלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶעבְּן, "אֶלָּא בָּרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעְיָן בְּתוֹךְ גַּרְגַּרְתּוֹ שֶׁהוּא מוֹרִיד אֶת הַפַּת בְּשָׁלוֹם", וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן אִינֶעם הַאלְז אַזוֹי וִוי אַ קְוַואל מִיט וַואסֶער - דִי שְׁפֵּייעֶכְץ - אַז דִי עֶסְן זָאל נִישְׁט צֶעקְרַאצְן אוּן דֶערְוֶוערְגְן דֶעם מֶענְטְשׁ; קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דֶעם אַז דָאס אִיז אוֹיךְ אַ נֵס, אַז דִי עֶסְן קֶען אַרָאפְּגֵיין בְּשָׁלוֹם אִינֶעם הַאלְז וְכוּ', מֶען טְרַאכְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן שְׁפֵּייעֶכְץ; אוּן דָאס אִיז בְּלוֹיז אֵיינֶע פוּן דִי טוֹיזְנְטֶער נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט פַאר אוּנְז.

קוּק אוֹיף צוּרִיק וֶועסְטוּ זֶען וִוי דַיינֶע תְּפִילוֹת וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען;
אַכְט יָאר וָואס דוּ לֶעבְּסְט אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ
אוּן קִינְדֶער, דוּ בְּרֶענְגְסְט זֵיי עֶסְן אוּן קְלֵיידֶער, פוּן וואוּ
הָאסְטוּ דָאס? אַלֶעס קוּמְט דָאךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְ'ן דָאס וָוארְט פוּן הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (תּוֹרַת מֹשֶׁה, פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא) וָואס עֶר טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת לג, כג): "וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ", אַז אַ מֶענְטְשׁ וִויל זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט אִים הֶעלְפְן - דָאס קֶען מֶען נִישְׁט זֶען, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט צוּרִיק זֶעט מֶען וִוי דֶער

אײבֶּערשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן. מִיט דֶעם טַײטְשְׁט עֶר: "וְרָאִיתָ, אֶת אֲחֹרָי" - קוּק אוֹיף צוּרִיק, קוּק וָואס פַאר אַ חֲסָדִים אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן מִיט דִיר, וֶועסְטוּ מִיר זֶען; אָבֶּער "וּפָנַי" - 'וָואס וֶועט זַײן? ווִי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן דִי יְשׁוּעָה?' "לֹא יֵרָאוּ" - דָאס וֵוייסְט מֶען נִישְׁט אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט זֶען פוּן פָאְרָאוֹיס, נָאר מֶען דַארְף גְלֵייבְּן, וַוארְטְן, הָאפְן אוּן בֶּעטְן.

דוּ בֶּעטְסְט אַן עֵצָה אוֹיף פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח; נֶעם דִי עֵצָה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶע'חַזֶר'ט מִיט אוּנְז, מֶען זָאל בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן דַוְקָא אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז דָאס וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת אִיז נָאר בִּזְכוּת וָואס עֶר פְלֶעגְט קֵיינְמָאל נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן פוּן אוֹיסְוֶוייניג, עֶר הָאט נָאר גֶעבֶּענְטְשְׁט אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער.

## תעה

### פַארְוָואס בִּין אִיךְ נָאכְנִישְׁט קֵיין חָתָן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט אוּן אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט אַ חָתָן גֶעוָוארְן. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם וָואס אִיךְ קֶען טְרַאכְטְן אַז דָאס זָאל שְׁטֶערְן מַיין שִׁידוּךְ אוּן פוּן דֶעסְטְוֶועגְן הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ.

עס מוז זיין אַז עס איז דָא עֶפֶּעס וָואס שְׁטֶערְט דָא, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ? זָאל אִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וַוייל אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ אֵיינֶעם גֶעטְשֶׁעפֶּעט? זָאל אִיךְ גֵיין צוּ מְקֻבָּלִים פַּאר אַ תִּיקוּן? וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן?!

אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען נִישְׁט פּוֹגֵם צוּ זַיין בִּבְרִית פַּאר פֶערְצִיג טֶעג, אִיךְ הַאלְט שׁוֹין בַּיים פֶערְטְן טָאג, אָבֶער אִיךְ צִיטֶער אַז אִיךְ גֵיי דוּרְכְפַאלְן, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוּן גֶעבְּן אַן עֵצָה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן דִי צַעַר וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אַז דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן דַיין שִׁידוּךְ, בְּשָׁעַת וָואס אַלֶע חֲבֵרִים פוּן דַיין כִּיתָּה הָאבְּן שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין זִיווּג בְּקָרוֹב.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט צִי דוּ זָאלְסְט אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וְכוּ'; אוֹיבּ הָאסְטוּ וֵויי גֶעטוּן אַ צְוֵויטְן - זָאלְסְטוּ אִים אַוַדַאי אִיבֶּערְבֶּעטְן. מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, גֵיי אַדוּרְךְ

דַיינֶע יָארְן און דֶערְמַאן זיך אויב דו הָאסְט אֵיינֶעם וויי גֶעטוּן, און זָאלְסְט יֶענֶעם איבֶּערְבֶּעטְן; וַוייל אַז מֶען טוּט וויי אַ צְוֵוייטְן בַּאצָאלְט מֶען זַייעֶר אַ טֵייעֶרֶער פְּרַייז.

**דָאס** וָואס דו ווילְסְט וויסְן צִי דו זָאלְסְט גֵיין צוּ מְקֻבָּלִים וְכוּ'; אִיך וָואלְט דִיר גֶע'עֵצָה'ט דו זָאלְסְט פָּאֹרְן קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרָא"ש הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה (צַוָואַת מוֹהֲרָא"ש, אוֹת ה): "אִיך זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּך און זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר און דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיך טוּן אַלֶעס וָואס אִיך קֶען אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זַייעֶר שִׁידוּך, און דָאס זָאג אִיך צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".

**מֶען** זֶעט אָפֶּענֶע נִיסִים און יְשׁוּעוֹת יֶעדְן טָאג בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש; בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעך קוּמֶען צוּ פָאֹרְן אַהִין פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים צוּ טְרֶעפְן זַייעֶר שִׁידוּך.

**דֶעריבֶּער** זָאלְסְטוּ וָואס שְׁנֶעלֶער פָּאֹרְן קַיין יַבְנְאֵל און דָארְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים לִזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּך.

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט גֶעטַייטְשְׁט דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:) מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא: "מִנַּיִן אַתָּה יוֹדֵעַ", פוּן ווִי קֶען מֶען ווִיסְן אוֹיף אֵיינֶעם אויב עֶר אִיז אַן אֱמֶת'עֶר מְקוּבָּל אָדֶער נִישְׁט? "אָמַר לָהֶם,

אִם שְׁגוּרָה תְּפִלָּתִי בְּפִי", הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: אוֹיבּ לֵייגְט עֶר אַרַיין אִין מִיר תְּפִלָּה, עֶר רֶעדְט פוּן תְּפִלָּה אוּן שְׁטַארְקְט מִיר צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין, "יוֹדֵעַ אֲנִי שֶׁהוּא מְקֻבָּל", דֶעמָאלְט וֵויים אִיךְ אַז עֶר אִיז אַ מְקוּבָּל, "וְאִם לָאו", אָבֶּער אוֹיבּ רֶעדְט עֶר נִישְׁט פוּן תְּפִלָּה, "יוֹדֵעַ אֲנִי שֶׁהוּא מְטֹרָף", וֵויים אִיךְ אַז עֶר אִיז וַוייט פוּן זַיין אַ מְקוּבָּל; אַז דוּ זוּכְסְט מְקֻבָּלִים אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מְקוּבָּל מוֹהֲרָא"שׁ וָואס הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן נָאר גֶערֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן תְּפִלָּה, עֶר הָאט נִישְׁט פַארְנַארְט קֵיינֶעם מִיט קַבָּלָה לְשׁוֹנוֹת אַזוֹי וִוי אַלֶע בְּלָאפֶערְס וָואס נַארְן אָפּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט קַבָּלָה; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרִיבֶּערְכַאפְּן קַיין יַבְנְאֵל וֶועסְטוּ זִיכֶער טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

**בְּנוֹגֵעַ** פֶערְצִיג טֶעג וְכוּ'; מִיר דַארְפְן טוּן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם נִישְׁט וַוייל נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָדֶער צוּלִיבּ מָארְגְן, נָאר יֶעדְן טָאג דַארְף מֶען טוּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זִיךְ הִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת. אַז מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵרוֹת דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן דִי תְּשׁוּבָה אוּן אִיז מוֹחֵל דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, נָאכְדֶעם דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ ווייטֶער הִיטְן פוּן עֲבֵרוֹת. עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין גוּטְס פוּן הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן אוּן נָאר אוֹיף דֶעם תְּנַאי זַיין אַ אִיד.

**שְׁטַארְק** זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אַז דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט דַיין שִׁידוּךְ; טוּ דִי סְגוּלוֹת וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר

הַמִּידוֹת אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", װעם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, זָאל זָאגְן אַסַאךְ דִי "קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", בִּיזְן סוֹף, דָאס אִיז דִי קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה. נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג בִּזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפָאלְגְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען זָאל זָאגְן דִי קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים; הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ פְּלַג גּוּף, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיינְס, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְן וְכוּ' וְכוּ'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין זִיווּג אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

## תעו[ט]

### אִיךְ דַארְף הַדְרָכָה אוֹיף מַיין חֲתוּנָה

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ חָתָן, דְרֵיי וָואכְן פַאר מַיין חֲתוּנָה, אוּן אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ סְפֵיקוֹת וִוי אַזוֹי אִיךְ דַארְף זִיךְ פִירְן אִינְדֶערְהֵיים נָאךְ דִי חֲתוּנָה. פוּן אֵיין זַייט הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעהֶערְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט פְּרִישׁוּת

ט. מֶער אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ד מִכְתָּב שמה.

אִינְדֶערְהֵיים, קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בַּמֻּתָּר לָךְ, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס גוּט קֶענֶען, עֶר דַארְף ווִיסְן וואוּ עֶר שְׁטֵייט אוֹיף דֶער ווֶעלְט אוּן לוֹיט דֶעם זִיךְ פִירְן אִין שְׁטוּב.

אִיךְ ווֶעל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר קְלָארְשְׁטֶעלְן ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת

## תְשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ שְׁרַייבְּן פוּן דְבָרִים שֶׁהַצְּנִיעוּת יָפֶה לָהֶם; אַז דוּ ווִילְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ פַאר דַיין ווֶעג ווַייזֶער. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג נָאכְזָאגְן פוּנֶעם חֲזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז ווֶען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט צִי הַיינְט אִיז דָא דִי אוּרִים וְתוּמִים, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מַיין אוּרִים וְתוּמִים אִיז דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ; ווֶען אִיךְ דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן קוּק אִיךְ אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ".

"קַדֵּשׁ עַצְמְךָ" - זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ - זָאלְסְט זִיךְ הֵיילִיגְן אוּן נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת, ווִי אַזוֹי? "בַּמֻּתָּר לָךְ" - אַז

דו וֶועסְט טוּן וָואס דִי תוֹרָה אִיז מַתִּיר אוּן זִיךְ נִישְׁט פִּירְן מִיט קַיין פְּרִישׁוּת - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין הֵיילִיג אוּן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

**אַנְטְלוֹיף** פוּן אַלֶע מַדְרִיכִים וָואס לֶערְנֶען הַנְהָגוֹת פוּן פְּרִישׁוּת וְכוּ'.

## תעז

### מֶעג אִיךְ הָאבְּן וְוי כְּאִילוּ אַ בִּילְד פוּן בַּאשֶׁעפֶער בַּיי מִיר אִין קָאפּ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, דָאס פִּירְט מִיךְ צוּם רִיכְטִיגְן וֶועגְן אִין שָׁלוֹם בַּיִת, פַּרְנָסָה, אוּן נָאךְ פִיל. דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען מַמָּשׁ כַּמַּיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה.

פוּן קִינְדְוַוייז אָן הָאבּ אִיךְ בַּיי מִיר אִין קָאפּ אַ גֶעווִיסֶער בִּילְד וְוי כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַזוֹי אוֹיס. אִיךְ בִּין אַלֶעמָאל גֶעוֶוען בַּאקְוֶועם דֶערְמִיט, עֶס הֶעלְפְט מִיר בַּיים דַאוֶוענֶען וְכַדּוֹמֶה, אוּן דָאס אִיז מִיר לִכְאוֹרָה אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין קָאפּ פוּן קִינְדֶערִישֶׁע דִמְיוֹנוֹת אָדֶער פוּן בִּיכְלֶעךְ צוּ קָאלִירְן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ דָאס אִיז עֶפֶּעס וָואס אִיךְ טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן; דַארְף אִיךְ דָאס אַרוֹיסְהַאקְן פוּן קָאפּ? אָדֶער אֶפְשָׁר אִיז דָאס גָאר אַ מַעֲלָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מִיר** גֶעפוּנֶען אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פָּרָשַׁת נָשֹׂא, דַּף קכז עַמּוּד ב; וְעוֹד) אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִיט דִי הֵיילִיגֶע חַבְרַיָּא קַבָּלָה, הָאט עֶר צוּם עֶרְשְׁטְ אָנְגֶעפַאנְגֶען מִיטְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים כז, טו): "אָרוּר הָאִישׁ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה פֶסֶל וּמַסֵּכָה", פַארְשָׁאלְטְן זָאל זַיין דֶער וָואס מַאכְט אַ גֶעשְׁטַאלְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט קַיין גֶעשְׁטַאלְט, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט אַן אוֹיסְזֶען אוּן מֶען קֶען אִים נִישְׁט אוֹיסְמָאלְן, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים.

**גֶעווֹאוֹין** זִיךְ צוּ צוּ חַזֶר'ן כְּסֵדֶר דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס וָואס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה; בַּיי אוּנְז פִּירְט מֶען זִיךְ יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ נָאךְ בִּרְכַּת הַתּוֹרָה צוּ זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס, אַזוֹי הוֹיבְּט מֶען אָן דֶעם טָאג מִיט אֱמוּנָה. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי צוּ זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס, בִּפְרַט זָאלְסְטוּ אַסַאךְ חַזֶר'ן דִי דְרִיטֶע אֲנִי מַאֲמִין: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אֵינוֹ גוּף, וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף וְאֵין לוֹ שׁוּם דִּמְיוֹן כְּלָל", זָאג עֶס אִין אִידִישׁ: "אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער

אײבּערשטער איז נישט קײן געשטאלט, עס עקזעסטירט נישט בײ אים די מציאות פון א געשטאלט און מען קען אים נישט אפּמאלן"; אז דו װעסט דאס אסאך חזר'ן װעסטו זוכה זײן צו האבּן א רײנע אמונה.

**געװאױן** זיך צו צו קוקן אױפ'ן הימל װען דער הימל איז לױטער, װײל דער רבּי זאגט (ספר המידות אות אמונה, סימן יד): "כּשתּסתּכּל בּשּׁמים כּשהם זכּים וּבהירים תּזכּה לאמוּנת חכמים", עס איז א סגוּלה צו האבּן אמוּנה אז מען קוקט אױפ'ן הימל.

**אז** דו װעסט זיך צוגעװאױנען צו רעדן אסאך צום אײבּערשטן װעסטו זוכה זײן צו האבּן א קלארע אמוּנה אן קײן דמיוֹנוֹת.

## תעח

**נאך די חתוּנה דארף מען אנהאלטן אלע חוּמרוֹת פוּן די עלטערן?**

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

בּײ מײנע עלטערן אין שטוּבּ איז דא פיל מער חוּמרוֹת װי בּײ געװענליכע מענטשן, מײן שאלה איז אויבּ נאך די חתוּנה דארף מען װײטער אנהאלטן די אלע חוּמרוֹת אדער נישט, איך רעד פון זאכן װאס שטײען נישט אין שלחן ערוּך.

ישר כּח

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן בִּכְלָלִיּוּת צִי מֶען זָאל זִיךְ פִּירְן מִיט חוּמְרוֹת צִי נִישְׁט וַוייל עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס, וֶוען אוּן וואו; פוּן אֵיין זַייט הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעהֵייסְן זִיךְ פִּירְן אָן קַיין חוּמְרוֹת (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה), אָבֶּער עֶס זֶענֶען דָא פֶּעלֶער ווִי מֶען דַארְף יָא מַחְמִיר זַיין, ווִי לְמָשָׁל בַּיי הֶכְשֵׁרִים אוּן בִּפְרַט בַּיי פְלֵייש. דָארְט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ עֶסְן נָאר פוּן אַ שׁוֹחֵט וָואס הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען קֶען נִישְׁט קוֹיפְן פוּן וֶועם עֶס לָאזְט זִיךְ; הֲגַם עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה א, א): "הַכֹּל שׁוֹחֲטִין לְכַתְּחִלָּה", וֶוער עֶס קֶען הִלְכוֹת שְׁחִיטָה קֶען שֶׁחְטְ'ן; מִיט דֶעם אַלֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן וָואס פַאר אַ שׁוֹחֵט מֶען עֶסְט.

אַזוֹי זֶענֶען דָא נָאךְ אַסַאךְ זַאכְן וָואס מֶען דַארְף דֶערְבַּיי זֵייעֶר נִזְהָר זַיין, מֶען קֶען נִישְׁט נוּצְן דֶעם דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן: "מֶען דַארְף נִישְׁט מַחֲמִיר זַיין מִיט חוּמְרוֹת" - אִיבֶּערָאל. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע אוֹיגְן בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס פְלֶעגְן שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מֶען דַארְף נִישְׁט מַחֲמִיר זַיין מִיט חוּמְרוֹת" וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ הֶכְשֵׁרִים וְכוּ' - ווִי זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה אוּן גֶעוָוארְן

פוֹרְקֵן עוֹל רַחֲמָנָא לִצְלָן, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף הֶכְשֵׁרִים וְכוּ'.

מֶען קֶען אַסַאךְ מָאל זֶען בַּיי מִשְׁפָּחוֹת ווִי דֶער זֵיידֶע אִיז אַ גְרוֹיסֶער עַם הָאָרֶץ אָבֶער עֶר אִיז מַחְמִיר אוּן מְדַקְדֵק כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה - צוּם בֵּיישְׁפִּיל - בַּיים מַאכְן אַלֶע סָארְט פְּסוּלִים אִין זַיין סוּכָּה... עֶס אִיז אַ בִּיטֶערֶע גֶעלֶעכְטֶער וִוי מֶען קֶען בּוֹיעֶן אַ סוּכָּה וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, לְמַעֲשֶׂה דֶער זוּן קֶען שׁוֹין יָא אַבִּיסְל לֶערְנֶען אוּן עֶר הָאט דָאךְ אַיינְגֶעבַּאקְן אִין זִיךְ דֶעם טַאטְנְ'ס מְסִירוּת נֶפֶשׁ וַוייל עֶר הָאט דָאס צוּגֶעזֶען יָאר נָאךְ יָאר, שְׁטֶעלְט עֶר שׁוֹין צוּזַאם דָאס מְסִירוּת נֶפֶשׁ מִיט הֲלָכָה אוּן פוּן דֶעם וֶוערְט אַ שֵׁיינֶע אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע סוּכָּה, נָאכְדֶעם דֶער אֵיינִיקְל וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען דָאס מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן זֵיידְן אוּן דִי הֲלָכָה פוּן טַאטְ'ן אוּן לֶערְנְט שׁוֹין נָאךְ מֶער, לֵייגְט שׁוֹין צוּ נָאךְ מֶער הִדּוּרִים, אוּן אַזוֹי אִיז בַּיי אַלֶע מִצְוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמג): "כְּבָר הָיָה לוֹ חֵשֶׁק כַּמָּה פְּעָמִים לַעֲשׂוֹת הֲלָכוֹת פְּסוּקוֹת עַל הַשֻּׁלְחָן עָרוּךְ לְבָאֵר כָּל דִּין וָדִין בַּהֲלָכָה פְּסוּקָה אוֹ לְהַצִּיג הֲלָכָה כְּדִבְרֵי מִי מֵהַפּוֹסְקִים אֵצֶל כָּל דִּין וָדִין", אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט חֵשֶׁק צוּ מַאכְן אַ סֵפֶר אוֹיפְ'ן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אָנְצֵייכֶענֶען אוֹיף יֶעדֶע הֲלָכָה וָואס דֶער דִּין אִיז הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה, "אַךְ עַכְשָׁו שֶׁיָּצָא זֶה הַסֵּפֶר לְעוֹלָם לֹא יִהְיֶה עִנְיָן הַנַּ"ל", אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער סֵפֶר 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' - פֶּעלְט דָאס שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר, וָואס פַאר אַ שַׁיְיכוּת הָאט לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן מִיט הֲלָכָה, דֶער סֵפֶר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן רֶעדְט דָאךְ נִישְׁט פוּן הֲלָכָה?! נָאר וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע אוּן לוֹיטֶערֶע כֹּחַ הַמְּדַמֶּה צוּ ווִיסְן וָואס יָא צוּ טוּן אוּן וָואס נִישְׁט צוּ טוּן. וַוייל דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ רֵיינֶעם כֹּחַ הַמְּדַמֶּה מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן חַס וְשָׁלוֹם (עַיֵּין אֲשֶׁר בַּנַּחַל מִכְתָּב לו אֲלָפִים קצ).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תעט

### זָאלְן מִיר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער שׁוֹין לַאנְג דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן עֶס הָאט פָּשׁוּט גֶעטוֹישְׁט מַיין בְּלִיק אוֹיפְ'ן לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי, צֶען יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, מִיר הָאבְּן שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם צְווֵיי קִינְדֶער נָאךְ פִילֶע טִפּוּלִים בַּיי דָאקְטוֹרִים, אוּן יֶעצְט ווִיל אִיךְ שׁוֹין הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער. מַיין מַאן הָאט נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק פַאר נָאךְ טִפּוּלִים, עֶר זָאגְט אַז אוֹיב דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אוּנְז שִׁיקְן נָאךְ קִינְדֶער דַארְפְן

מִיר זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אָנְשְׁטְרֶענְגֶען, אִיךְ ווִיל אָבֶער יָא, אוּן דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַז זֵיי זֶעעֶן נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם בַּיי אוּנְז.

עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ הַאלְטְן רוּאִיג מִיט אֱמוּנָה, אִיךְ וִויל נָאר לוֹיפְן צוּם דָאקְטֶער, אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוּן זָאגְן וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**דַאנְקְט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי צְוֵויי לִיכְטִיגֶע מַתָּנוֹת וָואס עֶר הָאט אַייךְ גֶעשָׁאנְקֶען; פַארְוָואס זָאלְט אִיר לוֹיפְן צוּ דָאקְטוֹרִים מַאכְן טִפּוּלִים?! טַאנְצְט פַאר שִׂמְחָה פַאר דִי מַתָּנוֹת מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ מְזַכֶּה גֶעוֶוען.

**בִּשְׁעַת** אַ פְרוֹי צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן; אַלֶע טִירְן פוּן הִימְל עֶפֶענֶען זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען קֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן. דֶערְפַאר זֶעט צוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁעַת אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט, בִּפְרַט אוֹיף קִינְדֶער.

**וֶוען** אִיר זָאלְט וֶוען וויסְן וָואס פַאר אַ כּוֹחוֹת אַ פְרוֹי הָאט מִיט אִירֶע תְּפִלּוֹת, בִּפְרַט וֶוען זִי צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט יֶעדֶע וָואךְ - וָואלְט אִיר אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט אוּן

גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גֶעזוּנְט, אוֹיף קִינְדֶער אוּן אוֹיף נַחַת; עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז פְּרוֹּיעֶן וֵוייסְן נִישְׁט וִוי חָשׁוּב זֵייעֶרֶע תְּפִילּוֹת זֶענֶען אוּן וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן זֵייעֶר צַייט דֶערְמָאלְט. דֶערְפַאר זֶעט צוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁעַת אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט.

## תפ

**וואוּ שְׁטֵייט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט**
**מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וואוּ שְׁטֵייט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן, זֵיי פְלֶעגְן פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן יֶעדֶע זַאךְ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. אַזוֹי אוֹיךְ פְלֶעגְן זֵיי דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע פְּרַט

וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט זֵיי. בִּפְרַט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן פַאר'ן רֶבִּי'ן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן זִיךְ גוּט צוּגֶעקוּקְט צוּ דִי תְּנוּעוֹת וָואס דֶער רֶבִּי מַאכְט צוּ וִויסְן אוֹיבּ עֶר הָאט גוּט גֶעטוּן אָדֶער עֶר דַארְף עֶפֶּעס פַארֶעכְטְן.

**אֵיין** מָאל הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט פַאר'ן רֶבִּי'ן וָואס עֶס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט כְּסֵדֶר אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען גֶעסְט פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ קוּמֶען עֶסְן בַּיי אִים, אָבֶער דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת הָאט זַיין זוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרֵיינְקוּמֶען צוּם טִישׁ זִיצְן נֶעבְּן דֶעם גַאסְט וָואס עֶר הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, וַוייל עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אִים אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ וְכוּ', הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַאר זַיין זוּן עֶר זָאל פָאלְגְן אוּן אַרֵיינְקוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "קוֹדֶם כֹּל וִויל אִיךְ אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ אַהֵיים בְּרֶענְגֶען נָאר גֶעסְט וָואס דוּ וֶועסְט קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי אִין לֶערְנֶען, נִישְׁט סְתַם אוֹרְחֵי פוֹרְחֵי, ווִידֶער אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?!" פוּן דֶעם דִיבּוּר אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער.

**דָאס** אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בַּיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער; גְרוֹיסֶע קִינְדֶער אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ'עֶ הֲלָכָה (יוֹרֶה דֵּעָה סִימָן רמ, סְעִיף כ) **אַז** מֶען טָאר זֵיי נִישְׁט שְׁלָאגְן, וַוייל מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף (וַיִּקְרָא יט, יד): "וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל".

**בֶּאֱמֶת** אַז מֶען טְרַאכְט גוּט אַרַיין זֶעט מֶען אַז פֶּעטְשׁ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד אִיז דָאס נָאר אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי נֶערְוְון. דֶערִיבֶּער טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער; נִישְׁט נָאר עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט, עֶס וֶועט נָאר מַאכְן אַסַאךְ עֶרְגֶער וְכוּ'.

**אַוַדַאי** דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אַ וָוארְט פוּן אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע זָאל זַיין טַייעֶר אוּן חָשׁוּב; אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְן קִינְדֶער פָּאלְגְן. מֶען בַּאלוֹינְט זֵיי פַאר'ן פָאלְגְן אוּן מֶען קַנְס'ט זֵיי אוֹיב זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט. לְמָשָׁל, אוֹיב דָאס קִינְד פָאלְגְט נִישְׁט - עֶר גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן וֶוען מֶען הֵייסְט אִים, וָוארְנְט מֶען אִים אַז עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען שְׁפִּילְן וְכוּ', אָבֶּער נִישְׁט שְׁלָאגְן. שְׁלָאגְן הָאט גָארְנִישְׁט מִיט חִינוּךְ, דָאס אִיז סְתַם זִיךְ אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי נֶערְוְון.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד וָואס הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "ווִי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאב זֵיי אַרָאפְּגֶערִיסְן פוּן בּוֹים?! אִיךְ הָאב אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגָאסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי; אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר הָאב אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער".

# תפא

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין מַאן לֶערְנֶען? פַארְוואס דַארְף מֶען יֶענֶעם אַוֶועקְמַאכְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזוּק אִין אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה, דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק אוּן לַייכְט, אוּן עֶס גֵייט אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ'עֶר מַאן, אִיךְ הַאלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן אִים, עֶר אִיז זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אוּן וואוֹילֶער מַאן, עֶס בַּאדֶערְט מִיר נָאר אַז עֶר לֶערְנְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה.

אִיךְ הָאבּ פִיל גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אִיבֶּער דִי חֲשִׁיבוּת פוּן זָאגְן תּוֹרָה, אִיךְ וָואלְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעפְרֵיידְט וֶוען מַיין מַאן וָואלְט דָאס גֶעטוּן, אִיךְ וֵוייס אַז עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועְרֶע תְּקוּפָה זַייעֶנְדִיג אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חַבְרוּתוֹת אוּן דֶערִיבֶּער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חֵשֶׁק צוּ חַזֶר'ן, אוּן עֶר פְלֶעגְט דֶערְפַאר בַּאקוּמֶען גָאר נִידְרִיגֶע צֵייכֶענוּנְגֶען אוֹיף דִי בְּחִינוֹת, אוּן קֶען זַיין אַז דֶערִיבֶּער ווִיל עֶר יֶעצְט נִישְׁט לֶערְנֶען.

אִיךְ גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ וֶוערְן זַיין "מַשְׁגִּיחַ", אִיךְ הֵייס אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֵיין לֶערְנֶען, אָבֶּער אִיךְ פְּרוּבִיר אַרוֹיסְצוּוַואוַוייזְן ווִי שְׁטַארְק אִיךְ וָואלְט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט וֶוען עֶר וָואלְט יָא גֶעלֶערְנְט, יֶעדֶעס מָאל עֶר דֶערְמַאנְט עֶפֶּעס אַ תּוֹרָה'דִיגֶע זַאךְ, אָדֶער עֶר קוּקְט עֶפֶּעס נָאךְ, וַוייז אִיךְ אַרוֹיס אַ שִׂמְחָה דֶערְפוּן, אוֹיךְ וֶוען מִיר הֶערְן צוּזַאמֶען דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פְּרֶעג אִיךְ אִים וָואס עֶר הַאלְט וֶועגְן דֶעם, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער מוֹרָא אִים צוּ זָאגְן אָפְּן אַז אִיךְ ווִיל עֶר זָאל לֶערְנֶען; אֶפְשָׁר דַארְף אִיךְ דָאס יָא טוּן?

איךְ בֶּעט אַסאךְ דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אִיז דָא נָאךְ עֶפֶּעס אַן עֵצָה וָואס אִיךְ קֶען טוּן דֶערְצוּ?

גְלַייכְצֵייטִיג הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט מְעוֹרֵר זַיין, מִיטְ'ן פוּלְסְטְן מָאס רֶעסְפֶּעקְט, אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן אַנְדֶערֶע רֶבִּי'ס און חֲסִידוּת'עֶר. אַסאךְ מָאל וֶוען אִיךְ הֶער וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פְרֶעגְט אַ בָּחוּר וָואס קוּמְט פוּן אַן אַנְדֶערֶע קְרֵייז און מַאכְט אַוֶועק יֶענֶע קְרֵייז, זָאגְנְדִיג: "וָואס בַּאקוּמְסְטוּ פוּן דַיין רֶבִּי?" דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי. אִיךְ בַּאלַאנְג צוּ אַן אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת און אִיךְ בַּאקוּם פוּן מַיין רֶבִּי חִיזּוּק און עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְן, און אוֹיךְ בִּין אִיךְ מְחוּנָךְ גֶעוָוארְן מִיט אֱמוּנָה און אַז דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אִים וִוי צוּ אַ חַבֵר, פוּן דֶעסְט וֶועגְן בִּין אִיךְ מְכַבֵּד יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט זַיין קְרֵייז און שִׁיטָה; אוֹיבּ בְּרֶסְלֶב פַארְקוֹיפְט גוּטֶע זַאכְן, קֶען מֶען דָאךְ רֶעדְן בְּלוֹיז פוּן דֶעם, פַארְוָואס פֶּעלְט אוֹיס אַוֶועקְצוּמַאכְן אַנְדֶערֶע?

אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, און נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זֵייעֶר אַסאךְ אִינְגֶעלַייט און בָּחוּרִים ווילְן נִישְׁט לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס מֶען הָאט זֵיי פַארְשֶׁעמְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ גְמָרָא קוּמְט זֵיי אַרוֹיף אַלְטֶע וֵוייטָאגְן, בִּזְיוֹנוֹת און שְׁפִיכוּת דָמִים וְכוּ' וָואס זֵיי זֶענֶען אַדוּרְךְ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן. אָבֶּער בֶּאֱמֶת וֶוען זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעוּויסְט וִוי זִיס דִי

הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז - וָואלְטְן זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט חוּץ תּוֹרָה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "אֵיינְמָאל דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר ווַייזְן אִיר פָּנִים, וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶועלְן, נָאר דִי תּוֹרָה".

**הֱיוֹת** אַייעֶר מַאן אִיז דָאס אַרִיבֶּער אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן הָאט דָאס גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל מֶער נִישְׁט וֶועלְן לֶערְנֶען. יֶעצְט, אַז אִיר ווִילְט ווִיסְן וָואס אִיר קֶענְט טוּן עֶר זָאל יָא לֶערְנֶען תּוֹרָה? אַזוֹי ווִי אִיר טוּט יֶעצְט זָאלְט אִיר ווַייטֶער טוּן - בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז; אִיר זָאלְט אִים ווַייטֶער מְחַזֵּק זַיין, מְעוֹדֵד זַיין אוּן אַרוֹיסְווַייזְן ווִי שְׁטַארְק אִיר שֶׁעצְט זַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען; וֶוען עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט - זָאלְט אִיר אִים אוֹיפְהֵייבְּן, דָאס וֶועט מַאכְן עֶר זָאל לֶערְנֶען מֶער אוּן מֶער.

**אִיר** זָאלְט ווַייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ שְׁטוּב וָואס פִירְט זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה, אוּן אַייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט אוּן אִיר שְׁטֵייט מִיט דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן פָּנִים זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער! הֶעלְף מַיין מַאן זָאל לֶערְנֶען, דַאוֶונֶען אוּן זַיין אַ צַדִיק; הֶעלְף מִיר אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען, דַאוֶונֶען אוּן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן צַדִיקִים"; אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶפֶענֶען זַיין הַארְץ אוּן עֶר וֶועט לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה.

בְּנוֹגֵעַ פַארְוָואס מֶען דַארְף אַוֶועק מַאכְן וְכוּ'; דִי פְרַאגֶע אִיז מַמָּשׁ פְּלָאֵי פְּלָאִים... עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא פַארְשֶׁעמְטֶע רֶבִּי אוּן פַארְשֶׁעמְטֶע חֲסִידוּת וִוי בְּרֶסְלֶב! קֵיינֶער וִויל נִישְׁט אַנֶערְקֶענֶען בְּרֶסְלֶב אוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד אִיז צוּ שַׁאנְד אוּן צוּ שְׁפָּאט בַּיי אַלֶע חֲסִידוּת'ן. וֶוען מֶען דֶערְוִויסְט זִיךְ אַז אַ בָּחוּר אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב הוֹיבְּט מֶען אָן חוֹזֵק מַאכְן אוּן אִים אוֹיפְמֶערְקְזַאם מַאכְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט פַאר אִים, אוּן וֶוען מֶען וִויל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט וָואס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה וְכוּ' הֵייסְט דָאס אַז מִיר מַאכְן אַוֶועק אַנְדֶערֶע?! אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין שְׁטַארְקֵייט אִין פְרִישֶׁע תַלְמִידִים זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן נִתְפָּעֵל פוּן לֵצִים אוּן פוּן דִי וָואס לַאכְן אָפּ וְכוּ', דָאס הֵייסְט אַז מֶען בּוֹיט זִיךְ דוּרְךְ אַוֶועק מַאכְן?!

וֶוען אֵיינֶער קוּמְט אוּן וַוארְפְט זִיךְ אַרוֹיף אוֹיף מִיר אוּן וִויל מִיךְ דֶערְוֶוערְגְן, מֶעג אִיךְ יֶענֶעם אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן מִיר? אָדֶער דָא וֶועט מֶען אוֹיךְ שְׁרֵייעֶן: "פַארְוָואס דַארְף מֶען אִים אַרָאפְּוַוארְפְן?" אוּן "מֶען וֶוערְט נִישְׁט גְרֶעסֶער אַז מֶען וַוארְפְט יֶענֶעם אַרָאפּ!" אָדֶער דָא פַארְשְׁטֵייט יֶעדֶער אַז אִיךְ זוּךְ נִישְׁט יֶענֶעם אַרָאפְּצוּוַוארְפְן נָאר פָּשׁוּט יֶענֶער זָאל מִיךְ אָפְּלָאזְן אוּן מִיר לָאזְן לֶעבְּן?!

בְּרֶסְלֶב דַארְף נִישְׁט יֶענֶעם אַוֶועק מַאכְן זִיךְ צוּ בּוֹיעֶן, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ רֶבִּי וָואס הָאט אַזוֹיפִיל סְחוֹרָה צוּ פַארְקוֹיפְן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ פְּלַאץ וואוּ דִי תַלְמִידִים בַּאקוּמֶען פוּן זֵייעֶר רֶבִּי

אַזוֹי סַאךְ ווִי דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים, וָואס דֶער רֶבִּי מַאכְט
זֵיי אַלֵיינְס פַאר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְּרֶעגְט מוֹהֲרָא"ש וָואס אִיז דִי נַפְקָא
מִינָהּ צְווִישְׁן בְּרֶסְלֶב און אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת'ן, הָאט
מוֹהֲרָא"ש גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בַּיי אַנְדֶערֶע רֶבִּי'ס טַאנְצְן דִי חֲסִידִים
אַרוּם דֶעם רֶבִּי'ן, אָבֶּער אִין בְּרֶסְלֶב טַאנְצְט דֶער רֶבִּי אַרוּם
יֶעדְן חָסִיד"; דָאס אִיז מוֹרָא'דִיג מַגְדִיר גֶעוֶוען אִין גֶעצֵיילְטֶע
ווֶערְטֶער וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דָא בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי ווִי
דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שלה): מַיין גַאנְצֶע נַחַת
און תַּעֲנוּג אִיז וֶוען אִיךְ זֶע ווִי מַיינֶע תַּלְמִידִים פִירְן זִיךְ מִיט
יִרְאַת שָׁמַיִם און דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ אַלֶעס
מַפְקִיר גֶעוֶוען; מַיין לֶעבְּן, מַיין וַוייבּ און מַיינֶע קִינְדֶער -
אַלֶעס נָאר פַאר עֶנְק, "הַאִם לֹא הָיִיתִי יָכוֹל לִהְיוֹת מְפֻרְסָם
וּמַנְהִיג שֶׁקוֹרִין 'גוּטֶער אִיד' כְּמוֹ כָּל הַמַּנְהִיגִים, שֶׁנּוֹסְעִים
הַחֲסִידִים אֲלֵיהֶם וְאֵינָם יוֹדְעִים עַל מָה נוֹסְעִים, וְחוֹזְרִים וְשָׁבִים
וּבָאִים וְאֵינָם יוֹדְעִים מַה בָּאִים", וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט
זַיין אַ רֶבִּי פּוּנְקְט ווִי אַלֶע רֶבִּי'ס וָואס דִי חֲסִידִים וֵוייסְן
נִישְׁט פַארְוָואס מֶען פָארְט צוּם רֶבִּי'ן, און וֶוען מֶען קוּמְט
אַהֵיים וֵוייסְט מֶען נִישְׁט מִיט וָואס אִיז מֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען?!
פַארְוָואס גֵייט מֶען צוּ אַ רֶבִּי? וָואס אִיז אַ רֶבִּי? אַז עֶר
קֶען מִיר מַאכְן פַאר אַ צַדִיק, אַז עֶר קֶען מִיר צוּבְּרֶענְגֶען
צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר מַאכְט מִיר לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען.

אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן וֶועט סֵיי ווִי זַיין טַעֲנוֹת און מַחֲלֹקֶת; דֶעם
רֶבִּינְ'ס מַאמֶע דִי צַדֶיקֶת פֵיגָא אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעֲלַת

רוּחַ הַקוֹדֶשׁ און זי הָאט גֶעזֶען וָואס גֵייט זַיין מִיט אִיר הֵיילִיג קִינְד, אִירֶע הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער פְלֶעגְן אִיר רוּפְן "פֵייגֶ'עלֶע דִי נְבִיאוּת'טֶע", וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז בְּשָׁעַת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס בְּרִית הָאט דֶער רֶבִּי'ס מַאמֶע גֶעבֶּעטְן אִיר בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי בָּרוּכְל פוּן מֶעזְ'בּוּז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "בָּרוּכְ'ל - אַזוֹי הָאט זִי אִים גֶערוּפְן - וואוּנְטְשׁ אָן פַאר'ן קִינְד אַז מֶען זָאל נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף אִים", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי בָּרוּכְ'ל אִיר גֶעענְטְפֶערְט: "פֵייגֶא'לֶע דָאס קֶען נִישְׁט זַיין, עֶס אִיז פַארְפַאלְן, מֶען מוּז קְרִיגְן אוֹיף אִים" (סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק סִימָן כא).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דִי וֶועלְט זָאל שׁוֹין אָנְנֶעמֶען דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, דִי לִימוּדִים וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי וֶועלְט. דֶער לִימוּד וָואס דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב): "עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה - אוֹיסֶער תְּפִלָּה, בִּיז מִיר וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אוּנְזֶער גָלוּת.

# תפב

## זָאל אִיךְ פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין שָׁנָה רִאשׁוֹנָה

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ שָׁנָה רִאשׁוֹנָה אִינְגֶערְמַאן, אוּן אִיךְ וִויל וִויסְן וָואס צוּ טוּן וֶועגְן פָּארְן קַיין אוּמַאן. מַיין וַוייבּ זָאגְט מִיר אִיךְ זָאל פָּארְן, אָבֶער אִיךְ מֵיין אַז זִי וֶועט זַיין מֶער פְרֵיילִיךְ אוֹיבּ וֶועל אִיךְ נִישְׁט פָּארְן, נָאר בְּלַייבְּן מִיט אִיר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דַאנְק** אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ אִיז מִיט דִיר אוּן דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַן עֵזֶר; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, יח): "אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ", זָכָה - עוֹזַרְתּוֹ, לֹא זָכָה - כְּנֶגְדּוֹ; אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אִיז דִי וַוייבּ מִיט אִיר מַאן אוּן זִי הֶעלְפְט אִים, אוֹיבּ אִיז מֶען נִישְׁט זוֹכֶה אִיז דִי וַוייבּ אַ כְּנֶגְדּוֹ, אַלֶעס טוּט זִי פַארְקֶערְט פוּנֶעם מַאן.

**דַיין** וַוייבּ הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זִי ווִיל דוּ זָאלְסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן

קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכ): "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען"; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תח): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבָּעֲיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַּאר אַ מַתָּנָה אוּן נִישְׁט נָאר אִיר זֶענְט אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**אַוַדַאי** זָאלְסְטוּ פָּארְן קַיין אוּמַאן, אֲפִילּוּ שָׁנָה רִאשׁוֹנָה; וָואס אִיז בִּכְלַל דַיין פְּרַאגֶע?!

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן בַּאקוּמֶען אַלֶע תִּיקּוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט.

# תפג׳

## זָאל אִיךְ לָאזְן מַיינֶע קִינְדֶער שְׁפִּילְן מִיט שְׁכֵנִים וָואס זֶענֶען נִישְׁט וַואקְסִינִירְט?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הָאבְּן אַ שָׁכֵן וָואס זַיין וַוייבּ אִיז פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס גֶעבְּן נִישְׁט קַיין וַואקְסִינֶען פַאר דִי קִינְדֶער, און אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער שְׁפִּילְן גֶעוֶוענְלִיךְ אִינְאֵיינֶעם, וָואס דָאס אִיז אַ טוֹבָה פַאר בֵּיידֶע. אָבֶּער יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז פַארְשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן דִי מִיזֶעלְס מַחֲלָה בַּיים הַיימִישְׁן עוֹלָם, הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר מוֹרָא פוּן דֶעם. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז צוּלִיבּ אַ שִׂמְחָה הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט גֶעסְט וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְגֶעשְׁטֶעקְט מִיט מִיזֶעלְס, אוּן אִיךְ הָאבּ אַ קְלֵיין קִינְד וָואס קֶען נָאכְנִישְׁט וֶוערְן וַואקְסִינִירְט.

מִיר זֶענֶען אִין אַ דִילֶעמָא, מִיר ווִילְן נִישְׁט מַאכְן קַיין מַחֲלֹקֶת מִיט דִי שְׁכֵנִים, אָבֶּער מִיר ווִילְן אוֹיךְ נִישְׁט אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן וֶוערְן אָנְגֶעשְׁטֶעקְט; וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּצוּגֵיין צוּ דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מַאךְ נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת מִיט דִי שְׁכֵנִים; אַז מֶען טוּט וָואס דִי תּוֹרָה הֵייסְט טוּן וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם**

---

י. נָאךְ אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב תנט

שְׁלֶעכְטְס, מֶער פוּן דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט טוּן אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט טוּן. דִי תּוֹרָה אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן פַאר מֶענְטְשְׁן - נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים (בְּרָכוֹת כה:), דֶערִיבֶּער אַז דוּ פָאלְגְסְט דִי תּוֹרָה אוּן דוּ גֶעבְּסְט וַואקְסִינֶען פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפְּהִיטְן דִיךְ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

## זֶע צוּ לֶעבְן בְּשָׁלוֹם מִיט אַלֶעמֶען - בִּפְרַט מִיט שְׁכֵנִים;

יֶעדֶע זַאךְ פִירְט זִיךְ מִיט אַ פוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן. דָאס וָואס מֶען וואוֹינְט אִין אַ דִירָה מִיט שְׁכֵנִים דָאס אִיז מִיט אַ פוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַוְקָא דֶער מֶענְטְש זָאל וואוֹינֶען נֶעבְּן דִי אוּן דִי מֶענְטְשְׁן[יא], דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ

---

יא. אִין דֶעם פָאלְגֶענְדְן בְּרִיוו שְׁרַייבְּט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא בַּאֲרִיכוּת:

דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז שָׁלוֹם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז שָׁלוֹם; שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, שָׁלוֹם צְווִישְׁן שְׁכֵנִים אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ וֶוען שְׁכֵנִים קוּמֶען זִיךְ אוֹיס.

אִיךְ וֵויים גוּט ווִיאַזוֹי מֶען שְׁפִּירְט מִיט גוּטֶע שְׁכֵנִים אוּן פַארְקֶערְט, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע יָארְן אַסַאךְ סָארְט שְׁכֵנִים; מִיר וואוֹינֶען אִין אַ בִּנְיָן מִיט קָרוֹב צוּ דְרַייסִיג מִשְׁפָּחוֹת, עֶס אִיז גֶעוֶוען צַייטְן וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶ' גֶעוֶוען, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁכֵנִים, וואוֹילֶע מֶענְטְשְׁן, זִיךְ נִישְׁט גֶעמִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶער קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶר וֶועג אוּן זֵיי הָאבְּן אוּנְז גֶעלָאזְט הָאבְּן אוּנְזֶער וֶועג, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מְחַיֶ'. נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען צַייטְן וָואס אִיךְ פְלֶעג טְרֶעפְן מַיין וַוייבּ וֵויינֶען אִין שְׁטוּבּ, יֶעדְן טָאג מִיט אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, הַיינְט הָאט אִיר דִי שָׁכֵנְ'טֶע גֶעזָאגְט אַז זִי אִיז נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע מַאמֶע וַוייל זִי לָאזְט דִי קִינְדֶער עֶסְן נַאשׁ אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, נֶעכְטְן הָאט אִיר אַ שָׁכֵנְ'טֶע פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס זִי מַאכְט נָאכְנִישְׁט פֶּסַח'דִיג, דִי שָׁכֵנְ'טֶע טַעֲנָה'עֶט: "בִּיסְט נַאט נָארְמֶעל", אַ דְרִיטֶע שָׁכֵנְ'טֶע הֶערְט נִישְׁט אוֹיף סֶעקִירְן: "פַארְוָואס קוֹיפְסְטוּ נִישְׁט דִי קְלֵייד וְכוּ' פַאר דַיינֶע קִינְדֶער?!" פָארִיגֶע וָואךְ הָאט אַ שָׁכֵנְ'טֶע אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט מִיט אֵיין בֶּהָלָה אַז אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעבִּיסְן אִיר קִינְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן פָארְגֶעהַאלְטְן: "הַיִתָּכֵן אִיר טוּט גָארְנִישְׁט?" אֵיי דַיין קִינְד הָאט פָארִיגֶע וָואךְ גֶעבִּיסְן אוּנְזֶער בֶּעבִּי; וָואס ווִילְסְטוּ? וָואס שְׁרֵייסְטוּ? דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַז זֵיי זֶענֶען קִינְדֶער וְכוּ'?! אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע שְׁכֵנִים אוּן אַזֶעלְכֶע שְׁכֵנִים.

וָואס הָאבְּן מִיר גֶעטוּן? מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת נִזְקֵי שְׁכֵנִים הֲלָכָה ד, אוֹת ב): ״כִּי צְרִיכִין לְהַאֲמִין שֶׁהַכֹּל מֵאֵת ה׳״, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וְכָל מַה שֶּׁה׳ יִתְבָּרַךְ מְסַבֵּב עִם הָאָדָם״, אוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ, ״הַכֹּל מֵאֵת ה׳ בִּשְׁבִיל בְּחִירָתוֹ״, אַלֶעס אִיז נָאר וַוייל מֶען וִויל זֶען פוּן הִימְל וִויאַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, ״וּבְוַדַּאי גַּם זֶה מֵאֵת ה׳ צְבָאוֹת יָצְאָה שֶׁהוּא יִהְיֶה שָׁכֵן אֵצֶל פְּלוֹנִי״, עֶס אִיז זִיכֶער אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן פּוּנְקְטְלִיךְ אַז דֶער אוּן דֶער זָאל זַיין אוּנְזֶער שָׁכֵן; דִי וֶוערְטֶער הָאט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק גֶעוֶוען, מִיר הָאבְּן גֶע׳חַזֶר׳ט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי נָתָן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אוּנְזֶער בִּנְיָן מִיט אַלֶע דִירוֹת פּוּנְקְט וֶוער עֶס זָאל וואוֹינֶען דָא, וֶוער זָאל וואוֹינֶען נֶעבְּן מִיר, וֶוער זָאל זַיין מַיינֶע שְׁכֵנִים; אַז מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִי שְׁכֵנִים אוּן עֶר וַוארְט צוּ זֶען וִוי שֵׁיין מֶען פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אוּן מֶען קוּמְט זִיךְ אוֹיס - אִיז אַלֶעס גְרִינְגֶער.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): ״צְרִיכִין לִשְׁמֹר מְאֹד שֶׁיִּהְיֶה אַהֲבָה וְאַחְדוּת בֵּין הַשְּׁכֵנִים״, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן דִי שְׁכֵנִים, ״וְלֹא יִהְיֶה בֵּינֵיהֶם שׁוּם שִׂנְאָה וְהֶזֵּק כְּלָל״, אוּן חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן אוּן נִישְׁט מַזִּיק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן, ״כְּדֵי שֶׁיּוּכְלוּ הַשְּׁכֵנִים לְהִצְטָרֵף וּלְהִתְחַבֵּר יַחַד לְכָל דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה כְּדֵי שֶׁיִּתְרַבֶּה בֵּית הַתְּפִלָּה״, אַזוֹי וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען מֶער כְּבוֹד שָׁמַיִם.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן וֶוען אַייעֶר שָׁכֵנ׳טֶע זָאגְט אַייךְ וְכוּ׳ אוּן טֵיילְט אַייךְ אֵיין וְכוּ׳; נִישְׁט יֶעדֶער פַארְשְׁטֵייט וֶוען צוּ זָאגְן אוּן וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן. וֶוען זִי וֶועט אַייךְ אָנְהֵייבְּן מְחַנֵּךְ זַיין, זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּרִיק זָאגְן אוּן נִישְׁט צוּרִיק שְׁרֵייעֶן, אִיר קֶענְט אִיר זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט: ״אִיךְ בִּין מְחַנֵּךְ מַיינֶע קִינְדֶער וִויאַזוֹי מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן אוּן אִיר זָאלְט מְחַנֵּךְ זַיין אַייעֶרֶע קִינְדֶער וִוי אַזוֹי אִיר פַארְשְׁטֵייט״, אוּן וֶוען אַייעֶר שָׁכֵנ׳טֶע הֵייבְּט אָן רֶעדְן בְּשֵׁם דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, זָאלְט אִיר זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט: ״וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט דִיר זָאלְסְטוּ פָאלְגְן, מִיר הָאבְּן אוֹיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, מִיר וֵוייסְן אוֹיךְ אוּן מִיר פָאלְגְן אוֹיךְ״; אָבֶּער הַאלְט אַייךְ אֵיין אוּן שְׁרֵייט נִישְׁט צוּרִיק, גְלֵייבְּט בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן דִי שָׁכֵן, דִי מֶענְטְשְׁן - צוּ זֶען וִוי אַזוֹי אִיר וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַייךְ נִישְׁט; אוֹי וִוי אִיךְ וֵוייס וָואס שְׁכֵנִים זֶענֶען, מִיר קֶענֶען שְׁרֵייבְּן בִּיכֶער פוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן שְׁכֵנִים. וֶוען נִישְׁט דֶעם רֶבִּי׳ן וָואלְטְן מִיר גֶעוֶוען צֶעקְרִיגְט מִיט יֶעדְן שָׁכֵן; אָבֶּער דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי׳ן, דִי אוֹיגְן פוּן רֶבִּי׳ן, דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי צוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע - דָאס הָאט אוּנְז גֶערַאטֶעוֶועט אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט אוּנְז יֶעדְן טָאג מִיר זָאלְן לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם.

מֶען רֶעדְט דָאךְ נִישְׁט פוּן שְׁלֶעכְטֶע שְׁכֵנִים, שְׁכֵנִים וָואס ווילְן אַוֶועק נֶעמֶען פוּן דִי תּוֹרָה; פוּן זֵיי דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן, אוֹיף דֶעם בֶּעט מֶען דָאךְ יֶעדְן טָאג: ״שֶׁתַּצִּילֵנוּ וְכוּ׳ וּמִשָּׁכֵן רָע״; דָא רֶעדְט מֶען פוּן עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת, עֶרְלִיכֶע אִידְן, מֶען דַארְף נָאר קוּקְן גוּט אוּן דַן זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ טִרְדוֹת; אִיךְ הָאף דֶער בְּרִיוו וֶועט זַיין חִיזּוּק פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַנְדֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס דַארְפְן חִיזּוּק אִין דֶעם פְּרַט, עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

זייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט דַיינֶע שְׁכֵנִים עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שׁוּם מַחֲלֹקֶת צְווִישְׁן אַייךְ.

## תפד

### אִיךְ קֶען נִישְׁט קוֹיפְן תְּפִלִּין פַּאר מַיין בַּר מִצְוָה בָּחוּר, אוּן אִיךְ דַארְף חִיזוּק אוֹיף כִּיבּוּד אֵם

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַזוֹי ווִי מֶען פִּירְט זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב צוּ קוֹיפְן פַּאר'ן בַּר מִצְוָה בָּחוּר צְווֵיי פָּאר תְּפִלִּין, סֵיי רַשִׁ"י אוּן סֵיי רַבֵּינוּ תַּם, ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואס צוּ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט אֲפִילוּ צוּ קוֹיפְן רַשִׁ"י תְּפִלִּין פַּאר מַיין בָּחוּר, זָאל אִיךְ גֵיין בָּארְגְן גֶעלְט אִים צוּ קֶענֶען קוֹיפְן אוֹיךְ רַבֵּינוּ תַּם?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן וֶועגְן מַיין מַאמֶע, זִי אִיז זייעֶר בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אוֹיף בְּרֶסְלֶב אוּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט מַיין פְרִיעֶרְדִיגֶע חֲסִידוּת, אוּן סֵיי וֶועלְכֶע זַאךְ אִיךְ טוּ וָואס שְׁמֶעקְט פוּן בְּרֶסְלֶב, רֶעגְט אִיר זייעֶר אוֹיף, לְמָשָׁל אַז אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען פֵיגֶא נָאכְ'ן רֶבִּינְ'ס מַאמֶע, אוּן אוֹיךְ אַז אִיךְ ווִיל קוֹיפְן צְווֵיי פָּאר תְּפִלִּין פַּאר מַיין בַּר מִצְוָה בָּחוּר.

אִיךְ הֶער אַסַאךְ אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זייעֶר מְחַזֵּק מִיט דֶעם, בִּפְרַט אִין אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן אוֹיף וָואס אִיךְ דַארְף אַסַאךְ חִיזוּק.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס זֶענֶען דָא פּוֹסְקִים (עַיֵּין בְּסֵפֶר שֻׁלְחָן הַטָּהוֹר סִימָן לד, סְעִיף א) וָואס הַאלְטְן אַז אוֹיבּ מֶען לֵייגְט נִישְׁט קַיין תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם גֵייט מֶען אַרַיין אִין כְּלַל פוּן 'קַרְקַפְתָּא דְּלֹא מָנַח תְּפִילִין'; בִּפְרַט אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ בִּיסְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען הוֹיבּט אָן לֵייגְן תְּפִילִין בַּיי דִי 'בַּר מִצְוָה' זָאל מֶען אָנְטוּן צְוֵויי פָּאר תְּפִילִין - רַשִׁ"י אוּן רַבֵּינוּ תַּם, אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אַלֶע דוֹרוֹת (עַיֵּין בְּסֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן סד). מִמֵּילָא אִיז דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שְׁאֵלָה צִי דוּ זָאלְסְט קוֹיפְן פַאר דַיין זוּן צְוֵויי פָּאר תְּפִילִין.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִילִין, הֲלָכָה ה' אוֹת כח): "וְעַל כֵּן כָּל מִי שֶׁרוֹצֶה לְקָרֵב אֶת עַצְמוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכוּ' צָרִיךְ לְהָנִיחַ תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם כְּמוֹ שֶׁהִזְהִיר רַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֶת אֲנָשָׁיו לְהָנִיחַ תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם", וֶוער עֶס ווִיל מְקוּרָב וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מַקְפִּיד זַיין אָנְצוּטוּן תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַזְהִיר גֶעוֶוען זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן קוּק אַרַיין אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער וָואס עֶר שְׁרַייבְּט וַוייטֶער, מוֹרָא'דִיגֶע וֶוערְטֶער (אוֹת כט): "וְעַל כֵּן עַכְשָׁיו

בְּעִקְבוֹת מְשִׁיחָא בְּסוֹף הַגָּלוּת צְרִיכִים לִזָּהֵר מְאֹד לְהָנִיחַ תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם כְּמוֹ שֶׁהִזְהִירוּ כָּל הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים שֶׁהָיוּ בְּיָמֵינוּ", אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג וָואס מֶען הַאלְט שׁוֹין מַמָּשׁ בַּיי דִי גְאוּלָה, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין אָט אָט אַרוֹיס פוּן גָלוּת, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אָנְצוּטוּן תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם, אַזוֹי וִוי אַלֶע אֶמֶתְ'עֶ צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶוען, "כִּי עַכְשָׁיו הִתְגַּבֵּר הַבַּעַל דָּבָר מְאֹד מְאֹד מֵחֲמַת שֶׁרוֹאֶה שֶׁקָּרוֹב לָבֹא קִצּוֹ", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זִיךְ זֵייעֶר מִתְגַּבֵּר זֶעעֶנְדִיג וִוי זַיין סוֹף קוּמְט שׁוֹין, דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר הָאבְּן בֵּיידֶע פָּאר תְּפִילִין זִיךְ צוּ קֶענֶען קְרִיגְן מִיט אִים; קוּק נָאךְ אִינֶעוֵוייניג דִי גַאנְצֶע אוֹת וֶועסְטוּ זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם.

בְּנוֹגֵעַ דַיין מַאמֶע וְכוּ'; דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן אִיז אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין דַאוֶוענֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג, שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן; אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ אוּן אוֹיפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער - דָאס אִיז כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן וִוי דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ" - זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן

דוּרְךְ דִיר. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְש פִּירְט זִיךְ ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואוּיל זֶוענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואוּיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה. וֶוען אֵיינֶער פִּירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ זָאגְן דִי מֶענְטְשְׁן: "קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, ווִיבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִּירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ". אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

זַיי אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד; דוּ טְרָאגְסְט אוֹיף דִיר אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת, דוּ טְרָאגְסְט אוֹיף דִיר דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען אוּן מֶענְטְשְׁן קוּקְן אוֹיף דִיר ווִי אַזוֹי דוּ פִּירְסְט זִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תפה

## אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן חִיזוּק אוֹיף טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דָא שְׁרַייבְּט אַ פְרוֹי פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר אוּן עֶס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזוּק.

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק אוּן מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער. עֶס הֶערְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי סַאךְ, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין צוּ דָאקְטוֹרִים שׁוֹין אַ הַאלְבֶּע יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן זַייט דֶעמָאלְט הָאבְּן מִיר פִיל פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכוּ', אוּן אִיךְ דַארְף חִיזוּק אוֹיף טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעהֵייסְן פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אָבֶּער אִין אוּנְזֶער מַצָּב זֶע אִיךְ נִישְׁט וָואס דִי טוֹבָה אִיז, פַארְוָואס פָאדֶערְט דָאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן מִיר? אוּן ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן?

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי הַרְחָקוֹת וְכוּ'; אַז מֶען הִיט נִישְׁט קַיין הַרְחָקוֹת בַּאקוּמְט מֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ.**

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (שַׁבָּת יג.) אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: "מַעֲשֶׂה בְּתַלְמִיד אֶחָד שֶׁשָּׁנָה הַרְבֵּה וְקָרָא הַרְבֵּה וְשִׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הַרְבֵּה, וּמֵת בַּחֲצִי יָמָיו", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זֵייעֶר פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן זֵייעֶר יוּנְג, זַיין וַוייבּ הָאט דָאס נִישְׁט אוּיסְגֶעהַאלְטְן, זִי אִיז אַרוּמְגֶעלָאפְן אִין אַלֶע שׁוּלְן אוּן יְשִׁיבוֹת אוּן גֶעפְרֶעגְט: וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מַיין מַאן אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְג, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דִי תּוֹרָה (דְבָרִים ל, כ): "כִּי הוּא חַיֶּיךָ וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ", וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה וֶועט לַאנְג לֶעבְּן, מַיין מַאן הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה - חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, פַארְוָואס אִיז עֶר נִפְטַר גֶעוָוארְן אַזוֹי יוּנְג?! "וְלֹא הָיָה אָדָם מַחֲזִירָהּ דָּבָר", קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוְויסְט וָואס אִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן, אֵיינְמָאל - דֶערְצֵיילְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא - בִּין אִיךְ אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי פְרוֹי אוּן זִי הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעפְרֶעגְט: "אִיר הָאט גֶעהַאלְטְן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַוַודַאי הָאבְּן מִיר גֶעהַאלְטְן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה!" הָאט אִיר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אוּיסְגֶעפְרֶעגְט פּוּנְקְטְלִיךְ צִי זִי קֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה, בִּיז זִי הָאט מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז זֵיי הָאבְּן נָאכְגֶעלָאזְט אִין דִי הַרְחָקוֹת; הָאט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיר גֶעזָאגְט: "בָּרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁהֲרָגוֹ", גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט אִים גֶע'הַרְגְ'עֶט.

**אִיר** וַוארְט אוּיף קִינְדֶער, דַארְפְט אִיר דָאךְ זְכוּתִים; זָאג אִיךְ אַייךְ צוּ אַז אִין זְכוּת וָואס אִיר וֶועט אָפְּהִיטְן

טָהֳרַת הַמִשְׁפָּחָה, אִיר וֶועט הַאלְטְן אַלֶע הַרְחָקוֹת אַזוֹי וְוי עֶס דַארְף צוּ זַיין - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

**מִיר** הַאלְטְן דִי תּוֹרָה נִישְׁט וַוייל מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן מִיט אוּנְזֶער שֵׂכֶל אַז דָאס אִיז גוּט, מִיר הִיטְן תּוֹרָה וּמִצְוֹת וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַוֶועקְגֶעמַאכְט דִי טַעֲמֵי הַמִצְוֹת (עַיין חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ת״א), דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי מִצְוֹת זֶענֶען הֶעכֶער פוּן אוּנְזֶער שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד, אוּן וִויפִיל טַעֲמִים מִיר וֶועלְן זָאגְן אוֹיף דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועלְן מִיר דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין; מִיר דַארְפְן פָאלְגְן דֶעם רָצוֹן הַשֵׁם וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן טוּן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מִיר טוּעֶן זַיין רָצוֹן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִין זְכוּת וָואס אִיר זֶענְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ הַאלְטְן דִי הֲלָכוֹת אוּן הַרְחָקוֹת זָאלְט אִיר בְּקָרוֹב זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

**אִיר** וֶועט מִיר אַוַדאי מוֹדִיעַ זַיין אַ גוּטֶע בְּשׂוֹרָה בְּקָרוֹב.

# תפו

## אֶפְשָׁר קֶענְט איר גֶעבְּן מֶער חִיזוּק פַאר מְלַמְדִים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד שׁוֹין עֶטְלִיכֶע יָאר, און זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים הָאט זִיךְ מִיר גֶעעֶפְנְט אַ נַייעֶ וֶועלְט, וּבִפְרָט הָאבּ אִיךְ הֲנָאָה פוּן דִי חִיזוּק פַאר מְלַמְדִים, דָאס גֶעבְּט מִיר מוּט און שִׂמְחָה זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין; נִישְׁט נָאר אִיךְ פַארְדִין דֶערְפוּן נָאר אוֹיךְ אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּ רֶעדְן מֶער חִיזוּק פַאר מְלַמְדִים בַּיים סוֹף פוּן דִי גְמָרָא שִׁיעוּר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**גֶעלוֹיבְּט** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען פָארְצוּלֶערְנֶען יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אַ בְּלַאט גְמָרָא בַּבְלִי און אַ בְּלַאט גְמָרָא יְרוּשַׁלְמִי; אַזוֹי וִוי עֶס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז אַלֶע מְלַמְדִים בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה זִיצְן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי בַּיים גְמָרָא שִׁיעוּר - זָאג אִיךְ זֵיי יֶעדְן טָאג אַפָאר וֶוערְטֶער בַּיים סוֹף פוּנֶעם שִׁיעוּר; אַבִּיסְל חִיזוּק

און הַדְרָכָה. אויב דֶער שִׁיעוּר עֶנְדִיגְט זִיךְ גֶענוּג פְּרִי - דֶעמָאלְט אִיז דָא צַייט פַאר זֵיי צוּ בְּלַייבְּן הֶערְן אַפָּאר גוּטֶע וֶוערְטֶער, אָבֶּער אַז דֶער שִׁיעוּר צִיט זִיךְ אַרַיין בִּיז דֶער זְמַן וָואס זֵיי דַארְפְן אַרַיינְגֵיין אִין כִּיתָּה - דֶעמָאלְט גֵייעֶן זֵיי אַלֶע אַרַיין אִין חֶדֶר; דָאס אִיז דֶער סִיבָּה פַארְוָואס נִישְׁט אַלֶע שִׁיעוּרִים עֶנְטְהַאלְטְן חִיזוּק פַאר מְלַמְדִים.

**אַז** דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵד וְויל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע קִינְדֶער; אַ מְלַמֵד וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע קִינְדֶער - דֶער אִיז אַ רִיכְטִיגֶער מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוּ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שְׁמוֹת רַבָּה ב, ב-ג) דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען אַ פַּאסְטוּךְ אַלְס יוּנְגֶער בָּחוּר און עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי שְׁוַואכֶע און יוּנְגֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ זֵיי זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן. עֶר פְלֶעגְט קוֹדֶם אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי קְלֵיינֶע שָׁאף צוּ פַּאשֶׁען, וַוייל זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע צֵיין און זֵיי קֶענֶען נִישְׁט עֶסְן פוּן דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי תְּבוּאָה, וָואס דָארְט אִיז זֵייעֶר הַארְט, - אַז זֵיי זָאלְן עֶרְשְׁט אָפְּעֶסְן דִי וֵוייכֶע תְּבוּאָה. נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט דִי טִיר פַאר דִי עֶלְטְסְטֶע שָׁאף אַז זֵיי זָאלְן עֶסְן פוּן דִי מִיטְלְסְטֶע חֵלֶק פוּן דִי תְּבוּאָה, נָאכְדֶעם הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי מִיטְלְגַארְטִיגֶע שָׁאף וָואס זֵיי הָאבְּן גָאר שַׁארְפֶע צֵיינֶער, זֵיי קֶענֶען עֶסְן דִי הַארְטֶע תְּבוּאָה און דָאס אוֹיסְרַייסְן מִיט דִי וָוארְצְלֶען. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַאר דָוִד: "דָוִד, אִיךְ זֶע וִוי דוּ הָאסְט רַחְמָנוּת אוֹיף דִי שֶׁעפֶּעלֶעךְ, בִּיסְטוּ רָאוּי צוּ זַיין דֶער מַנְהִיג

יִשְׂרָאֵל", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים עח, עא): "מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ, לִרְעוֹת בְּיַעֲקֹב עַמּוֹ, וּבְיִשְׂרָאֵל נַחֲלָתוֹ".

**לֵייג** אַריין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם; דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס וֶועט זֵיי אוֹיפְפְלַאקֶערְן זֵייעֶר הַארְץ צוּ ווֶעלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי וֶועלְן מְקַנֵּא זַיין דִי צַדִּיקִים אוּן וֶועלְן זֵיי נָאכְטוּן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט ווִיסְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד". ווַייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט מֶען אוֹיפְגֶעפְלַאמְט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ ווֶערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט ווִי דֶער צַדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת - ווִיל מֶען אוֹיךְ ווֶערְן אַ צַדִּיק, בִּפְרַט קִינְדֶער וֶוען זֵיי הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים - וֶוערְן זֵיי זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר דוּרְךְ דֶעם.

**עֶס** אִיז בַּאווּיסְט דֶער סִיפּוּר אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זֵיי, הָאט דֶער מְלַמֵּד אִים גֶעזָאגְט: "יָא"; הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבַת הַלְּבָבוֹת", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב גֶעזָאגְט: "נִישְׁט דָאס

מַיין אִיךְ מוּסָר, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט 'מוּסָר', צִי דוּ דֶערְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ"; וַוייל מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים דָאס פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים.

## תפז[יב]

### אַ רֶמֶז אַז בַּיי אַ שִׁידוּךְ קוּקְט מֶען אוֹיפְ'ן דַאוֶוענֶען

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי מוֹרָא'דִיגֶע שִׁיעוּרִים, עֶס אִיז מַמָשׁ מְחַיֶה עֲצָמוֹת הַיְבֵשׁוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַ מְקוֹר אוֹיף דֶעם וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אַז בַּיי אַ שִׁידוּךְ זָאל מֶען קוּקְן אוֹיפְ'ן דַאוֶוענֶען פוּנֶעם בָּחוּר, כָאטְשׁ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ אַליין אִיז גֶענוּג אַ מְקוֹר.

אַזוֹי וִוי אִיר זָאגְט אֵייבִּיג אַז מִיטְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד קוּמְט מֶען אָן אִיבֶּערָאל, הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אִין מִדְרָשׁ רַבָּה (חַיֵי שָׂרָה ס, טו): "וַתִּשָּׂא רִבְקָה אֶת עֵינֶיהָ וַתֵּרֶא אֶת יִצְחָק. אָמַר רַב הוּנָא, צָפַת שֶׁיָדוֹ שְׁטוּחָה בִּתְפִלָּה,

יב. נָאךְ אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב תע.

אָמְרָה וַדַּאי אָדָם גָּדוֹל הוּא, לְכַךְ שְׁאֵלָה עָלָיו", אֵיידֶער רִבְקָה אִיז גֶעוָוארְן אַ כַּלָּה צוּ יִצְחָק, הָאט זִי גֶעקוּקְט אוּן גֶעזֶען וִוי אַזוֹי עֶר דַאוֶונְט.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דַיין בְּרִיוו.

**מוֹהֲרָא"שׁ** פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְטְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ טוּן מִיט אַ טָאכְטֶער אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיף אַ בָּחוּר צִי עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר צִי נִישְׁט, אַז זֵיי זָאלְן גֵיין קוּקְן וִוי אַזוֹי דֶער בָּחוּר דַאוֶונְט; אוֹיבּ דֶער בָּחוּר דַאוֶונְט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר דַאוֶונְט אִין אַ סִידוּר, עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אֵיין פְּלַאץ פוּן אָנְהוֹיבּ דַאוֶוענֶען בִּיזְן סוֹף דַאוֶוענֶען אוּן עֶר דְרֵייְדְט זִיךְ נִישְׁט אַרוּם, אוּן זִיכֶער אַז עֶר שְׁמוּעֶסְט נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען - דָאס וַוייזְט אַז דֶער בָּחוּר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, אָבֶער אוֹיבּ דְרֵייְדְט עֶר זִיךְ אַ גַאנְצְן דַאוֶוענֶען אַהֶער אוּן אַהִין - אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אֵינוֹ מִן הַיִּשּׁוּב.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין תְּפִלָּה, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת, רְפוּאוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת.

# תפח

## וְויפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר אָנְצוּהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וְויפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר זִיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל? אִיךְ בִּין שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן טוֹיזְנְטֶער מָאל און זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס אִיז פַאלְשׁ צוּ זָאגְן אַז אִיךְ גֵיי יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**סְתָם** זִיךְ שְׁטַארְקְן און גָארְנִישְׁט טוּן - דָאס הֵייסְט נִישְׁט אַז מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק; דֶער רֶבִּי הָאט וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת וָואס וֶוער עֶס טוּט דִי עֵצוֹת אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין אֲפִילוּ פוּן דִי גְרֶעסְטֶע בְּלָאטֶע, אָבֶער דִי עֵצוֹת הֶעלְפְט נִישְׁט נָאר מִיט אֵיין תְּנַאי: אוֹיבּ מֶען טוּט דִי עֵצוֹת! אוֹיבּ מֶען דְרֵייְדְט זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב און מֶען טוּט נִישְׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, קֶען מֶען זִינְגֶען אַ גַאנְצְן טָאג: "שְׁטַארְק זִיךְ", "שְׁטַארְק זִיךְ", "שְׁטַארְק זִיךְ", - אָבֶער עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן.

**אַז** דוּ ווילְסְט בֶּאֱמֶת אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיינֶע נְפִילוֹת, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט?! דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז גְרִינְגֶע עֵצוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'. וְהִנֵּה, הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וויל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִים; יֶעדֶער אִיד וויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דִי ווילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין ווילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, ווייל עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילּוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, ווייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "וַאֲפִילּוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר ווייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ' וְכוּ', דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילּוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט

תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶועֶרְט עֶר אָבֶּער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אוּן עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶערְפַאר** אַז דוּ ווִילְסְט בֶּאֱמֶת אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן דַיינֶע עֲבֵירוֹת, הוֹיבּ אָן זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן. תְּשׁוּבָה אִיז נִישְׁט פַאסְטְן, תְּשׁוּבָה אִיז נִישְׁט סִיגוּפִים, תְּשׁוּבָה אִיז צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; תְּשׁוּבָה אִיז זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּן הַיינְט צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע"; עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן, אוֹיפְגֶעבְּן אוּן הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אָבֶּער אַזוֹי וֶועסְטוּ אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָנְקוּמֶען, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט בֶּאֱמֶת אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיינֶע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים נֶעם דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה, אוּן אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ זֶען ווִי צוּבִּיסְלִיךְ קְרִיכְסְטוּ אַרוֹיס פוּן דַיינֶע עֶקְלְדִיגֶע מַעֲשִׂים.

**נָאךְ** אַן דִי עֵצָה פַאר דֶעם - אִיז תּוֹרָה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת

חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק, לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

**אַז** דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ זֶען וִוי דִי תּוֹרָה שְׁלֶעפְּט דִיר אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע.

## תפט

**אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ פַארְקְנֶעכְטֶעט צוּ מַיין מַאן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ פֵיינֶער מַאן, עֶר בְּרֶענְגְט אַהֵיים גֶעלְט פַאר אַלֶעם וָואס עֶס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס, אָבֶּער עֶס שְׁטֶערְט מִיר אַז עֶר מַאכְט מִיר אַסַאךְ מְשׁוּגָע אוּן הֵייסְט מִיר טוּן זַאכְן אִינְדֶערְהֵיים פַאר אִים וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ.

מִיר הָאבְּן טַאקֶע נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע קִינְדֶער, אָבֶּער אִיךְ פִּיל זִיךְ וִוי פַארְקְנֶעכְטֶעט צוּ אִים אַז אִיךְ מוּז זִיךְ אָנְטוּן אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן אִינְדֶערְהֵיים פִּינְקְטְלִיךְ לוֹיט זַיין גֶעשְׁמַאק, אוּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן צוּשְׁטֶעלְן צוּ זַיינֶע פַארְלַאנְגֶען.

מוּז אִיךְ עֶס טַאקֶע טוּן? אָדֶער אוֹיב עֶס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיךְ מֵיין עֶס אִיז נִישְׁט נָארְמַאל מֶעג אִיךְ אִים זָאגְן אַז אִיךְ וִויל דָאס נִישְׁט טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען שְׁרַייבְּן, בִּפְרַט וֶוען מֶען הֶערְט נִישְׁט בֵּיידֶע צְדָדִים; מִיט דֶעם אַלֶעם וֶועל אִיךְ אַייךְ עֶנְטְפֶערְן אִין קוּרְצְן.**

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ, וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר שְׁטוּבּ מִיט אִיר חָכְמָה אוּן אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי צֶעבְּרֶעכְט אִיר שְׁטוּבּ מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט; מֶען דַארְף וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דִי הַיינְטִיגֶע דוֹר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפַאלְן, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס, דִי פְּרִיצוּת אוֹיפְ'ן גַאס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ אוּן מֶען קֶען זֵייעֶר גְרִינְג דוּרְכְפַאלְן אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת. דֶערִיבֶּער דַארְף אַ פְרוֹי זַיין קְלוּג אוּן אֵייבִּיג זַיין גְרֵייט פַאר אִיר מַאן; וֶוען דֶער מַאן זֶעט אַז זַיין ווַייבּ אִיז

שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר אִים אוּן אִיז מִיט אִים אַלֶעמָאל, וֶועט דָאס אִים אָפְּהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

**דָאס** וָואס אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ פַארְקְנֶעכְטֶעט וְכוּ'; דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז אַז אִיר זָאלְט זַיין אָפְן מִיט אַייעֶר מַאן אוּן אִים מַסְבִּיר וָואס בַּאדֶערְט אַייךְ, אַז אַ פָארְפָאלְק וִויל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף מֶען זִיךְ אַרוֹיסְרֶעדְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, נִישְׁט דֶער מַאן קֶען בַּאצְווִינְגֶען דִי וַוייבּ אוּן נִישְׁט דִי וַוייבּ קֶען בַּאצְווִינְגֶען דֶעם מַאן; אוֹיבּ אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ פַארְקְנֶעכְטֶעט זָאלְט אִיר אִים דָאס זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט, אֶפְשָׁר וֵוייסְט עֶר פָּשׁוּט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן.

**בְּנוֹגֵעַ** וָואס עֶר פַארְלַאנְגְט פוּן אַייךְ וְכוּ'; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּא, ט): "אֵיזוֹהִי אִשָּׁה כְּשֵׁרָה? כָּל שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ", וֶוער אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי? אַ פְרוֹי וָואס טוּט רָצוֹן בַּעְלָהּ, זִי אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַארְ'ן מַאן וְכוּ', - דָאס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה מה:): "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אַ פְרוֹי מֶער חָכְמָה וִוי פַאר אַ מַאן"; דַארְף אַ פְרוֹי זֶען אוֹיסְצוּנִיצְן אִיר חָכְמָה אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אִיר שְׁטוּבּ.

**אִין** דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז דֶער מַאן דַארְף זַיין דֶער וָואס הוֹיבְּט אָן גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט פַאר דִי פְרוֹי אוּן דֶערְנָאךְ גֶעבְּט דִי פְרוֹי צוּרִיק לִיבְּשַׁאפְט, אָבֶער וֶוען אַ פְרוֹי נוּצְט אִיר שֵׂכֶל וֶועט זִי נִישְׁט וַוארְטְן אַז דֶער מַאן זָאל אִיר גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם וֶועט זִי צוּרִיק וַוייזְן לִיבְּשַׁאפְט,

נָאר פַארְקֶערְט - זִי וֶועט עֶרְשְׁט אָנְהוֹיבְּן גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט פַאר אִים, וֶועט דֶער מַאן אִיר צוּרִיק גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער און אִיר גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תצ

### וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ גֵיין דַאוֶונֶען און אָנְטוּן תְּפִלִּין?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דָאס יָאר אִין אוּמַאן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. זַייט רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, און אִיךְ הַאלְט שׁוֹין בַּיים צְוֵויטְן מָאל מִשְׁנָיוֹת בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אָבֶּער פַארְפַּאס אִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ גוּטְס, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ גֵיין דַאוֶונֶען און לֵייגְן תְּפִלִּין, און אַזוֹי אוֹיךְ אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן בִּין אִיךְ זֵייעֶר נָאכְגֶעלָאזְט. וֶוען אִיךְ פְלֶעג הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים יֶעדְן טָאג הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט, אָבֶּער לֶעצְטְנְס בִּין אִיךְ זֵייעֶר פַארְנוּמֶען און עֶס קוּמְט מִיר נִישְׁט אוֹיס צַייט צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, דֶערִיבֶּער פַאל אִיךְ אַרָאפּ.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן, יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**פַארְוָואס** בִּיסְטוּ אַזוֹי פַארְבִּיטֶערְט? בִּיסְט אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן רַחֲמָנָא לִצְלָן עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דוּ לֵייגְסְט נִישְׁט קַיין תְּפִלִּין אוּן דוּ דַאוֶוענְסְט נִישְׁט? דָאס קוּמְט נָאר פוּן בִּיטֶערְנִישׁ.

**אִיךְ** ווִיל דִיר פְרֶעגְן, וָואס וֶועט דִיר הֶעלְפְן צוּ זַיין דֶערְבִּיטֶערְט?!

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נ): "כָּל הַפּוֹגֵם בַּבְּרִית", וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, "אֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל", דֶער קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, עֶר שְׁפִּירְט אַ בִּיטֶערֶע טַעַם אִינֶעם דַאוֶוענֶען; דָאס דַאוֶוענֶען הָאט בַּיי אִים אַ טַעַם פוּן "מַיִין מְרִירִין" - בִּיטֶערֶע וַואסֶער. עֶר ווִיל נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אוּן וֶוען עֶר קוּמְט שׁוֹין יָא אִין שׁוּל הָאט עֶר נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד אֲפִילוּ נָאר צוּ עֶפֶענֶען דֶעם סִידוּר, אוּן וֶוען עֶר עֶפְנְט שׁוֹין דֶעם סִידוּר קוּמְט אִים אָן אַזוֹי שְׁוֶוער דָאס דַאוֶוענֶען; דָאס קוּמְט פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית. דִי עֲבֵירוֹת מַאכְן אִים דֶעפְּרֶעסְט אוּן צֶעבְּרָאכְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְזֶה בְּחִינַת חוֹלַאַת שֶׁקּוֹרִין בְּרֶעכֶנִישׁ, רַחֲמָנָא לִצְלָן, שֶׁשּׁוֹבֵר עַצְמוֹת שֶׁל אָדָם", דִי עֲבֵירָה בְּרֶענְגְט דִי מַחֲלָה וָואס הֵייסְט 'בְּרֶעכֶענִישׁ' - דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ דַאוֶוענֶען.

**זָאגְט** דֶער רֶבִּי: "וְאֵין יָכוֹל לִטְעֹם מְתִיקוּת בַּתְּפִלָּה, אֶלָּא כְּשֶׁתִּקֵּן פְּגַם הַבְּרִית", אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דַאוֶועֶנְען נָאר אַז עֶר פַארֶרעכְט זַיינֶע פְּגָמֵי הַבְּרִית, עֶר טוּט תְּשׁוּבָה אוּן עֶר הִיט זִיךְ אָפּ פוּן שְׁלֶעכְטְס; דֶערִיבֶּער אוֹיב מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן אִין קְדוּשָׁה, מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן אוּן דִי מַחֲשָׁבָה דַאן אִיז דָאס דַאוֶועֶנְען אַ זִיסֶע זַאךְ, עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי "מַיִם מְתוּקִים" - זִיסֶע וַואסֶער, מֶען ווִיל נָאךְ אוּן נָאךְ דֶערְפוּן.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער - שְׁטַארְק זִיךְ! דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶועֶנְען שַׁחֲרִית אוּן אָנְטוּן תְּפִילִין; הוֹיבּ נִישְׁט אָן דַיין טָאג פַאר דוּ גֵייסְט אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבֵל'ן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דוּ דַאוֶועֶנְסְט. אַז דוּ וֶועסְט עֶס אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער וֶועסְטוּ נִישְׁט דַאוֶועֶנְען. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לא): "דַאוֶועֶנְען אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, מֶען טָאר דָאס נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער"; אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה:): "תַּנְיָא, אַבָּא בִּנְיָמִין אוֹמֵר: עַל שְׁנֵי דְבָרִים הָיִיתִי מִצְטַעֵר כָּל יָמַי, עַל תְּפִלָּתִי שֶׁתְּהֵא סָמוּךְ לְמִטָּתִי וְכוּ'", אַבָּא בִּנְיָמִין הָאט אַ גַאנְץ לֶעבְּן מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ דַאוֶועֶנְען גְלַייךְ וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף; וַוייל אַז מֶען שְׁטוּפְּט עֶס אָפּ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער - וֶוער וֵוייסְט צִי מֶען וֶועט בִּכְלַל דַאוֶועֶנְען.

**גֶעדֶענְק** וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְנָחוֹת מד.): "וֶוער עֶס לֵייגְט תְּפִילִין וֶועט לַאנְג לֶעבְּן".

# תצא

## אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען שִׂיחוֹת הָרַ"ן אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוֹיף אִידִישׁ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער אַייךְ גֶענוּג צוּ בַּאדַאנְקֶען.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט שִׂיחוֹת הָרַ"ן. אַזוֹי וִוי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט אַזוֹי גוּט לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ שִׂיחוֹת הָרַ"ן אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוֹיף אִידִישׁ אוּן אִיךְ לֶערְן אִין דֶעם.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן אִין בְּרֶסְלֶב וָואס פַארְדְרֵייעֶן דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ מוֹרָא אַז אַזוֹי וִוי דִי אִידִישֶׁע שִׂיחוֹת הָרַ"ן קוּמְט נִישְׁט פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אֶפְשָׁר הָאבְּן זֵיי פַארְדְרֵיידְט פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער; וָואס זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועגְן דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיִשְׁלַח, י"א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווײַל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן דוּ הָאסְט אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר שִׂיחוֹת הָרַ"ן.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתָם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי הַשֵּׁם בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַארְמָאגְן אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ צוּ מְעוֹרֵר זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס פוּן רֶבִּי'ן לִיגְן גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַארְ'ן לֶעבְּן.

**מוֹהֲרָא"ש** אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר פוּן זֶעכְצְן יָאר. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְּלָאגְט צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם סֵפֶר, הָאט עֶר קוֹדֶם גֶענוּמֶען דִי שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן - שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי קְלֵיינֶע תּוֹרוֹת פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס אִיז גְרִינְג צוּ פַארְשְׁטֵיין, אוּן דָאס גֶע'חַזֶר'ט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּיז עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען שָׁגוּר עַל פִּיו, נָאכְדֶעם הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן.

**אַז** דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הַקָּדוֹשׁ אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ לֶערְנֶען שִׂיחוֹת הָרַ"ן אִין אִידִישׁ; מֶען הָאט דָאס זֵייעֶר שֵׁיין אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט.

**דֶער** עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא וְכוּ' - אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (עַיִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו); דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דָאס גוּטְס פוּן דִי חֲסִידִים אוּן דָאס גוּטְס פוּן דִי לִיטְוִוישֶׁע"; בַּיי חֲסִידִים אִיז דֶער עִיקָר 'תְּפִלָּה', אוּן בַּיי דִי לִיטְוִוישֶׁע אִיז דֶער עִיקָר 'תּוֹרָה', אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען בֵּיידֶע - סֵיי תּוֹרָה אוּן סֵיי תְּפִלָּה, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן דֶער עִיקָר, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפז): "מַה יֵּשׁ לְהָאָדָם לַעֲשׂוֹת בְּזֶה הָעוֹלָם", וָואס הָאט אַ מֶענְטְשׁ צוּ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט? "אֵין צָרִיךְ כִּי אִם לְהִתְפַּלֵּל, וְלִלְמֹד, וּלְהִתְפַּלֵּל", נָאר דַאוֶוענֶען, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

**דֶער** רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם (מִכְּתְבֵי רַבֵּינוּ ז"ל, בְּרֵישׁ סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה): "בַּקָּשָׁתִי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִיקָר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מַאכְן פוּנֶעם טָפֵל אַן עִיקָר אוּן פוּן עִיקָר אַ טָפֵל; זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אוּן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַן עִיקָר - נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

**דֶערְפַאר** זֶע צוּ לֶערְנֶען אַסאךְ מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אוּן אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס

דו לֶערְנְסְט - דָאךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, וַוייל דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

## תצב

### וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאן פוּלְט אָן דִי הוֹיז מִיט אִינְטֶערְנֶעט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶע פְּרוֹי, אֵיין אוּן אַ הַאלְבּ יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַּארְוֵוייטָאגְט אִיבֶּער מַיין לֶעבְּן.

אִיךְ קוּם פוּן אַ רֵיינֶע אָפְּגֶעהִיטֶענֶע שְׁטוּבּ בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה, וַוייט פוּן טֶעכְנֶעלָאגְיֶע אוּן אָן קַיין שַׁיְיכוּת צוּ אִינְטֶערְנֶעט אוּן דָאס גְלַייכְן, ווִידֶער מַיין מַאן קוּמְט פוּן מֶער אַן אָפֶענֶע מָאדֶערְנֶע שְׁטוּבּ, מִיט אִינְטֶערְנֶעט, נָאר מֶען לָאזְט נִישְׁט דִי קִינְדֶער צוּרִירְן דֶערְצוּ...

מַיין מַאן אִיז גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה, עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט אַ בִּיזְנֶעס אוּן עֶר הָאט לְכָבוֹד דֶעם אַרַייְנְגֶעבְּרֶענְגְט אִין שְׁטוּבּ אַ קָאמְפְּיוּטֶער מִיט אִינְטֶערְנֶעט, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר צוּגֶעקוֹיפְט אוֹיךְ אַ טֶעבְּלֶעט אוּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבֶּעטְן מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן עֶר זָאל עֶס אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁטוּבּ, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ רַבָּנִים, אָבֶּער גָארְנִישְׁט הָאט גֶעהָאלְפְן.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט פָּאדֶערְט עֶר פוּן מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ אָנְטוּן מָאדֶערְן, רַעשְׁ'יג, אוּן נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג, עֶר זָאגְט קְלָאר אוּן אָפְן אַז עֶר ווִיל אִיךְ זָאל זִיךְ אָנְטוּן ווִי זַיינֶע חֲבֵרִים'ס וַוייבֶּער, עֶר לָאזְט מִיר נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין רַבָּנִים, אוּן ווִיפִיל אִיךְ טוּ פַאר אִים אִיז נִישְׁט גֶענוּג.

ווי עֶס זֶעט מִיר אוֹיס וֶועל אִיךְ אַזוֹי נִישְׁט קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְוֵוייטָאגְט אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין אוֹיסְוֶועג. אֶפְשָׁר וֶועט אִיר זַיין דֶער רִיכְטִיגֶער שָׁלִיחַ מִיר אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן, אָדֶער כָאטְשׁ קְלָאר מַאכְן ווִי אַזוֹי אִיךְ דַארְף זִיךְ פִירְן.

א גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִשְׁלַח, י"א כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אִיךְ** מוּז אַייךְ זָאגְן אָפְן אוּן קְלָאר אַז אִיר גֶעפִינְט זִיךְ אִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע צָרָה; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין וֶועג מֶען זָאל קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת מִיט אַ קָאמְפְּיוּטֶער אִין שְׁטוּבּ וָואס אִיז מְחוּבָּר צוּם אִינְטֶערְנֶעט רַחֲמָנָא לִצְלָן. וויפִיל מֶען זָאל נָאר רֶעדְן וֶועגְן דֶעם חוֹמֶר הָעִנְיָן פוּן הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ אַ קָאמְפְּיוּטֶער, סְמַארְטְפָאוֹן וְכוּ' - אִיז נִישְׁט גֶענוּג; דָאס הָאט שׁוֹין לֵיידֶער חָרוּב גֶעמַאכְט צֶענְדְלִיגֶער מִשְׁפָּחוֹת.

**דָאס** אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרָה פַאר אוּנְזֶער דוֹר, וַוייל וֶוען מֶען הָאט אַן אָפֶענֶעם קָאמְפְּיוּטֶער מִיט אִינְטֶערְנֶעט אָדֶער אַן אֵייפַּאד, טֶעבְּלֶעט, סְמַארְטְפָאוֹן וְכוּ', קֶען מֶען זֶען אַלֶע שְׁמוּץ אוֹיף דִי וֶועלְט; דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי גַאנְצֶע יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אַ מֶענְטְשׁ, דָאס קִילְט אָפּ דִי אֱמוּנָה פוּן אַ אִיד אוּן בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען אִינְגַאנְצְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ.

וָוען מֶען קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע מָאוִּויס וְכוּ' וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, בִּיז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּגֶעוואוֹינֶען דֶערְפוּן; אַזוֹי ווִי דִי וָואס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדְן (עֶדִיקְטֶעד) צוּ דְרָאגְס וְכוּ' אָדֶער צוּ אַלְקָאהָאל וְכוּ' - קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרַייסְן דֶערְפוּן, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער וָואס הָאט אַ קָאמְפְּיוּטֶער מִיט אִינְטֶערְנֶעט אָדֶער אַן אַייפַּאד, סְמַארְטְפָאוֹן וְכוּ' אוּן קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע מָאוִּויס וְכוּ', - וֶוערְט זֵייעֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט דֶערְצוּ, בִּיז עֶס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם. דֶער מֹחַ וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט פוּן דִי אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע מָאוִּויס, בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, נָאכְדֶעם הוֹיבְּט מֶען אָן צוּ הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלָן. דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ אַן אָפֶענֶעם קָאמְפְּיוּטֶער מִיט אִינְטֶערְנֶעט, אָדֶער אַ סְמַארְטְפָאוֹן.

**עֶס** אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אַייךְ צוּ גֶעבְּן אַן עֵצָה וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט דָא צוּ צֶעבְּרֶעכְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער; אִיר דַארְפְּט זַיין זֵייעֶר אָפְּן מִיט אַייעֶר מַאן אוּן אִים זָאגְן קְלָאר אַז אוֹיף דֶעם וֶועג ווִי עֶר פִירְט זִיךְ וֶועט אִיר נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, מֶען מוּז אַרוֹיסְוַוארְפְן דִי שְׁמוּץ פוּן שְׁטוּבּ, אַז נִישְׁט זֶע אִיךְ נִישְׁט קַיין וֶועג פַאר אַייךְ.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מה.): "אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", וָוען מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע בִּילְדֶער, מֶען קוּקְט אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע מָאוִּויס, פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת; וואוֹיל

אִיז דֶעם וָואס הָאט שֵׂכֶל און פָאלְגְט וָואס אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן זָאגְן, עֶר הַאלְט זַיין שְׁטוּב עֶרְלִיךְ און רֵיין, דֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי זַיינֶע קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ.

**וִויפִיל** בְּרִיוְו הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעשְׁרִיבְּן צוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וואוּ עֶר בֶּעט זִיךְ מִיר זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אוֹיף אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת, און מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן אִין שְׁטוּב קַיין קָאמְפְּיוּטֶער, סְמַארְטְפָאוֹן און אֵייפַּאד; וִויפִיל הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעוֵוינְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט דִי אַלֶע כֵּלִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן און נִישְׁט נָאכְלָאזְן פוּן אַייעֶר ווִילְן.

# תצג

**וִוי אַזוֹי דַארְף מֶען מַדְרִיךְ זַיין כַּלּוֹת?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מִיט מַיין מַאן הֶערְן כְּסֵדֶר אוֹיס אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען פוּל מִיט חִיזוּק און יִרְאַת שָׁמַיִם, דָאס גֶעבְּט אוּנְז פִילֶע גוּטֶע עֵצוֹת און חִיזוּק אִין לֶעבְּן, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ גֶעבּ שִׁיעוּרִים פַאר כַּלּוֹת און וַוייבְּלֶעךְ אִיבֶּער דִי נוֹשֵׂא אַז אַ פְרוֹי דַארְף זַיין אַ מְקַבֵּל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַזוֹי אַז דֶער מַאן זָאל זַיין דֶער גֶעבֶּער און דִי פְרוֹי דִי נֶעמֶער; נִישְׁט ווִי עֶס זֶענֶען דָא פְרוֹיעֶן וָואס מֵיינֶען אַז דִי רָאלֶע פוּן אַ פְרוֹי אִיז צוּ גֶעבְּן פַאר'ן מַאן

לִיבְּשַׁאפְּט אוּן חִיזוּק, דֶער אֱמֶת אִיז פַארְקֶערְט אַז דֶער מַאן אִיז דֶער וָואס דַארְף גֶעבְּן, אוּן דִי פְּרוֹי דַארְף עֶס נֶעמֶען אוּן הֲנָאָה הָאבְּן דֶערְפוּן, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג הָאבְּן בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דֶער וֶועג וָואס אִיךְ לֶערְן אוֹיס אִיז טַאקֶע דִי תּוֹרָה'דִיגֶער וֶועג, אִיז דָאס טַאקֶע דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג וִוי אַזוֹי אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן לֶעבְּן? אוּן אוֹיבּ יָא, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר פַארְבְּרֵייטֶערְן דֶעם נוֹשֵׂא מִיט מְקוֹרוֹת אוּן עִנְיָנִים אִיבֶּער דֶעם?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ט כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**וזאויל** אִיז אַייךְ אַז אִיר זֶענְט מַדְרִיךְ כַּלוֹת וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אַ אִידִישׁ לֶעבְּן עַל פִּי תּוֹרָה; דֶער עִיקָר וָואס מֶען דַארְף לֶערְנֶען מִיט כַּלוֹת אִיז הִלְכוֹת טָהֳרָה, וִוי אַזוֹי צוּ הַאלְטְן אוּן מְקַיֵּים זַיין אַלֶע הֲלָכוֹת, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם צוּ לֶערְנֶען מִיט זֵיי חוּמְרוֹת פוּן פְּרִישׁוּת. דִי אַלֶע כַּלָה טִיטְשֶׁערְס וָואס לֶערְנֶען מִיט כַּלוֹת חוּמְרוֹת פוּן פְּרִישׁוּת זֶענֶען עֲתִידִין לִיתֵּן אֶת הַדִּין; זֵיי זֶענֶען שׁוּלְדִיג אִין רוֹב גִיטִין, זֵיי זֶענֶען שׁוּלְדִיג אַז מֶען טְרֶעפְט טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט אִין פְלֶעצֶער ווּאוּ מֶען טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן, וָואס דָאס קוּמְט נָאר וַוייל מֶען לֶערְנְט פַאלְשֶׁע הַדְרָכוֹת מִיט דִי כַּלוֹת.

דִי מַדְרִיכִים אוּן מַדְרִיכוֹת וָואס לֶערְנֶען פְּרִישׁוּת וְכוּ' אוּן שְׁרֶעקְן אָן דִי חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת מִיט קְרַאנְקֶע קִינְדֶער וְכוּ', הֲגַם זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ אַרוֹיס וִוי חָשׁוּבְ'ע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵיי אָבֶּער שְׁלוּחִים פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם; דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צִיטֶערְט וֶוען אַ בָּחוּר וֶוערְט אַ חָתָן אוּן אַ מֵיידְל וֶוערְט אַ כַּלָּה, ווייל וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה הָאט עֶר מֶער נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, דֶערְפַאר הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַן עֵצָה, עֶר רֶעדְט אַיין דִי חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן מִיט פְּרִישׁוּת אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זֵיי וַוייטֶער אוּנְטֶער זִיךְ.

**א)** דֶערִיבֶּער, אַז אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר לֶערְנְט מִיט כַּלּוֹת אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס אִיר דַארְפְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן: "נִישְׁט אַרוֹיפְלֵייגְן קַיין שׁוּם חוּמְרָא אוּן קַיין שׁוּם הַנְהָגָה וָואס צַדִיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט - אוֹיף אוּנְז פָּשׁוּטְ'ע מֶענְטְשְׁן".

**ב)** צְוֵוייטְנְס, דָאס וָואס אִיר לֶערְנְט מִיט דִי כַּלּוֹת אַז דִי פְרוֹי אִיז דִי מְקַבֵּל אוּן דֶער מַאן דַארְף זַיין דֶער מַשְׁפִּיעַ - דָאס אִיז אֱמֶת וְיַצִיב; אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, דֶער מַאן אִיז דֶער וָואס דַארְף גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט אוּן זִיכֶערְקֵייט וְכוּ' וְכוּ' פַאר דִי וַוייבּ. אָבֶּער דָאס דַארְף מֶען לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים - נִישְׁט מִיט כַּלּוֹת; פַאר חֲתָנִים דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ זַיין אַ גֶעבֶּער, גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט אוּן גוּטֶע וֶוערְטֶער; אַז דִי כַּלּוֹת זָאלְן מַסְכִּים זַיין צוּ נֶעמֶען לִיבְּשַׁאפְט, דָאס דַארְף מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט זֵיי, זֵיי וֶועלְן דָאס אַלֵיינְס טוּן אוֹיךְ אָן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים.

ג) אַדְרַבָּה, לֶערְנְט אוּיס פַּאר דִי כַּלוֹת אַז עֶס מַאכְט זִיךְ צַייטְן אוּן פֶּעלֶער וֶוען דִי וַוייבּ דַארְף זַיין דִי וָואס גֶעבְּט לִיבְשַׁאפְט; וֶוען מֶען זֶעט אַז דֶער מַאן אִיז אַ שִׁבְרֵי כֵּלִי, עֶר אִיז צֶעבְּרָאכְן, דָאס לֶעבְּן גֵייט אִים נִישְׁט ווִי גֶעפְּלַאנְט, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט זַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן עֶר פַּאלְט אַרַיין אִין אַ צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, דַאן זָאל זִי זַיין דִי וָואס אִיז מַשְׁפִּיעַ אוֹיף אִים - אִים אוֹיפְהֵייבְּן אוּן דֶערְמוּטִיגְן.

ד) לֶערְנְט אוּיס דִי כַּלוֹת וָואס פַּאר אַ כֹּחַ אַ וַוייבּ הָאט.
חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ חָסִיד וָואס הָאט גֶעהַאט אַן עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער, הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעמַאכְט צְווִישְׁן זִיךְ אַז ווִיבַּאלְד זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער - וֶועלְן זֵיי זִיךְ גֶטְ'ן, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן, "הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע", דֶער חָסִיד הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט נִישְׁט אַן עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי אוּן מִיט דִי צַייט הָאט זִי אִים גֶעמַאכְט פַּאר אַ רָשָׁע, "הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִּיק", ווִידֶער דִי עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ מַאן אַ רָשָׁע אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַּאר אַ צַדִּיק, "הֱוֵי, שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי פְּרוֹי הָאט מוֹרָא'דִיגֶע כּוֹחוֹת, זִי קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אִיר מַאן, אִים מְחַזֵק זַיין אוּן אִים אוֹיפְהֵייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת.

# תצד

## וִוי אַזוֹי גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן חוֹבוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶה אוּן אִיךְ לֶעבּ מִיט דִי דְרָשׁוֹת, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען, אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, אַ דַף גְמָרָא אוּן שַׁ"ס כְּסִדְרָן, אַבִּיסְל תְּהִלִּים אוּן אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.

אִיךְ אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער פוּן צוּפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט, אוּן דָאס דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן קוּמְט מִיר אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, מַמָשׁ מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ; דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיז מִיר מְחַזֵק אִיז דָאס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דָאס דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן בְּרֶענְגְט דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה, עֶס בְּרֶענְגְט גֶעלְט.

אִיךְ זֶע אָבֶּער אַז בַּיי מִיר אַרְבֶּעט עֶס נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט קוּים עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין צְוֶועלְף טוֹיזְנְט דָאלֶער חוֹבוֹת. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר אִיבֶּער דִי שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן קְרֶעדִיט קַארְדְס, אוּן אִיךְ הָאבּ טַאקֶע צוּגֶעמַאכְט אַלֶע קַארְטְלֶעךְ, אָבֶּער אִיךְ קֶען נִישְׁט דֶעקְן מַיינֶע הוֹצָאוֹת.

זֶעעֶנְדִיג אַז אִיךְ בִּין סַיי וִוי אָנְגֶעזֶעצְט מִיט חוֹבוֹת, פַארְלִיר אִיךְ דִי חֵשֶׁק צוּ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן. אִיךְ דַארְף חִיזוּק אוֹיף דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, אוּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן חוֹבוֹת.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵו, נֵר ב' דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַּיין בְּרִיוו.

**וואוֹיל** אִיז דִּיר אַז דוּ גֵייסְט אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַּאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים סט, יד): "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן"; "אֵימָתַי עֵת רָצוֹן", וֶוען אִיז אַן עֵת רָצוֹן? "בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין", וֶוען דֶער צִיבּוּר דַּאוֶוענְט; וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּיסְט וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען דַּאוֶוענְט מִיט מִנְיָן - וָואלְטְן אַלֶע מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ח.): וֶוען מֶען דַּאוֶוענְט מִיט מִנְיָן נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן דִּי תְּפִילּוֹת אֲפִילּוּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין וְכוּ'; נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת ו:): "כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָּא יוֹם אֶחָד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁאִיל בּוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל אוּן עֶר פַּארְפֶעלְט אַמָאל צוּ קוּמֶען, פְּרֶעגְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ נָאךְ אוֹיף אִים: "וואוּ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ, וָואס אִיז מִיט אִים אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען הַיינְט אִין שׁוּל?" אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען דַּאוֶוענְט מִיט מִנְיָן - אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ דִּי הַשְׁגָּחָה אוֹיף זִיךְ, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ

דִיר, שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער צוּ דַאוֶועֶנְען מִיט מִנְיָן, זַיי נִישְׁט מְזַלְזֵל אִין דֶעם - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן שֶׁפַע.

**בְּעִנְיַן** דַיינֶע חוֹבוֹת וְכוּ'; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת, וַוייל חוֹבוֹת אִיז זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ פַארְ'ן מֶענְטְשׁ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת אוֹת מָמוֹן, סִימָן עז): "מִי שֶׁעוֹשֶׂה מַעֲשָׂיו בִּמְהִירוּת בְּלִי יִשׁוּב הַדַעַת נַעֲשֶׂה בַּעַל חוֹב", וֶוער עֶס טוּט זַאכְן שְׁנֶעל אָן יִשׁוּב הַדַעַת וֶוערְט אַ בַּעַל חוֹב; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִידוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): "מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב", וֶוער עֶס וויל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן זַיין אַ בַּעַל חוֹב.

**מוֹהֲרָא"שׁ** הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ וֶועג ווי אַזוֹי אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן חוֹבוֹת, אַז מֶען זָאל אָנְהוֹיבְּן בַּאצָאלְן צוּבִּיסְלִיךְ; דֶערִיבֶּער אַז דוּ ווילְסְט בֶּאֱמֶת אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת זָאלְסְטוּ אַזוֹי טוּן, הוֹיבּ אָן בַּאצָאלְן דַיינֶע חוֹבוֹת צוּבִּיסְלִיךְ וֶועסְטוּ קֶענֶען אַלֶעם בַּאצָאלְן. דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנֻסֶּה, אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: 'אִיךְ הָאבּ אַ חוֹב פוּן הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער, ווי וֶועל אִיךְ דָאס קֶענֶען בַּאצָאלְן?' אוּן דֶערְפַאר בַּאצָאלְט עֶר גָארְנִישְׁט, עֶר גֵייט נָאר אַרַיין טִיפֶער אִין חוֹבוֹת וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אַז מֶען צָאלְט צוּבִּיסְלִיךְ - נָאךְ אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל - עֶנְדִיגְט מֶען מִיט אַלֶע חוֹבוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תצה

### וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען...?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ אוֹיס אַייעֶרע שִׁיעוּרִים, אוּן אִיר רֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ אַז מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אֵיין פְּרָאבְּלֶעם, אַז אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען...

אַלֶעס גֵייט מִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן אוֹפָן, אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ חָתָן, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ חֲבֵרִים, אִיךְ קוּם פוּן אַ גוּטֶע שְׁטוּבּ, אִיךְ בִּין פוּן דִי מְצֻיָּנִים אִין יְשִׁיבָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אִיז מִיר אַלֶעס זֵייעֶר גוּט בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אָבֶּער נִישְׁט אַזֶעלְכֶע וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ דַארְפְן דֶערְוֶועגְן זִיךְ "אוֹיסְרֶעדְן" צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵו, נֵר ב' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּ דַיין חֲתוּנָּה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִין אָנְהוֹיבּ אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶּער אֵיינְמָאל מֶען בְּרֶעכְט דָאס דוּרְךְ, מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען טוּט דִי עֵצָה וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן - דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - הָאט מֶען שׁוֹין נִישְׁט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם פוּן נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ רֶעדְן וְכוּ'. מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אֵיינֶעם וָואס לֶעבְּט נִישְׁט מִיט דִי עֵצָה וָואס פַאר אַ זִיסֶע אַיינְגֶענֶעמֶע טַעַם מֶען שְׁפִּירְט וֶוען מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג; מוֹהֲרְנַ"ת פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "אִלְמָלֵא לֹא בָּאתִי אֶלָּא לִשְׁמוֹעַ דָבָר זֶה, דַּיֵּנוּ", וֶוען מִיר וָואלְטְן וֶוען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן בְּלוֹיז צוּ הֶערְן דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - וָואלְט שׁוֹין גֶענוּג גֶעוֶוען; פַאר דֶעם אַלֵיינְס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט מִיר זָאלְן וִויסְן פוּן רֶבִּי'ן, אַז דֶער רֶבִּי זָאל אוּנְז אוֹיסְלֶערְנֶען מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וֶוען** רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ' וְכוּ', הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "נָתָן, קוּם אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן", אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער, וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט גֶעטוֹישְׁט רֶבִּי נָתָן'ס גַאנְצֶע לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְט"; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט מְגַלֶּה גֶעוֶוען

דֶער עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה - וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

**רֶבִּי** נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: 'אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְט', הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף מִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר אִיךְ וֶועל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן".

**אִין** אָנְהוֹיבּ אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נֶעבֶּעךְ פַארְשְׁמִירְט מִיט חֲטְאוֹת נְעוּרִים אוּן פְּגַם הַבְּרִית, עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ מוֹצִיא גֶעוֶוען זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, רַחֲמָנָא לִשֵׁיזְבָן, דֶעמָאלְט אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נ): "כִּי כָּל הַפּוֹגֵם בִּבְרִית", וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית,

"אֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל", דֶער קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט פַארְלִירְט עֶר דִי אֱמוּנָה, עֶר זֶעט נִישְׁט אוּן שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל קֶענֶען רֶעדְן.

**וֶוער** נָאךְ דַארְף אַזוֹי סַאךְ דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן - וִוי אַ חָתָן וָואס דַארְף בֶּעטְן פַאר זַיין לֶעבְּן; עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס וֶועלְן גֵיין בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַיִּרְאָה. דוּ וֵוייסְט דָאךְ דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט וֶוען דֶער רֶבִּי'ס טָאכְטֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זִיךְ בַּאקְלָאגְן אַז אִיר דִינְסְט אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן אִיר אוּן זִי דַארְף אַ דִינְסְט צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב, הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ דִינְסְט וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דִי חוּפָּה?" זֶעט מֶען אוֹיף וָואס מֶען דַארְף אַלְץ בֶּעטְן - פַאר יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן, אֲפִילוּ אוֹיף צוּ הָאבְּן אַ הֶעלְפֶער אִין שְׁטוּב.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

# תצו

## יֶעדְן טָאג דַארְף מֶען בֶּעטְן פַאר גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסאךְ אַייֶערע שִׁיעוּרִים, און אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק דֶערְמִיט, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

מַיין וַוייבּ וַוארְט בָּרוּךְ הַשֵׁם וְכוּ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַלֶעס זָאל פָארְן כְּשׁוּרָה, אִיךְ בִּין אָבֶּער בַּאזָארְגְט צִי מִיר הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, ווִי לְמָשָׁל בַּייטָאג וְכוּ', צִי עֶס וֶועט נִישְׁט עֶפֶּעס שָׁאטְן פַארְ'ן קִינְד.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ו כִּסְלֵו, נֵר ב' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק און לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר - אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט און יֶעצְט וַוארְט אִיר שׁוֹין לְמַזָל טוֹב; זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען וַוייטֶער חֲסָדִים.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דוּרְכְאוֹיס דִי נַיין חֳדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט
וְכוּ' זָאל מֶען יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז
אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת בִּזְכוּת דִי צַדִיקִים וָואס
הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט
(סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת צַדִיק חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַדִיקִים
יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנוֹת הַטֶבַע",
דוּרְכְ'ן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי
טֶבַע; דֶערִיבֶּער אִיז גוּט אַז וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן
זָאל מֶען אַרוֹיסְזָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט
אוֹיסְנֶווייניג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, משֶׁה, אַהֲרֹן,
יוֹסֵף, דָוִד אוּן שְׁלֹמֹה, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא
אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב,
רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס
מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען זָאגְן דִי תְּפִלָּה:

"יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ
דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִיקִים; בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה,
בִּזְכוּת זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ וָואס
זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ
הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ זִי זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח
אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים, אוּן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין
דִי אַלֶע טֶעג וָואס זִי וַוארְט - גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן
אוּנְז אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע'ס אַז קֵיינֶער זָאל אוּנְז נִישְׁט קֶענֶען
שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף אוּנְז אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע
קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, רִבּוֹנוֹ

שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מַיין ווייבּ זי זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק
איר גַאנְצֶע לֶעבְּן אוּן מִיר זָאלְן אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים
וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי
פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

אִיךְ שִׁיק דִיר אוֹיךְ אַ תְּפִלָּה פַאר דַיין ווייבּ וָואס זִי זָאל
מִתְפַּלֵל זַיין יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג
אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים אוּן
אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ
וַוארְט - גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן
הָרַע'ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר
אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן
דַיין ווילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ
זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל
אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם
אַ נַחַת רוּחַ. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה אוּן
הֶעלְף מִיר שׁוֹין אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים, וּבִפְרַט אִין זְכוּת
פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן
אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן
עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי
וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן גָארְנִישְׁט וְכוּ'; עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ
מַאֲרִיךְ צוּ זַיין אִין דֶעם עִנְיָן אוֹיפְ'ן פַּאפִּיר וְכוּ', אֵיין זַאךְ

זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען - דָאס וָואס רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: "קִינְדֶערְלֶעךְ, הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת"; וֶוען מֶען מֶעג - מֶעג מֶען אַלֶעס וְכוּ' און וֶוען מֶען טָאר נִישְׁט - טָאר מֶען גָארְנִישְׁט וְכוּ'.

**אַ** לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

## תצז

### ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ שְׁוֶוערֶע שְׁוֶוער און שְׁווִיגֶער?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר נִישְׁט צוּ לַאנְג צוּרִיק, אִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ אַרְבֶּעטְן און מִיר פְּרוּבִּירְן אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין אָבֶּער זֵייעֶר פַארְוֵוייטָאגְט אִין לֶעבְּן צוּלִיבּ מַיין שְׁוֶוערֶע שְׁוֶוער און שְׁווִיגֶער מִיט וֶועמֶען אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעפַאלְן.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גוּטֶער און גֶעלוּנְגֶענֶער בָּחוּר, וֶוען עֶס אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען צוּ שִׁידוּכִים אִיז מִיר גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, ווייל אִיךְ הָאבּ אֵיין בַּאבֶּע וָואס אִיז אַ סְפַרְדִי'שֶׁע, און בַּיי אוּנְז אִין חֲסִידוּת ... - אִיז דָאס אַ גֶעפֶערְלִיכֶע זַאךְ און עֶס שָׁאדְט זֵייעֶר שְׁטַארְק פַאר אַ שִׁידוּךְ.

דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם שִׁידוּךְ, מִיט אַ שְׁוֶוער און שְׁווִיגֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט אִינְגַאנְצְן בְּסֵדֶר, עֶס פֶעלְט זֵיי נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אָבֶּער בַּיי זֵיי גֵייט עֶס אַז דִי זִין בַּאקוּמֶען אַלֶעס, זֵיי הָאבְּן גֶעקוֹיפְט דִירוֹת פַאר אַלֶע זִין, אָבֶּער דִי טֶעכְטֶער בַּאקוּמֶען גָארְנִישְׁט, שׁוֹין אִינְמִיטְן דִי שֶׁבַע

בְּרָכוֹת הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן פַּאר מַיין ווייבּ צְווֵיי שְׁקָלִים וַוייל זֵי הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זֵי בַּאלַאנְגְט שׁוֹין נִישְׁט אִין זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה...

דֶער מַצָּב טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אוּן דָאס מַאכְט מִיךְ זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט. פַּאר דִי חֲתוּנָה פְלֶעג אִיךְ דַאוֶוענֶען, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג, אָבֶּער יֶעצְט דַאוֶוען אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט צַייטְלִיךְ, אִיךְ דַאוֶוען נִישְׁט מִיט מִנְיָן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעעֶפְנְט קַיין גְמָרָא דִי לֶעצְטֶע דְרֵיי חֳדָשִׁים, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ח כִּסְלֵו, נֵר ד' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי מִיר מוֹחֵל אָבֶּער אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דַיין פְּרָאבְּלֶעם; דַיין שְׁוֶוער קוּמְט דִיר עֶפֶּעס?! דַיין שְׁווִיגֶער קוּמְט דִיר עֶפֶּעס?! וָואס אִיז מִיט דִיר גֶעשֶׁען אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט - עַד כְּדֵי כָּךְ אַז דוּ גֵייסְט נִישְׁט דַאוֶוענֶען אוּן דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט? טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט דִיר גֶעטוּן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר אַ נֵס אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן דוּ הָאסְט אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אוֹיף דֶעם נֵס, זוּכְסְטוּ פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד אוֹיף וָואס זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן... אִיךְ וָואלְט דִיר גֶעזָאגְט דוּ זָאלְסְט אוֹיפְהֶערְן צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן יֶעדְן אֵיינֶעם, וַוייל קֵיינֶער אִיז דִיר גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג.

**אַ** מֶענְטְשׁ וָואס דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וַוייל יֶעדֶע זַאךְ אִיז בַּיי אִים וְוי אַ מַתָּנָה; אַז עֶר קֶען זֶען - אִיז דָאס בַּיי אִים אַ מַתָּנָה; אַז עֶר קֶען הֶערְן, רֶעדְן אוּן שְׁמֶעקְן - אִיז דָאס בַּיי אִים וְוי אַ מַתָּנָה אוּן עֶר דַאנְקְט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן - אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף קֵיינֶעם, עֶר חָזֶר'ט שְׁטֶענְדִיג צוּ זִיךְ: 'קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט אוּן קֵיינֶער אִיז מִיר גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג; בִּפְרַט מַיין טַאטֶע מַאמֶע, שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער אוּן מַיין וַוייבּ זֶענֶען מִיר גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, אַדְרַבָּה אִיךְ בִּין זֵיי שׁוּלְדִיג הַכָּרַת הַטוֹב'; אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַ זִיסֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְן וַוייל יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר בַּאקוּמְט דַאנְקְט עֶר אוּן לוֹיבְּט פוּן וֶועם עֶר הָאט עֶס בַּאקוּמֶען.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט צוּ דַיין וַוייבּ קֶעגְן אִירֶע עֶלְטֶערְן; אֲפִילוּ זִי אַלֵיינְס קֶען זִיךְ אַמָאל אָפְּרֶעדְן אוֹיף אִיר טַאטֶע מַאמֶע - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף זֵיי, וַוייל דָאס וֶועט אִיר זֵייעֶר וֵויי טוּן אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַ פֵּירוּד אִין דַיין שְׁלוֹם בַּיִת. רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין פוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען קֵירוּב לְבָבוֹת צְוִוישְׁן אַייךְ.

**וֶוען** דוּ גֵייסְט צוּ דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער זָאלְסְטוּ זֵיי מְכַבֵּד זַיין, אַזוֹי וְוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב,

שְׁמוּאֵל-א, כד): "חַיָּיב אָדָם בִּכְבוֹד חָמִיו כִּבִכְבוֹד אָבִיו", אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחוּיָב צוּ מְכַבֵּד זַיין זַיין שְׁוֶוער פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי עֶר דַארְף מְכַבֵּד זַיין זַיין טַאטֶע; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ שׁוֹין הָאבְּן אַ גְרוֹיס מֵיידְל, טְרַאכְט אַרַיין ווִי אַזוֹי עֶס וֶועט זִיךְ שְׁפִּירְן וֶוען אֵיינֶער וֶועט קוּמֶען אוּן אִיר אָנֶרעדְן קֶעגְן דִיר? עֶר וֶועט הָאבְּן אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל ווִי דִיר אוּן עֶר וֶועט שְׁרַייעֶן אַז דוּ קוּמְסְט אִים דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר וֶועט נָאךְ בְּרֶענְגֶען זַיינֶע רַאֲיוֹת וְכוּ', ווִי אַזוֹי וֶועט דִיר עֶס שְׁמֶעקְן?

זֶע צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּב אוּן גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס בַּיינַאכְט, אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף זַיין אִין שְׁטוּב בַּיינַאכְט; לֶערְן אִין שְׁטוּב אַז דַיין וַוייב זָאל זֶען ווִי דוּ לֶערְנְסְט. אַ פְרוֹי הָאט זֵייעֶר לִיבּ צוּ זֶען ווִי אִיר מַאן לֶערְנְט אוּן זִי קוּקְט אַסַאךְ מֶער אַרוֹיף אִיר מַאן וֶוען זִי זֶעט אִים לֶערְנֶען.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן אַלֶעם גוּטְס; דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן גֶעלְט פוּן דַיין שְׁוֶוער, אַדְרַבָּה, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַזוֹיפִיל אַז דוּ וֶועסְט נָאךְ קֶענֶען הֶעלְפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, דוּ וֶועסְט זַיין אַ מַשְׁפִּיעַ - נִישְׁט אַ מְקַבֵּל.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

# תצח

## ווי אַזוֹי פִיר אִיךְ זִיךְ מִיט שַׁחְרִית, וֶוען אִיךְ לוֹיף שְׁפֶּעט צוּ דִי אַרְבֶּעט?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן פַאר מַיין לֶעבְּן. אִיךְ אַרְבֶּעט שְׁוֶוער פַאר פַּרְנָסָה, אִיךְ דַארְף פָארְן יֶעדְן טָאג אַ וַוייטֶע וֶועג צוּ מַיין אַרְבֶּעט. אַמָאל פְלֶעג אִיךְ לוֹיפְן פַאר דִי שְׁקִיעָה אוּן לֵייגְן תְּפִלִּין עֶרְגֶעץ אִין אַ ווִינְקְל, אָבֶּער זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים - דַאוֶוען אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם יֶעדְן טָאג אַלֶע דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, אוּן אִיךְ גֵיי אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר.

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַזוֹי, אִיךְ בִּין זֵייעֶר בַּאגְרֶענִיצְט אִין צַייט אִינְדֶערְפְרִי אוּן אִיךְ קוּם אַסַאךְ מָאל אָן שְׁפֶּעט צוּם דַאוֶוענֶען, הָאבּ אִיךְ דַאן צְוֵויי בְּרֵירוֹת, אָדֶער אוֹיסְצוּלָאזְן דִי הַלְלוּקָה'ס אוּן עֶס מַשְׁלִים זַיין שְׁפֶּעטֶער אוֹיפְ'ן בָּאס צוּם אַרְבֶּעט, אֵיידֶער אִיךְ הוֹיבּ אָן מַיינֶע שִׁיעוּרִים, אָדֶער קֶען אִיךְ דַאוֶוענֶען גֶעהֶערִיג אוּן גָארְנִישְׁט אוֹיסְלָאזְן, אָבֶּער לְכָבוֹד דֶעם וֶועל אִיךְ נִישְׁט דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן; וָואס אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶעם

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵו, נֵר ד' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווָאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ גֵייסְט אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק

(בְּרָכוֹת ב', סִימָן ח) אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נד.) עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעזָאגְט: "מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הָוֵי, תְּלָתָא פַּרְסֵי", אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן אוֹיסְגֶערִיסְן אַ בַּארְג פוּן דְרֵיי פַּרְסָה, עֶר הָאט דָאס גֶעוָואלְט וַוארְפְן אוֹיף דִי אִידְן. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַ נֵס, עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען קְלֵיינֶע וֶוערֶעמְלֶעךְ אוּן גֶעלֶעכֶערְט דֶעם בַּארְג, בִּיז דֶער בַּארְג אִיז אִים אַרַיינְגֶעפַאלְן אוֹיפְ'ן הַאלְז אוּן אִים דֶערְשְׁטִיקְט, נָאכְדֶעם אִיז גֶעקוּמֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁפְּרִינְג אוּן אִים דֶערְלַאנְגְט אַ קְלַאפּ אוֹיף זַיין פוּס אוּן אִים גֶע'הַרְגְ'עט.

**זָאגְט** דֶער רֶבִּי, 'עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן' - דָאס אִיז דֶער 'יֵצֶר הָרָע' וָואס הָאט פַיינְט יֶעדְן אִיד אוּן וויל אִים הַרְגְ'נֶען. וֶוען עֶר זֶעט אַז אַ אִיד הַאלְט זִיךְ אִין מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ דִי 'תְּלָתָא פַּרְסֵי', דָאס הֵייסְט זַיינֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת, נֶעמְט עֶר זִיךְ אִיבֶּער אִים אוּן זָאגְט: 'אִיךְ וֶועל אוֹיסְרַייסְן פוּן אִים דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, אַזוֹי וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל'.

**דֶער** יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָנְהוֹיבְּן מְזַלְזֵל זַיין אִין דַאוֶונֶען; קוֹדֶם הוֹיבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן צוּ פַארְפַּאסְן מִנְחָה מַעֲרִיב, נָאכְדֶעם הוֹיבְּט מֶען אָן שְׁנַיידְן פוּן שַׁחֲרִית; מֶען וֶוערְט אַ גַאנְצֶער תַּלְמִיד חָכָם - מֶען וֵוייסְט שׁוֹין וָואס אִיז דֶער עִיקָר דַאוֶונֶען אוּן וָואס אִיז נָאר אַ לְכַתְּחִילָה וְכוּ' וְכוּ', בִּיז מֶען הֶערְט אוֹיף

אִינְגַאנְצְן צוּ דַאוָּוענֶען; אַזוֹי נֶעמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אַוֶּועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אָבֶּער** דֶער צַדִיק אֱמֶת - מֹשֶׁה רַבֵּינוּ - לֶערְנְט אוֹיס פַאר'ן מֶענְטְשׁ: "גֶעבּ אַ שְׁפְּרִינְג" - "טַאנְץ אַרוֹיס פוּן בֶּעט", אוּן "טַאנְץ אַרַיין אִין שׁוּל", מִיט דֶעם הַרְגְ'עֶסְטוּ דֶעם יֵצֶר הָרָע. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נח.): "בָּא לְהָרְגְךָ - הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ", לֵייגְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ צוּ אֵיין וָוארְט (הַקְדָמַת תִּקּוּנֵי זֹהַר, ח:): "הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ - בִּצְלוֹתָא"; הַרְגְ'עְ אִים מִיטְ'ן דַאוָּוענֶען; ווַייל דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען מֶען דַאוָּוענְט שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב - הַרְגְ'עֶט מֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע.

**שְׁנַייד** נִישְׁט קַיין שְׁטִיקְלֶעךְ בַּיים דַאוָּוענֶען; גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ דַאוָּוענֶען פוּן 'אֲדוֹן עוֹלָם' בִּיז 'עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ' וָוארְט בַּיי וָוארְט אִין אַ סִידוּר. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "נָאךְ אַלֶע כַּוָּונוֹת וָואס אִיךְ ווֵייס, ווֶוען עֶס קוּמְט צוּם דַאוָּוענֶען דַאוָּוען אִיךְ ווִי אַ קִינְד - בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת"; דֶער עִיקָר אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין שׁוּם דְרֵיידְלֶעךְ.

**אַ** לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

# תצט

## אַז אַ פְּרוֹי דַארְף שֶׁערְן דִי הָאר, אִיז טַאקֶע אַזוֹי הַארְבּ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז שְׁוֶוער פַאר מַיין וַוייבּ צוּ שֶׁערְן דִי הָאר, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר שְׁרַייבְּן אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן שֶׁערְן דִי הָאר בַּיי חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע פְרוֹיעֶן. אִיז עֶס טַאקֶע אַזוֹי הַארְבּ, אָדֶער אִיז עֶס נָאר אַ תַּקָּנָה פוּן דִי וְעַד אַרְבַּע אֲרָצוֹת?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵו, נֵר ד' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ פְּרוֹי וָואס שֶׁערְט זִיךְ אָפּ אִיר הָאר נָאךְ אִיר חֲתוּנָה; עֶס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער צַדִיקִים, פַאר עֲשִׁירוּת אוּן פַאר אַלֶעם גוּטְס.**

קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): "'תּוּנְבָא לֵיתֵי', אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ', אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ', וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אַז אִיר הָאר

פון קָאפּ זָאל זיך אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָה', און דָאס איז פון די יְסוֹדוֹת פון אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען די הָאר פון די פְרוֹי. 'וְאִתְּתָא דַאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר', און אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ', זִיך שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּב, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא', און זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין און זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם און די נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּב. 'מַאן גָּרִים דָּא', וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר', די פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיך אַרוֹיס"; און פַארְשְׁטֵייט זִיך אַז פַארְקֶערְט אִיז נָאךְ מֶער; אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען וֶועט הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת און זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פון אִירֶע קִינְדֶער.

**דָאס** וָואס מֶען זֶעט בַּיי גֶעוִויסֶע פְרוֹיעֶן אַז זֵיי פְלֶעגְן גֵיין אָפְּגֶעשׁוֹירְן און שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען זֵיי מַתְחִיל צוּ בְּלַייבְּן מִיט זֵייעֶר הָאר וְכוּ'; רוֹב מָאל רֶעדְט זִיך דָאס פון פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע יוּגְנְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אָדֶער הָאט מֶען זֵיי גֶעטְשֶׁעפֶּעט און גֶע'רוֹדְפְ'ט אָדֶער אוֹיסְגֶענוּצְט וְכוּ' רַחֲמָנָא לִצְלָן, און אַלְס רֶעזוּלְטַאט זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט אִינֶעוֵוייְנִיג, דֶערְפַאר טוּעֶן זֵיי דָאס און זֵיי טוּעֶן זִיך אָן נִישְׁט בִּצְנִיעוּת מֵיינֶענְדִיג אַז דָאס וֶועט זֵיי מַאכְן שְׁפִּירְן גוּט.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי, מֶען זָאל נִישְׁט צוּפִיל פַארְלַאנְגֶען זִי זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן וַוייל דָאס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן, מֶען דַארְף שֵׁיין רֶעדְן אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט דֶערְפוּן בְּאוֹפֶן כְּלָלִי - נִישְׁט דִירֶעקְט.

**בֶּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אַ רוּחַ טָהֳרָה אִין דַיין וַוייבּ; מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן.

**דָא** הָאסְטוּ אַ תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לֵייג אַרַיין אַ הֵיילִיגְקֵייט אִין מַיין וַוייבּ, זִי זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אִיר הָאר זָאל זַיין אִינְגַאנְצְן צוּגֶעדֶעקְט; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא פוּן דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (נָשֹׂא קכה.) אוֹיף אַ פְּרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, אַז זִי אִיז גוֹרֵם עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּבּ, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זָאל זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ רֶעד צוּ מַיין וַוייבּ וֶועגְן אִירֶע הָאר וֶוערְט זִי בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אוּן זִי ווִיל נִישְׁט הֶערְן וָואס אִיךְ זָאג אִיר. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, פוּן אֵיין זַייט ווִיל אִיךְ אִיר נִישְׁט וֵוי טוּן, אִיךְ ווִיל לֶעבְּן מִיט אִיר בְּשָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווִיל אִיךְ טוּן דַיין ווִילְן אוּן אִיךְ ווִיל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּבּ מִיט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זִי טוּט עֶם נִישְׁט פַּאר שְׁלֶעכְטְקֵייט, זִי וֵוייסְט פָּשׁוּט נִישְׁט דִי הַארְבְקֵייט דֶערְפוּן. אָנָא הַשֵּׁם, אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער: 'אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת', דוּ גֶעבְּסְט פַארְשְׁטַאנְד פַּאר אַלֶעמֶען, גֶעב מִיר אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל קֶענֶען רֶעדְן מִיט אִיר, אַז זִי זָאל פַארְשְׁטֵיין דִי הַארְבְקֵייט דֶערְפוּן אוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אִיר הָאר אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט".

וִוּיסְן זָאלְסְטוּ אַז אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת; מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיפְצְווִינְגֶען קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וַוייבּ, מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּב אוּן הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת בִּיז מֶען פּוֹעֵל'ט. גֶעב אִיר אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט וִוי אוֹיךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן הֶער אוֹיס אִירֶע וֵוייטָאגְן וָואס זִי אִיז אַרִיבֶּער; מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

## תק

### פַארְוָואס חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג? מֶען פַארְלִירְט דָאךְ דִי שֶׁענְסְטֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּן אַייךְ, אַז עֶס אִיז גוּט אַ בָּחוּר זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן וִוי יוּנְגֶער. אִיךְ הָאבּ מִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט אוֹיף

דֶעם, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעהֶערְט פוּן מַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים אַז דִי בָּחוּרִ'ישֶׁע יָארְן זֶענֶען דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן אִין לֶעבְּן, דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן לֶעבְּן, וָואס מֶען קֶען אוֹיפְטוּן אַלְס בָּחוּר - קֶען מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְטוּן שְׁפֶּעטֶער; פַארְוָואס זָאגְט אִיר אַז עֶס אִיז יָא בֶּעסֶער חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן וִוי פְרִיעֶר, מֶען וֶועט דָאךְ פַארְפַאסְן דִי שֶׁענְסְטֶע בָּחוּרִ'ישֶׁע יָארְן?

נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער יִשְׂמַח משֶׁה שְׁרַייבְּט, "שָׁעָה אַחַת בִּימֵי הַבַּחֲרוּת כְּשָׁנָה שְׁלֵמָה בִּימֵי עֲמִידָה", אֵיין שָׁעָה אִין דִי בָּחוּרִ'ישֶׁע יָארְן אִיז וִוי אַ גַאנְצֶע יָאר אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן. אִיךְ פְלֶעג דָאס הֶערְן פוּן מַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים יֶעדֶע פוּפְצְן מִינוּט... אוּן יֶעצְט הֶער אִיךְ גָאר פוּנְקְט פַארְקֶערְט.

אִיךְ פְרֶעג נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם לְקַנְטֵר, אִיךְ וִויל בֶּאֱמֶת פַארְשְׁטֵיין, אוּן אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר דָאס קְלָארְשְׁטֶעלְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח משֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו פַאר זַיין זוּן: "וְשָׁעָה אַחַת בִּימֵי הַבַּחֲרוּת כְּשָׁנָה שְׁלֵמָה בִּימֵי הָעֲמִידָה חָשׁוּב", אֵיין שָׁעָה אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז אַזוֹי וִוי אַ גַאנְצֶע יָאר אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, רֶעדְט עֶר נִישְׁט פוּן דִי תְּקוּפָה וָואס מִיר רוּפְן הַיינְט אָן: "דִי בָּחוּרִ'ישֶׁע יָארְן", אוּן וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה וֶוערְט

מֶען אוּים בָּחוּר, וַוייל דֶער בְּריוו הָאט דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעשְׁריבְּן פַּאר זַיין זוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רַבִּי אֶלְעָזָר נִיסָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה שׁוֹין נָאךְ דִי חֲתוּנָה, נָאר "יְמֵי הַבַּחֲרוּת" מֵיינְט "דִי יוּנְגֶע יָארְן" - סֵיי מִיט אַ וַוייבּ אוּן סֵיי אָן אַ וַוייבּ. דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה שְׁרַייבְּט דָאס אוּנְז צוּ לֶערְנֶען ווי חָשׁוּב דִי יוּנְגֶע יָארְן זֶענֶען אוּן מֶען זָאל רִיכְטִיג אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן עג): "הָעֲבֹדוֹת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם, עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ", דָאס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז מֶער חָשׁוּב ווי דִי עֲבוֹדָה אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט: "אוֹיבּ מֶען הָאט חֲתוּנָה פְּרִי פַּארְלִירְט מֶען דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן" - אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג; אֵין הָכִי נַמֵּי, פוּן אֵיין זַייט אִיז פַּאר אַ בָּחוּר גְרִינְגֶער צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען וַוייל עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט דֶעם עוֹל הַפַּרְנָסָה אוּן עֶר דַארְף נָאכְנִישְׁט אוֹיפְצִיעֶן קִינְדֶער, אָבֶער חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): "כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא טוֹבָה", ווייַלאנְג מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גוּטְס; נָאכְמֶער זָאגְן חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים אוֹיף אַ צְווייטֶע פְּלַאץ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ב): "כָּל שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא טוֹבָה, בְּלֹא עֵזֶר, בְּלֹא

שִׂמְחָה, בְּלֹא בְרָכָה, בְּלֹא כַפָּרָה, אַף בְּלֹא שָׁלוֹם, אַף בְּלֹא חַיִּים, וְאֵינוֹ אָדָם שָׁלֵם", פַאר מֶען הָאט חֲתוּנָה הָאט מֶען נִישְׁט קַיין גוּטְס, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הֶעלְפֶער, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שִׂמְחָה, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כַּפָּרָה, עֶס פֶעלְט שָׁלוֹם, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן אוּן מֶען אִיז נִישְׁט אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ. אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא ה.): "כָּל מַאן דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָא, כָּל שְׁבָחָא אַעֲדוּי מִנֵּיהּ, וְלָאו הוּא בִּכְלָלָא דְּאָדָם. וְלֹא עוֹד אֶלָּא דְלָאו אִיהוּ כְּדַאי לְאִתְבָּרְכָא", ווײַלאַנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה הָאט עֶר נִישְׁט קַיין גוּטְס, עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ אוּן עֶר אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט; נָאךְ זָאגְט דֶער זוֹהַר (פָּרָשַׁת אַחֲרֵי, נט:) רַבִּי יִצְחָק זָאגְט: "בְּכָל אֲתַר דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָא, לָאו כְּדַאי לְמֶחֱמֵי אַפֵּי שְׁכִינְתָּא", וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז נִישְׁט רָאוּי צוּ מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי הַשְּׁכִינָה.

**פוּן** דֶעם קֶענְסְטוּ זֶען דִי סִיבָּה פוּן אַלֶע צַעַר אוּן יְסוּרִים וָואס גֵייט אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים - וַוייל עֶס פֶעלְט זֵיי דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פַאלְט נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, מֶען זִינְדִיגְט אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן - זֶעעֶן דִי תוֹצָאוֹת דֶערְפוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר. אוּן דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶס פַאלְן נֶעבֶּעךְ שְׁטִיקֶער פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דִי קִינְדֶער יוּנְג וָואלְטְן אַלֶע גֶעבְּלִיבְּן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

**טְרַאכְט** גוּט אַרַיין וָוען דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט; דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי בַּר מִצְוָה (עַיֵין פְּעוּלַת הַצַּדִיק, סִימָן סה), אוּן בְּעֶצֶם הָאבְּן אַלֶע צַדִיקִים חֲתוּנָה גֶעהַאט יוּנְג, אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אוֹיפְגֶעוַואקְסְן בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה.

**מִיר** גֶעפוּנֶען אִין דִי גְמָרָא אַז דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רַב חִסְדָא הָאט זִיךְ בַּארוּמְט פַאר דִי חֲכָמִים - זַיינֶע חֲבֵרִים (קִידוּשִׁין כט:): "הַאי דַעֲדִיפְנָא מֵחַבְרָאִי, דִנְסִיבְנָא בְּשִׁתְסַר", דָאס וָואס אִיךְ בִּין מֶער פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים, אִיז וַוייל אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט יוּנְג - בַּיי דִי זֶעכְצְן יָאר (זֶעכְצְן יָאר מֵיינְט מֶען וָואס מִיר רוּפְן פוּפְצְן יָאר, אָנְפַאנְג פוּן דִי זֶעכְצְן יָאר), "וְאִי נְסִיבְנָא בְּאַרְבֵּיסַר הֲוָה אֲמִינָא לֵיהּ לְשָׂטָן: גִירָא בְּעֵינֶיךָ", אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי פֶערְצְן יָאר, וָואלְט אִיךְ זִיךְ גֶעקֶענְט רַייצְן מִיט'ן שָׂטָן אוּן אִיךְ וָואלְט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן אִים, עֶר וָואלְט מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט מַכְשִׁיל זַיין מִיט עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען מֶער אָפְּגֶעהִיטְן.

**אַז** דוּ רֶעדְסְט פוּנֶעם בְּרִיוו פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה, וֵוייסְטוּ מִן הַסְתָם אוֹיךְ אַז דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דוּרְכְאוֹיס זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעהָאפְּט אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף מָשִׁיחַ אוּן נִישְׁט מַסִיחַ דַעַת גֶעוֶוען פוּן בִּיאַת הַמָשִׁיחַ. עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאלְטְן דִי בִּגְדֵי שַׁבָּת נֶעבְּן זִיךְ אֲפִילוּ בַּיים שְׁלָאפְן, אַז אוֹיבּ מָשִׁיחַ וֶועט פְלוּצְלוּנְג קוּמֶען זָאל עֶר אִים גְלַייךְ קֶענֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין.

**דֶער** הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נָאכְגֶעזָאגְט (עַיֵּין דִּבְרֵי יוֹאֵל פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה עַמּוּד תעד; פָּרָשַׁת תַּזְרִיעַ עַמּוּד שיט) **וָ**וָאס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַלְס אִינְגֶערְמַאן וֶוען עֶר הָאט נָאךְ גֶעווָאוֹינְט אִין שְׁטָאט סַאטְמַאר פוּן אַן אַלְטְן אִיד ר' אַבְרָהָם לֶעוִוי [פִּילְפִּישֶׁער] זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס הָאט אַלֵיינְס גֶעהֶערְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה אֵיינְמָאל הוֹשַׁעְנָא רַבָּה וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיים שְׁטִיקְל: "הוֹשַׁעְנָא לְמַעַנְךָ אֱלֹקֵינוּ" - ווִי עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעזָאגְט: "רִבּוֹן כָּל עוֹלָמִים, אִיךְ בֶּעט נִישְׁט מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין הֲנָאָה, אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דָאס גוּטְס וָואס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֵלֶק פוּן דֶעם - אִיז מִיר אוֹיךְ גוּט, אִיךְ ווִיל נָאר עֶס זָאל זַיין 'יִתְגַּדַּל וְיִתְקַדַּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא'".

**דָאס** אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט, גֶעבֶּענְקְט אוּן גֶעהָאפְּט יֶעדֶע רֶגַע אַז מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען. אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט זֶען וָואס עֶר זָאגְט וֶועגְן דִי "בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן" (סֵפֶר יִשְׂמַח מֹשֶׁה, פָּרָשַׁת כִּי תָבוֹא): "כִּי הִנֵּה תָּמַהְתִּי עַל עִיכּוּב הַגָּלוּת, כִּי רוֹב בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הֵמָּה כְּשֵׁרִים וּמַדּוּעַ בֶּן דָּוִד לֹא בָּא", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ פַארְוָואס מָשִׁיחַ אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען, בְּשַׁעַת מִיר זֶעעֶן אַז רוֹב אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת. "וְכַאֲשֶׁר חָקַרְתִּי נִתְוַדַּע לִי כִּי בְּבַחֲרוּתָם מַרְבִּין חֲבִילוֹת עֲבֵירוֹת עַד שֶׁדַּי לָהֶם עַל יְמֵי חַיֵּיהֶם, וְעַל זֶה אֵין עוֹשִׂין תְּשׁוּבָה כְּלָל וְזֶה הַגּוֹרֵם, וּלְכָךְ אֵין יְכוֹלִין שׁוּב לְהִדָּבֵק

בְּבוֹרְאֵינוּ יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ", בִּיז אִיךְ בִּין גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז דִי בָּחוּרִים טוּעֶן נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר אַסַאךְ עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן טוּעֶן נִישְׁט תְּשׁוּבָה דֶערוֹיף, דָאס אִיז דִי סִיבָּה אוֹיפְ'ן אֲרִיכוּת הַגָּלוּת; אִיז פַאר דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז אוֹיבּ מֶען הָאט חֲתוּנָה יוּנג פַארְלִירְט מֶען דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן, זָאלְסְטוּ זֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זָאגְט, אַז נָאר וֶועגְן דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען טוּט דוּרְכְאוֹיס דִי בָּחוּרִ'ישֶׁע יָארְן לַיידְן מִיר אִין גָלוּת.

**עֶס** כַאפְּט אַ צִיטֶער אוּן אַ שְׁרֶעק וֶוען מֶען לֶערְנְט דֶעם שְׁטִיקְל יִשְׂמַח מֹשֶׁה זֶעעֶנְדִיג וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער; פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט מֶען דָאס נִישְׁט אָן, אַלֶעס זֶעט אוֹיס גְלַאט אוּן גְלַאנְצִיג, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין נִסְיוֹנוֹת, מֶען פַאלְט נִישְׁט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חִיזּוּק וְכוּ'; עֶס פַאלְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַיין דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע וֵוייטָאג וָואס בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן אַרִיבֶּער, זֵיי ווִילְן זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ, אָבֶּער זֵיי הַאלְטְן אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֵאשִׁית חָכְמָה שְׁרַייבְּט וֶועגְן דִי 'בָּחוּרִ'ישֶׁע יָארְן', (רֵאשִׁית חָכְמָה שַׁעַר הַתְּשׁוּבָה פֶּרֶק ג, סִימָן י):

"וּמֵהַדְּבָרִים שֶׁצָּרִיךְ הַשָּׁב לְתַקֵּן, הוּא לְתַקֵּן אוֹת בְּרִית, הַפָּגוּם בְּהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה", מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, "שֶׁאֵין אָדָם בִּזְמַנֵּנוּ נִיצוֹל מִמֶּנּוּ בְּבַחֲרוּתוֹ", וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֶוערְט נִיצוֹל פוּן דִי

עֲבֵירָה אִין דִי בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן, עַיֵין שָׁם; דָאס הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן אִין צְפַת פַאר אִיבֶּער פִיר הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, אִינֶעם דוֹר פוּנֶעם הֵיילִיגְן אַרִיזַ"ל, וֶוען דִי שְׁטָאט צְפַת אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט מִיט הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, קְדוֹשִׁים אוּן עֶלְיוֹנִים וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט (חוּץ מִזֶה וָואס לְהַבְדִיל דִי אַרַאבְּקֶעס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע צְנִיעוּת, אָנְגֶעטוּן פוּן קָאפּ בִּיזְן פִּיס אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען שַׁיָיךְ צוּ קוּקְן אַ רְאִיָ' אֲסוּרָה), אוּן טְרָאץ דֶעם שְׁרַייבְּט עֶר אִין יֶענֶע צַייט דִי וֶוערְטֶער: "שֶׁאֵין אָדָם בִּזְמַנֵנוּ נִיצוֹל מִמֶנוּ בְּבַחֲרוּתוֹ", אַז יֶעדֶער בָּחוּר פַאלְט דוּרְךְ אִין דִי עֲבֵירָה דוּרְכְאוֹיס דִי בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אִין אוּנְזֶער דוֹר וֶוען אַלֶעס אִיז אָפְן אוּן עֶס אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדוּשָׁה, וֶוער רֶעדְט נָאךְ הַיינְט צוּ טָאגְס וֶוען מִיר הָאבְּן דִי בִּיטֶערֶע צָרָה אַז יוּנְגֶע קִינְדֶער - בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ - דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם הָאבְּנְדִיג אִין טַאשׁ אַן אֵייפַּאד, אָדֶער סְמַארְטְפָאוֹן וָואס מֶען קֶען זֶען דָארְט אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן דִי וֶועלְט, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז ווִי פְרִיעֶר מֶען קֶען חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט מֶען הָאבְּן שֶׁענֶערֶע יָארְן; דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה! מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג וֶוען מֶען אִיז רֵיין אוּן הֵיילִיג, ווַייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

**עֶלְטֶערְן** וָואס הָאבְּן אֱמֶת'דִיג רַחְמָנוּת אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דַארְפְן זֶען חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער ווִי יוּנְגֶער אוּן נִישְׁט זוּכְן קַיין תֵּירוּצִים אָפְּצוּשְׁטוּפְּן דִי חֲתוּנָה; מֶען קֶען

הֶערְן אַלֶע מִינֵי סְבָרוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן פַארְוָואס זֵיי הֶערְן נִישְׁט אוּים קַיין שִׁידוּכִים פַאר דִי קִינְדֶער:

**א.** עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס זָאגְן: "אוּנְזֶער קִינְד אִיז נָאךְ יוּנְג, פַארְוָואס זָאלְן מִיר אִים פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט שִׁידוּכִים וְכוּ'? פַארְוָואס זָאלְן מִיר אַרוּיפְלֵייגְן אוֹיף אוּנְזֶער קִינְד דֶעם עוֹל פוּן חֲתוּנָה הָאבְן?" ווִי מָאדְנֶע עֶס הֶערְט זִיךְ קֶען מֶען הֶערְן דִי טַעֲנָה אֲפִילוּ וֶוען דָאס קִינְד אִיז שׁוֹין הֶעכֶער צְוָואנְצִיג יָאר, וָואס דֶעמָאלְט זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים בְּפֵירוּשׁ אַז (קִידוּשִׁין כט:): "כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה", אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה פַאר דִי צְוָואנְצִיג יָאר וֶועט מֶען אַ גַאנְץ לֶעבְן הָאבְן מַחֲשָׁבוֹת פוּן עֲבֵירוֹת; ווייל הֶרְגֵל נַעֲשֶׂה טֶבַע, דָאס גֶעוואוֹינְהֵייט וֶוערְט ווִי אַ צְוֵוייטֶע נַאטוּר, אוּן ווִיבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט יוּנְג הָאט עֶר כְּסֵדֶר גֶעטְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וֶועט זִיךְ דָאס שׁוֹין בַּיי אִים צִיעֶן אוֹיף וַוייטֶער. אָבֶער דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, ווייל אַלֶע צָרוֹת קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען מַאכְט נִישְׁט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער יוּנְג - בִּפְרַט דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס זֵיי דַארְפְן מֶער שְׁמִירָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קיג.): "בִּתְּךָ בָגְרָה, שַׁחְרֵר עַבְדְּךָ וְתֵן לָהּ", וֶוען דַיין טָאכְטֶער וֶוערְט אַ בּוֹגֶרֶת זָאלְסְטוּ אִיר גְלַייךְ חֲתוּנָה מַאכְן - אֲפִילוּ מִיט דַיין קְנֶעכְט! אַז זִי זָאל נִישְׁט אַוֶועקְפַאלְן חַס וְשָׁלוֹם.

**ב.** אוֹיךְ קֶען מֶען הֶערְן עֶלְטֶערְן זָאגְן: "מִיר הָאבְן אַזוֹי לִיבּ אוּנְזֶער קִינְד, פַארְוָואס זָאלְן מִיר אַזוֹי שְׁנֶעל חֲתוּנָה מַאכְן?" בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין לִיבְשַׁאפְט, ווייל וֶוען זֵיי

וָואלְטְן בֶּאֱמֶת לִיבּ גֶעהַאט זֵייעֶר קִינְד וָואלְטְן זֵיי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דָאס קִינְד ווי שְׁנֶעלֶער; וֶוען מֶען טוּט וָואס אִיז גוּט פַאר יֶענֶעם וַוייזְט דָאס אַז מֶען הָאט יֶענֶעם לִיבּ, נִישְׁט וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסְן אוּן מֶען זָאגְט אַז מֶען הָאט יֶענֶעם לִיבּ. אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק (אֵיכָה ד, י): "יְדֵי נָשִׁים רַחֲמָנִיּוֹת בִּשְּׁלוּ יַלְדֵיהֶן", רַחֲמָנוּת'דִיגֶע מַאמֶעס הָאבְּן מִיט זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט גֶע'הַרְגְ'ט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס גֵייט הַיינְט אִיבֶּער אוֹיף בְּנֵי הַנְּעוּרִים, ווִי זֵיי פֵּיינִיגְן זִיךְ אוּן הַאלְטְן אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין מִיאוּס'ע עֲבֵירוֹת, וָואס מֶען קֶען וֶוען דָאס אַלֶעס אַיינְשְׁפָּארְן דוּרְךְ זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְג.

ג. ווִידֶער זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס זָאגְן אָפּ שִׁידוּכִים מִיטְ'ן תֵּירוּץ אַז עֶס קָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט צוּ חֲתוּנָה מַאכְן, דָאס אִיז אוֹיךְ אַ רְצִיחָה אוּן אַן אַכְזָרִיּוּת צוּ לָאזְן צוּלִיבּ דֶעם דִי קִינְדֶער זִיךְ עֶלְטֶערְן; וֶוער הֵייסְט חֲתוּנָה מַאכְן טֵייעֶר, רַייךְ אוּן אוֹיסְגֶעבְּן שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער זִיךְ צוּ וַוייזְן פַאר מֶענְטְשְׁן אַז מֶען הָאט גֶעלְט וְכוּ'?! עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער בִּילִיג, אוּן דִי גֶעלְט (אוֹיבּ מֶען הָאט דָאס בִּכְלַל) זָאל מֶען גֶעבְּן פַאר'ן יוּנְגְן פָארְפָאלְק זֵיי זָאלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה וְכוּ', וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען גֶעשְׁפָּארְט גֶעלְט נִישְׁט צוּ חֲתוּנָה מַאכְן אִין טֵייעֶרֶע זַאלְן אוּן נָאר רוּפְן דִי נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה וָואלְט מֶען וֶוען גֶעקֶענְט גְרִינְגֶערְהֵייט חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אָן קַיין חוֹבוֹת. מִמֵּילָא אִיז דָאס אוֹיךְ נִישְׁט קַיין בַּארֶעכְטִיגְטֶע תֵּירוּץ פַארְוָואס אָפְּצוּשְׁטוּפְּן שִׁידוּכִים.

ד. עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אָפּ שִׁידוּכִים וֶועגְן כָּבוֹד אוּן יִחוּס; דִי קִינְדֶער נֶעבֶּעךְ פַּאלְן אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲווֹנוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אָן דֶעם וָואס דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן ווִיסְן בִּכְלַל וואוּ זֵיי פַּאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ - אַלְץ נָאר צוּלִיבּ כָּבוֹד הַמְדֻמֶּה. דָאס הֵייסְט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (יְבָמוֹת סג.): "נְחִית דַּרְגָּא", גֵיי אַרָאפּ פוּן דַיין דַּרְגָּא, "נְסֹב אִיתְּתָא", כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן; ווִי קֶענֶען עֶלְטֶערְן שְׁלָאפְן רוּאִיג בַּיינַאכְט וֶוען זֵיי הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ קִינְדֶער וָואס דַארְפְן חֲתוּנָה הָאבְּן? וואוּ אִיז דִי יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן עֶלְטֶערְן וָואס לָאזְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער עֶלְטֶער וֶוערְן נָאר צוּלִיבּ כָּבוֹד?!

ה. עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ בִּלְבוּשׁ תַּלְמִיד חָכָם אוּן זָאגְן אָפּ שִׁדוּכִים מִיטְ'ן תֵּירוּץ אַז דִי קִינְדֶער דַארְפְן זִיךְ נָאךְ מַשְׁלִים זַיין אִין לֶערְנֶען; דָאס אִיז אוֹיךְ קֶעגְן דִי תּוֹרָה, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִדּוּשִׁין כט): "אִם אִי אֶפְשַׁר לוֹ בְּלֹא אִשָּׁה, יִשָּׂא אִשָּׁה וְאַחַר כַּךְ יִלְמֹד תּוֹרָה", אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אָן אַ פְּרוּי זָאל מֶען קוֹדֶם חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן נָאכְדֶעם לֶערְנֶען תּוֹרָה; נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (פְּסָחִים קיב:): "מִצְוָה וְגוּף טָהוֹר, נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְלוֹ בָּנִים", אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה אִיז מֶען אַ רֵיינֶער מֶענְטְשׁ.

תַּמְצִית הַדְּבָרִים, וֶוער עֶס הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער זָאל זֵיי ווִי פְּרִיעֶר חֲתוּנָה מַאכְן, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן הֵיילִיג אוּן רֵיין.

**אִיךְ** הָאבּ אַבִּיסְל מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען אִינֶעם בְּרִיוו נָאכְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן: "אוֹיבּ מֶען הָאט חֲתוּנָה פְּרִי, פַארְלִירְט מֶען דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן"; עֶס זֶעט אוֹיס פוּן דַיינֶע וֶוערְטֶער אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין פַארְגֶעסְן וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער, אוּן דָאס הָאט אַ פָּנִים וִוי דֶער עֶנְטְפֶער וָואס עֶלְטֶערְן גֶעבְּן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוען דֶער קִינְד שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט אוּן בֶּעט אָפְּן: "טַאטֶע, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן", אָדֶער: "מַאמֶע, אִיךְ בֶּעט דִיר, זָאג נִישְׁט אָפּ קַיין שִׁידוּכִים, אִיךְ וֶועל פַארְבְּרֶענְט", דַאן זָאגְן זֵיי מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "וואוּ יָאגְסְטוּ זִיךְ? כַאפּ אַרַיין דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן פוּן דַיין לֶעבְּן", וַוייל זֵיי הָאבְּן שׁוֹין פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז אוֹיף זֵיי אַרִיבֶּער וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען יוּנְג אוּן זֶענֶען גֶעוֶוען יֶעדֶע רֶגַע אִין אַ סַכָּנָה וְכוּ'; אַזוֹי אוֹיךְ הָאסְטוּ שׁוֹין אוֹיךְ פַארְגֶעסְן וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ בָּחוּר.

**עֶס** אִיז נִישְׁטָא אַזַא צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ וִוי אַ בָּחוּר, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא שִׁבְרֵי כֵּלִי וִוי אַ בָּחוּר וָואס וִויל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדֻשַּׁת הַבְּרִית אָבֶּער עֶר הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן, מֶען קֶען אֲפִילוּ זָאגְן אַז עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין בְּחִירָה; אוּן עֶר וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים וַוייל עֶר וִויל נִישְׁט וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מִיטְ'ן טִיטְל: "רַע" וָואס שְׁטֵייט בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן עֵר וְאוֹנָן (בְּרֵאשִׁית לח, ז): "וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי ה'"; עֶר וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין

פְּגַם הַבְּרִית? וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירָה?!" מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז אוֹיף זֵיי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קב, יח): "פָּנָה אֶל תְּפִלַּת הָעַ'רְ'עָ'ר' וְלֹא בָזָה אֶת תְּפִלָּתָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶערְט זִיךְ צוּ דִי תְּפִלָּה פוּן דִי וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן 'רַע'.

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן בָּחוּרִים וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט כְּסֵדֶר זָאגְן. אַז וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט עֶר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר אַלֶע בָּחוּרִים, עֶר וֶועט טַעְנָה'עֶן פַארְ'ן בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה: "וָואס זֶענֶען בָּחוּרִים שׁוּלְדִיג אַז זֵיי פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת?!"

"מַיין זַאךְ אִיז בָּחוּרִים" - פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן; "אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיפְצוּהֵייבְּן בָּחוּרִים אוּן זֵיי וַוייזְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן. אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן 'כ"א אִיָּיר' אִין דִי סְפִירָה פוּן 'חֶסֶד שֶׁבִּיְסוֹד', וָואס דָאס אִיז מַיין מִדָּה, אִיךְ טוּ 'חֶסֶד' אוּן אִיךְ בִּין מְחַזֵּק דִי אַלֶע וָואס פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין מִידַּת הַ'יְסוֹד'".

בָּחוּרִים וָואס ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן עֶס גֵייט זֵיי נִישְׁט קַיין שִׁידּוּךְ - זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט שׁוּלְדִיג אוֹיף וָואס זֵיי פַאלְן דוּרְךְ; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן טַעְנָה'עֶן יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ ווִיל נִישְׁט זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ פַאל אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל?!"

דֶערִיבֶּער הָאט מוֹהֲרָא"ש צַוָואָה גֶעלָאזְט (צַוָואַת מוֹהֲרָא"ש, אות ה): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ, זַיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת - וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעם וָואס אִיךְ קֶען אַז זַיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג"; ווייל עֶר הָאט זִיךְ זַיין גַאנְץ לֶעבְן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועְן פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶועְן וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תקא

## אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ אִידִישְׁקֵייט, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ אִידִישְׁקֵייט, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**הֶער** אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּ דִי תַּלְמִידִים פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אוּן פוּן זָאגְן תְּהִלִּים - אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָר אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אֵיינְמָאל וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן זָאגְן תְּהִלִּים, תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן רֶבִּי יוּדְל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן - אוּן גֶעפְרֶעגְט: "אֵיךְ זוֹכִין שֶׁיִּהְיוּ הַדִּבּוּרִים בְּהִתְעוֹרְרוּת הַלֵּב", וְוי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעפִיל, עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן הַארְץ? הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט: "תֹּאמְרוּ לִי, אֵצֶל אֵיזֶה צַדִּיק קִבַּלְתֶּם הִתְעוֹרְרוּת הַלֵּב, הָעִקָּר הוּא הָאֲמִירָה בַּפֶּה", דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אָן קַיין שׁוּם גֶעפִיל אוּן אָן קַיין שׁוּם טַעַם (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמא).

**עֶס** שְׁטֵייט נִישְׁט בַּיי קַיין שׁוּם מִצְוָה: "צְרִיכִין לְהַרְגִּישׁ טַעַם בְּהַמִּצְוָה", מֶען דַארְף שְׁפִּירְן אַ טַעַם וֶוען מֶען טוּט דִי מִצְוָה; עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין הִלְכוֹת תְּפִילִין אַז מֶען קֶען נָאר לֵייגְן תְּפִילִין וֶוען מֶען הָאט אַ גֶעפִיל. מִיר דַארְפְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַלֶע מַצָּבִים - נִישְׁט קַיין חִילּוּק צִי מֶען שְׁפִּירְט אַ טַעַם אָדֶער נִישְׁט.

**נֶעם** דִיר גוּט אַרַיין אִין קָאפּ: "אִידִישְׁקֵייט הָאט גָארְנִישְׁט מִיט גֶעפִילְן"; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; דָאס דַארְף זַיין דֶער שְׁטְרֶעבְּן פוּן אַ אִיד, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת; גֵיין דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִקְרָא, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם אַז מֶען אִיז אַ אִיד אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**מַאךְ** זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע שִׂיחוֹת - וֶועסְטוּ הָאבְּן חִיזּוּק צוּ זַיין אַ אִיד. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מח) אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה גֶעהֶערְט אוֹיסְרוּפְן אִין הִימְל אַז עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ צוּ מְחַיֶּ' זַיין, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אֲנִי אוֹהֵב אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּלֹא עוֹלָם הַבָּא", אִיךְ הָאבּ לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן קַיין עוֹלָם הַבָּא! "וְכָל אָדָם אֲפִלּוּ אִישׁ פָּשׁוּט, אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת כִּי אִם כְּשֶׁיָּכוֹל לַעֲמֹד בְּכֹל כַּנַּ"ל", זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז יֶעדֶער אִיד וָואס ווִיל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף זַיין גְרֵייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ מֶען וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שׁוּם שָׂכָר - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן

נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תקב

### וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ צַייט צוּרִיק הָאבּ אִיךְ גֶעשִׁיקְט אַ שְׁאֵלָה[יג] וָואס צוּ טוּן מִיט מַיין זוּן וָואס אַ שָׁכֵן הָאט אִים אָנְגֶערִירְט אוֹיף נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיגֶע פְּלֶעצֶער. אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי תְּשׁוּבָה אוּן אִיךְ מוּז זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דֶעם, וַוייל אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעווּיסְט וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן אוּן וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

בִּכְלַל דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מוֹרָא'דִיג מְחַזֵק מִיר מִיט מַיין מַאן. מַיין מַאן וִויל זִיךְ בַּאזוּנְדֶער בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי הֶערְלִיכֶע תְּפִלּוֹת וָואס עֶר הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן בַּיי אַייךְ אִין אוּמַאן; עֶר אִיז שׁוֹין צְען יָאר אִין בְּרֶסְלֶב, אוּן פָּארְט שׁוֹין צְען יָאר קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶער עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע תְּפִלּוֹת מִיט אַזַא הִתְעוֹרְרוּת, עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען מִיט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע פְרִישְׁקֵייט אוּן מִיט עֶקְסְטֶערֶע כּוֹחוֹת.

---

יג. עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ה, מִכְתָּב תלח.

יֶעצְט ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה פוּן מַיין מַאן, פוּן וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן קַיין בְּרֶסְלֶב הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זַייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג, שׁוֹין יָארְן וָואס עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער עֶס גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין וֶוערְטֶער. עֶר קֶען זִיצְן אַ שָׁעָה צַייט אָן רֶעדְן, זִינְגֶען קוּמְט אִים אָן שְׁוֶוער, אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ שְׁלָאפְט עֶר אַיין צוּם סוֹף.

עֶר וֶוערְט נִישְׁט מְיוֹאָשׁ דֶערְפוּן, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן מִיטְ'ן פְּרוּבִּירְן יֶעדְן טָאג, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה טוּט אִים זַייעֶר וויי אַז עֶר קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁפִּירְט אַז וֶוען עֶר וָואלְט זִיךְ וֶוען אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואלְט אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן אִים אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן. עֶר אִיז שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען צוּ פַארְשִׁידֶענֶע טֶערֶעפִּיסְטְן, צוּ זֵיי הָאט עֶר יָא גֶעקֶענְט רֶעדְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט צוּפִיל גֶעקֶענְט הֶעלְפְן. עֶר ווִיל גֵיין נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קֶען אָבֶּער נִישְׁט רֶעדְן צוּ אִים.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט אוּנְז קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרָשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**דֶער** עִיקָר אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סב): "וּבֶאֱמֶת, אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, שֶׁ'מְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִלָּה, וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן

אֶת דְּבָרָיו", וֶוען אַ מֶענְטְש וָואלְט וֶוען גֶעווּיסְט בַּיי זִיךְ קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים בִּשְׁעַת עֶר דַאוֶוענְט אוּן עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר בֶּעט, וָואלְט עֶר גֶעדַאוֶוענְט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן עֶר וָואלְט מְכַוֵּן גֶעוֶוען יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע וָוארְט וִוי אַזוֹי עֶר זָאגְט עֶס אַרוֹיס.

**מוֹהֲרָא"ש** זָאגְט, מֶען זֶעט אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען רֶעדְן צוּ אַ חַבֵר לַאנְגֶע שָׁעוֹת פוּן כָּל מִינֵי זַאכְן, עַל דָא וְעַל הָא, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען עֶר נִישְׁט עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אַרוֹיס צוּ זָאגְן אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט; דָאס קוּמְט פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט אִים נִישְׁט, מֶען שְׁפִּירְט וִוי 'קֵיינֶער הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיס' - דָאס מַאכְט עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וֶוער** רֶעדְט נָאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט, דֶעמָאלְט הוֹיבְּט עֶר אָן הָאבְּן פֵייגְלֶעךְ אִין קָאפּ; עֶר הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל נִישְׁט צוּהֶערְן זַיינֶע תְּפִילוֹת, וָואס דָאס קוּמְט פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב): "הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה לָאָדָם", דִי עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט בְּרֶענְגֶען אַרַיין אִין אִים שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן כְּפִירָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה נט, ב): "כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם, וְחַטֹּאותֵיכֶם הִסְתִּירוּ פָנִים מִכֶּם מִשְּׁמוֹעַ", אַייעֶרֶע עֲבֵירוֹת טֵיילְן אָפּ צְוִוישְׁן

אַייך אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער; דָאס מַאכְט עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ.

**דֶערְפַאר** דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֱמוּנָה; מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם אַז מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ.

## תקג

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אַרוֹיסְזֶען פוּן עֲבֵירוֹת?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ זֶע ווִי אִיר מַאכְט כְּסֵדֶר שֵׁיינֶע תְּפִלּוֹת אוֹיף אִידִישׁ אִין דִי בְּרִיוו, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ אִיר קֶענְט אוֹיךְ פַאר מִיר מַאכְן אַ תְּפִלָּה אוֹיף אִידִישׁ.

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר אִין קְדוּשָׁה, אִיךְ פַאל אַסַאךְ דוּרְךְ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַלְץ אַז עֶר קֶען פַארְשְׁטֵיין אַ בָּחוּר וָואס פַאלְט דוּרְךְ אָבֶּער נִישְׁט אַ אִינְגֶערְמַאן, דֶער פַאקְט אִיז אָבֶּער בַּיי מִיר אַז וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין אֵיינְגֶעוואוֹינְט צוּ עֶפֶּעס - אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען דֶערְפוּן, אוּן כָאטְשׁ וָואס אִיךְ לֶעבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם שֵׁיין מִיט מַיין וַוייבּ, אָן קַיין פְּרִישׁוּת, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז נָאכְאַלְץ מַיִם גְּנוּבִים יִמְתָּקוּ. אוּן נָאכְדֶערְצוּ אַז דִי

וֶועלְט איז אַזוֹי אָפְן הַיינְט, און וויפיל מֶען זָאל זיך דֶערְוַוייטֶערְן פון שְׁלֶעכְטֶע כֵּלִים, קֶען מֶען אַלְץ טְרֶעפְן אַ וֶועג זיך אָנְצוּטְרֶעפְן מיט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן און דוּרְכְפַאלְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

איך הֶער אַייעֶרע שִׁיעוּרִים און איך לֵיין די בְּרִיוו, אָבֶער נָאכְאַלְץ הַאלְט איך אֵיין פַאלְן. כָאטְשׁ וָואס איך מוּז מוֹדֶה זַיין אַז דָאס פַאלְן איז גָאר אַנְדֶערְשׁ, מֶען פְּרוּבִּירְט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, מֶען פְּרוּבִּירְט זיך צוּרִיק צוּ כַאפְּן, אָבֶער איך זֶע נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַ וֶועג בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע אַז איך זָאל נָאךְ אַמָאל אַרוֹיסְקְרִיכְן פון מַיין שְׁמוּץ.

איך הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר שְׁרַייבְּן אַ תְּפִלָּה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג, אֶפְשָׁר וֶועט דָאס מִיר הֶעלְפְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

## זַייסְן זָאלְסְטוּ, וֶוער עֶס פַאלְט אַרַיין אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה וֶוערְט פָּשׁוּט מְשׁוּגָע!

**דִי עֲבֵירָה רַייסְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים דִי גַאנְצֶע שֵׂכֶל. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לו) **אַז רוֹב מְשֻׁגָּעִים וֶוערְן מְשׁוּגָע פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אַלֶע צָרוֹת וָואס מֶען לַיידְט קוּמְט פוּן חַטֹּאוֹת נְעוּרִים, פוּן מוֹצִיא זַיין זֶרַע לְבַטָּלָה, אוּן**

דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַלֶעס פַארְלִירְן. אָבֶּער דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם (שָׁם, סִימָן א): "דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט מְשׁוּגָע דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט עֲבֵירוֹת - קֶען מֶען נִישְׁט מַכְנִיעַ זַיין נָאר מִיט אַ שְׁטֶעקְן, וָואס זֶעט אוֹיס וִוי אַ ו', דָאס מֵיינְט מֶען דִי תוֹרָה"; אִיז מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מַסְבִּיר, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי "ו' [שִׁשָּׁה] סִדְרֵי מִשְׁנָה", אַז מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת קֶען מֶען זִיךְ רֵיינִיגְן פוּן אַלֶע פְלֶעקְן אוּן צוּרִיק בַּאקוּמֶען דֶעם מֹחַ.

**דֶערִיבֶּער** וֶוער עֶס הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה דַארְף זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, בִּיז עֶר וֶועט קֶענֶען אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע פְלֶעקְן. מִשְׁנָיוֹת הָאט אַ סְגוּלָה אַז עֶס רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה אוּן עֶס נֶעמְט אַרָאפּ פוּן אִיר אַלֶע רָאסְט אוּן זְשַׁאוֶוער, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת אוֹת אַלֶ"ף, סוֹף עֲנַף "אֵפוֹד") אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טוֹיעֶר פוּן גֵיהִנוֹם אוּן לָאזְט נִישְׁט אַרַיין דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת.

**וּוָאוִיל** אִיז דֶעם וָואס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת; מִשְׁנָיוֹת בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט וִויפִיל "פַּרְנָסָ"ה". אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מִשְׁנָ"ה דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת וִוי "נְשָׁמָה", וַוייל וֶוער עֶס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת בַּאקוּמְט אַ נַייעֶ נְשָׁמָה אוּן וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

**אַז** דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן עֶס פְלַאקֶערְט אִין דִיר וַוייטֶער דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא

לְצִלָן צוּלִיבּ דַיין רְגִילוּת פוּן דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת. וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל אוֹיסְרֵיינִיגְן דָאס שְׁלֶעכְטְס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי לִימוּד מִשְׁנַיוֹת; וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּיסְט וָואס מִשְׁנַיוֹת טוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ - וָואלְטְן זִיךְ אַלֶע גֶעפְלַייסְט אִין דֶעם.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט פוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (כִּי תֵצֵא רעז:): "מָארֵי מִשְׁנָה, דְאִינוּן מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת מַמָּשׁ", דִי אַלֶע וָואס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת וֶוערְן אַזוֹי רֵיין אוּן הֵיילִיג, מַמָּשׁ וִוי מַלְאָכִים, "וּבְגִין דָא אוֹקְמוּהָ מָארֵי מַתְנִיתִין, עַל בַּר נָשׁ אִי יְהֵא כְּמַלְאַךְ ה' צְבָקוֹת תּוֹרָה יְבַקְשׁוּ מִפִּיהוּ, וְאִי לָאו לֹא יְבַקְשׁוּ תּוֹרָה מִפִּיהוּ", זֵיי וֶוערְן אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים וָואס בַּאדִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֶענֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן וְכוּ'.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, וַוייל חוּץ וָואס דוּ בְּרֶענְגְסְט אַ שָׁאדְן אוֹיף דַיין נְשָׁמָה - וֶועסְטוּ אוֹיךְ הָאבְּן אַ שָׁאדְן אוֹיף דַיין גוּף, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רמ, סְעִיף יד) וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - "זִקְנָה קוֹפֶצֶת עָלָיו", וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן פַארְעֶלְטֶערְט, "וְכֹחוֹ תָּשַׁשׁ", אוּן עֶר פַארְלִירְט דִי כּוֹחוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ, "עֵינָיו כֵּהוֹת", דִי אוֹיגְן וֶוערְן אִים אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, "וְרֵיחַ רַע נוֹדֵף מִפִּיו", עֶס הוֹיבְּט אָן גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן זַיין מוֹיל; "וְשֵׂעַר רֹאשׁוֹ וְגַבּוֹת עֵינָיו וְרִיסֵי עֵינָיו נוֹשְׁרִים וְכוּ'", דִי הָאר פוּן קָאפּ אוּן פוּן דִי אוֹיגְן

בְּרֶעמֶען - פַּאלְט אַרוֹיס, "וְהַרְבֵּה כְּאֵבִים חוּץ מֵאֵלּוּ בָּאִים עָלָיו", און עֶס בְּרֶענְגְט אוֹיף אִים נָאךְ אַסַאךְ וֵוייטָאגְן.

יֶעדֶע אִיבְּרִיגֶע מִינוּט וָואס דוּ הָאסְט - זָאלְסְטוּ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

# תקד

## וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַייעֶנְדִיג אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן אַ שְׁאֵלָה[יד] אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין וֶועג בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע אַז אִיךְ זָאל נָאךְ אַ כַּלָּה וֶוערְן, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ עֶטְלִיכֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער הֶעכֶער מִיר. יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי עֶנְטְפֶער וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען, מִיט דִי עֵצוֹת און חִיזוּק.

לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען אָבֶּער דָא טֶעג וָואס אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ מַמָּשׁ פַארְלוֹירְן און אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט. אִיךְ שְׁפִּיר אַז קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט מִיר נִישְׁט און אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט אִין מַיין לֶעבְּן. אִיךְ וֵויים נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן. אִיךְ קוּק אָן דִי וֶועלְט אַלְס גָאר אַ שְׁלֶעכְטֶע און טוּנְקֶעלֶע פְּלַאץ, אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט און עֶר דַארְף מִיךְ מֶער נִישְׁט הָאבְּן.

אִין אַזַא צַייט, וֶוען אִיךְ וִויל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען אִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט רֶעדְן קַיין אֵיין וָוארְט צוּ אִים.

---

יד. אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב תעא.

ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער?

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵק זַיין. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיְחִי, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**וִויסְן** זָאלְט אִיר אַז פוּן הִימְל פְּרוּבִירְט מֶען אוֹיס יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת; עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת - אַלֶעס וַוייל מֶען וויל זֶען פוּן הִימְל צוּ וֶועם דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן וֶוען עֶר הָאט זַיין צָרָה, אוֹיבּ מֶען וֶועט אוֹיפְגֶעבְן אָדֶער מֶען וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה, ד.) יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: "מָאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג, "וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן בִּיטֶער - זִיס; "מָאן מִנְכוֹן דִמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר וְכוּ'", וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג אַז עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן

- דֶער וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶערֶע לֶעבְּן אַ זִיס לֶעבְּן אוּן פוּן זַיין טוּנְקְלְקֵייט - לִיכְטִיג, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִיק אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ עוֹלָם הַבָּא.

פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה; אֱמֶת, עֶס אִיז אַייךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיר ווילְט חֲתוּנָה הָאבְּן אָבֶּער אִיר הָאט נָאךְ פַּאר זִיךְ עֶטְלִיכֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער וָואס דָאס מַאכְט אַייךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, מִיט דֶעם אַלֶעם דַארְפְט אִיר קוּקְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה) דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס. אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי - רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט".

אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן; אִיר זָאלְט אָנְהוֹיבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, אוּן ווִי מֶער אִיר וֶועט אִים דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס

עֶר טוּט מִיט אַייךְ - וֶועט אַייךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן אוֹיפְ'ן הַארְצְן, עֶס וֶועט אַייךְ בֶּעסֶער וֶוערְן, אוּן אֵיינְמָאל אַייעֶר הַארְץ וֶועט זַיין אָפְן וֶועט אִיר שׁוֹין קֶענֶען גוּט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת כִּלְאֵי בְּהֵמָה, הֲלָכָה ד, אוֹת ו) מִיר גֶעפוּנֶען בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ אַז וֶוען זַיין זוּן אַבְשָׁלוֹם הָאט אִים גֶעוָואלְט הַרְגְ'נֶען הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל (תְּהִלִּים ג): "מִזְמוֹר לְדָוִד: בְּבָרְחוֹ, מִפְּנֵי אַבְשָׁלוֹם בְּנוֹ", אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם הוֹיבְּט עֶר אָן שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען: "ה', מָה רַבּוּ צָרָי", בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל צָרוֹת, "רַבִּים קָמִים עָלָי", אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן ווילְן מִיר שְׁלֶעכְטְס טוּן, "רַבִּים אֹמְרִים לְנַפְשִׁי: אֵין יְשׁוּעָתָה לּוֹ בֵאלֹקִים סֶלָה", אַלֶע זָאגְן מִיר אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם תַּקָּנָה; לִכְאוֹרָה אִיז דָאס זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט - אָנְהוֹיבְּן הוֹיבְּט זִיךְ עֶס אָן מִיט אַ גֶעזַאנְג אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם הוֹיבְּט עֶר אָן וֵויינֶען? נָאר דִי הֶסְבֵּר אִיז, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער אַ צָרָה אִיז עֶר אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, וַוייל חוּץ פוּן דִי צָרָה אִין וָואס עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ קוּמְט נָאךְ צוּ שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת. עֶר הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס חַס וְשָׁלוֹם, דָאס מַאכְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹי וִוי אִיר שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו: "אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט רֶעדְן קַיין וָוארְט צוּ אִים"; דָאס אַלֶעס אִיז דָוִד הַמֶּלֶךְ אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט דִי בִּיטֶערֶע צָרוֹת, דֶערְפַאר הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אִינֶעם צָרָה אֲפִילוּ אַ

פִּינְטֶעלֶע גוּטְס, און גְלַייךְ נָאכְדֶעם וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אִים, הָאט זִיךְ אִים זַיין הַארְץ גֶעעֶפְנְט און עֶר הָאט גֶעקֶענְט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן; אַזוֹי אִיז גֶעבּוֹיט רוֹב סֵפֶר תְּהִלִּים, עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיט אַ גֶעזַאנְג און גְלַייךְ נָאכְדֶעם אַ גֶעבֶּעט.

אַזוֹי זָאלְט אִיר אוֹיךְ טוּן, הוֹיבְּט אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן; אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט און אִיךְ הָאבּ אַלֶעם גוּטְס. אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעזוּנְט און לִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, און מִיר הָאסְטוּ גֶעגֶעבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע לֶעבְּן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף מִיר! אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ וִויל שׁוֹין אוֹיפְשְׁטֶעלְן מַיין אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ; אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אוֹיף מַיין זִיווּג. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר און מַיינֶע גֶעשְׁוִוסְטֶער אַז מִיר זָאלְן אַלֶע טְרֶעפְן בְּקָרוֹב שִׁידוּכִים; אִיךְ פַארְלָאז זִיךְ נָאר אוֹיף דִיר!" אַזוֹי זָאלְט אִיר שְׁטֶענְדִיג טוּן, קוֹדֶם דַאנְקֶען בִּפְרָטִיּוּת פַאר אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אַייךְ און נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר בֶּעטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַייעֶר זִיווּג הָגוּן בְּקָרוֹב.

# תקה

## ווי אַזוֹי זָאל אִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן מַיין נְסִיעָה קַיין אוּמַאן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף דִי חִיזּוּק יוֹמִי, עֶס אִיז מְחַיֶה נְפָשׁוֹת.

אִיךְ בִּין אַ פְּרוֹי פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ דַארְף בַּאקוּמֶען בְּקָרוֹב אַ סוּמֶע גֶעלְט אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס בַּאשְׁטִימְט צוּ פָארְן דֶערְמִיט אוֹיף אַ נְסִיעָה קַיין אוּמַאן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דְרֵיי מָאל אִין אוּמַאן, אוּן צְוֵויי מָאל אוֹיךְ בַּיי אַנְדֶערֶע קִבְרֵי צַדִּיקִים, אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, בַּארְדִיטְשׁוּב, מֶעזְ'בּוּז, אוּן נָאךְ.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל דָאס מָאל אוֹיסְשְׁטֶעלְן מַיין נְסִיעָה קַיין אוּמַאן; זָאל אִיךְ זוּכְן דַוְקָא אַ נְסִיעָה וָואס בְּלַייבְּט אוֹיךְ אוֹיף שַׁבָּת אִין אוּמַאן? אֶפְשָׁר לוֹינְט זִיךְ צוּ וַוארְטְן אוֹיף אַ נְסִיעָה וָואס וֶועט זַיין שְׁפֶּעטֶער וָואס נֶעמְט אַרַיין אוֹיךְ צוּ פָארְן צוּ נָאךְ קִבְרֵי צַדִּיקִים, נִישְׁט נָאר צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיְחִי, י' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי גְרוֹיס עֶס אִיז דִי זְכוּת צוּ זַיין בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "הֲגַם דֶער עוֹנֶשׁ פוּן גִּלְגּוּל אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמו) אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן אוֹיבְן אִין הִימְל בַּיים בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה אוּן זָאגְן: 'עֶקְט מִיט מִיר דָא, אִיךְ וִויל נִישְׁט דֶער עוֹנֶשׁ פוּן גִּלְגּוּל', מִיט דֶעם אַלֶעם, אוֹיבּ מֶען וֶועט מִיר גֶעבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט נָאכְאַמָאל צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן וֶועל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרָאפְּקוּמֶען נָאכְאַמָאל אוֹיף דִי וֶועלְט, אַבִּי צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן" (עַיֵּין אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק ו, מִכְתָּב תרעה).

**אַז** אִיר הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף אַ שַׁבָּת אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצז): "הַשַּׁבָּתִים שֶׁשּׁוֹבְתִים אֶצְלִי הֵם גְּדוֹלִים וְטוֹבִים יוֹתֵר מִשִּׁבְעָה פְּעָמִים תַּעֲנִית מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת", אַז מֶען קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף שַׁבָּת אִיז דָאס גְרֶעסֶער אוּן בֶּעסֶער פוּן פַאסְטְן זִיבְן מָאל מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת; דָאס גֵייט אוֹיךְ אָן הַיינְטִיגֶע צַייטְן - סַיי וֶוען מֶען אִיז אִין אוּמַאן אוֹיף שַׁבָּת אוּן סַיי וֶוען מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק אוּן מְחַיֶּ' מִיט דִי וֶוערְטֶער אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תקו[טו]

**איך האלט זיך ערליך, און איך פאל דורך, וואס מיינט דאס?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם וויל אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת, קוּנְטְרֵסִים און אוּיף אַלֶעס.

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִּים, הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ קוּנְטְרֵס "הֵיילִיגֶע אוֹיגְן", און דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען און מְחַזֵּק גֶעוֶוען, און פוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם קַיין אֵיין מָאל נִישְׁט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית.

אָבֶער עֶס אִיז יָא גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל זֵייט דֶעמָאלְט וָואס אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט מִקְרֶה לַיְלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוֹיךְ אוּם יוֹם כִּיפּוּר, און אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן וָואס דָאס קוּמְט. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר זָאגְן וָואס אִיךְ דַארְף טוּן? וָואס מָאנְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן מִיר?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"א טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דָאס** וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אִין מִקְרֶה לַיְלָה קוּמְט פוּן אַרוּם גֵיין שְׁטֶענְדִיג דֶערְבִּיטֶערְט. דֶער הֵיילִיגֶער

---

טו. אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דֶעם בְּרִיוו, אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב תקעה.

רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קסט) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפְּהִיטְן פוּן 'פְּגַם הַבְּרִית', וַוייל דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן קוּמְט נָאר פוּן עַצְבוּת, דֶערְבִּיטֶערְנִישׁ אוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דִי קְלִיפָּה (לִילִי"ת, דִי נוּקְבָא פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם) וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן מִיט דִי עֲבֵירָה - וֶוערְט אַזוֹי אָנְגֶערוּפְן, וַוייל דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן יְלָלָה - 'וֵויינֶען'.

**אַז** דוּ פְרֶעגְסְט: "וָואס מָאנְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן מִיר?" זָאג אִיךְ דִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מָאנְט נָאר אֵיין זַאךְ פוּן דִיר: "דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ", בִּפְרַט בְּשַׁעַת דוּ טוּסְט אַ מִצְוָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוָה, וַוייזְט עֶר מִיט דֶעם אַז זַיין הַארְץ אִיז רֵיין.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת ט:) אַז רֶבִּי אִלְעָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר עוּלָא: וֶוען דוּ גֵייסְט אַרוֹיף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְסְטוּ בַּאגְרִיסְן מַיין בְּרוּדֶער רַב בְּרוֹנָא, "דְאָדָם גָדוֹל הוּא", וַוייל עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, "וְשָׂמֵחַ בְּמִצְוֹת", אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט. "זִימְנָא חֲדָא סָמַךְ גְאוּלָה לִתְפִלָּה וְלָא פָּסִיק חוּכָא מִפּוּמֵיהּ כּוּלֵּיהּ יוֹמָא", אֵיין מָאל הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי הֲלָכָה פוּן סוֹמֵךְ זַיין גְאוּלָה לִתְפִלָּה אוּן זַיין שְׁמֵייכְל אִיז אִים נִישְׁט אַרָאפּ פוּן פָּנִים אַ גַאנְצְן טָאג; דָאס אִיז אַן אָדָם גָּדוֹל, דֶער וָואס פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט אוּן מִיט יֶעדֶע

**נְקוּדָה טוֹבָה, וִוי סְמִיכוּת גְּאוּלָה לִתְפִלָּה - וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט דֶערְמִיט אַ גַאנְצְן טָאג.**

**בֶּאֱמֶת** פְרֶעגְן אַלֶע אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה (עַיֵין תּוֹסְפוֹת, דִבּוּר הַמַתְחִיל "כָּל") יֶעדֶער אִיז דָאךְ סוֹמֵךְ גְּאוּלָה לַתְּפִלָּה, וָואס אִיז דִי רְבוּתָא פוּן רַב בְּרוֹנָא: "דְלָא פָּסִיק חוּכָא מִפּוּמֵיהּ כּוּלֵיהּ יוֹמָא"?! נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן א) **אוֹיף** דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת י:) **אַז חִזְקִיָּהוּ הַמֶלֶךְ הָאט** סוֹמֵךְ גֶעוֶוען גְּאוּלָה לִתְפִלָּה, זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דֶער פְּשַׁט אִיז: "שֶׁגָּאַל אֶת הַתְּפִילָה מִן הַגָּלוּת", עֶר הָאט אוֹיסְגֶעהֵיילְט דִי תְּפִלָּה פוּן גָלוּת; עֶר הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה אַז מֶען קֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דוּרְךְ דֶעם קֶען יֶעדֶער אִיד זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין גְּאוּלָה. דָאס קֶען זַיין פְּשַׁט וָואס רֶבִּי אִלְעָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר עוּלָא, "זִימְנָא חֲדָא סָמַךְ גְאוּלָה לִתְפִלָּה, וְלָא פָּסִיק חוּכָא מִפּוּמֵיהּ כּוּלֵיהּ יוֹמָא", עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַ גַאנְצְן טָאג וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט סוֹמֵךְ גֶעוֶוען גְּאוּלָה לִתְפִלָּה.

**דֶער** עִיקָר אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה. וַוייל אַלֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אִיז נָאר וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְּרֵיילִיךְ; שִׂמְחָה אִיז דִי וֶועג אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, שִׂמְחָה הֵיילְט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ אוּן עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיינֶע צָרוֹת. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ"; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ.

אִיךְ הָאף אַז דִי פָּאר װערְטֶער װֶעט דִיר מְחַזֵק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פְרֵיילִיכְקֵייט, װֶעסְטוּ נִיצוֹל װֶערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

# תקז

## ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן מַיין סֵדֶר אִין לֶערְנֶען?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת אוּן הֲלָכָה, אִיךְ ווִיל אָבֶער ווִיסְן ווִי אַזוֹי אַיינְצוּטֵיילְן מַיין צַייט. אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ דְרֵיי שָׁעָה אַ טָאג צוּ לֶערְנֶען, זָאל אִיךְ לֶערְנֶען צְווֵיי שָׁעָה הֲלָכָה אוּן אֵיין שָׁעָה מִשְׁנָיוֹת, אָדֶער צְווֵיי שָׁעָה מִשְׁנָיוֹת אוּן אֵיין שָׁעָה הֲלָכָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ סֵדֶר ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּשְׁטֶעלְן דֶעם טָאג, אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין מַאשִׁין; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם צְווֵייטְן אוּן אֲפִילוּ**

בַּיים זֶעלְבְּן מֶענְטְש טוּישְׁט זִיךְ יֶעדְן טָאג בַּיי אִים זַיין מַצָּב וְכוּ'. דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט שַׁיְיךְ צוּ גֶעבְּן אַ סֵדֶר וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען; מִיט דֶעם, אַז דוּ בֶּעטְסְט וֶועל אִיךְ דִיר אוֹיסְשְׁטֶעלְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים לוֹיט וִוי מוֹהֲרַ"ש שְׁרַייבְּט אִין אֲשֶׁר בַּנַחַל.

**א)** זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר אֲרִיכוּת יָמִים. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים; הֲגַם דֶער אֲרִיזַ"ל שְׁרַייבְּט אַז מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְרַייטָאג - עֶרֶב שַׁבָּת (שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת דַּף סב.; שַׁעַר הַמִּצְוֹת פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן דַּף לה.) אָבֶּער מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זִיךְ אוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן: 'וָואס טוּ אִיךְ? הָאבּ אִיךְ גֶעעֶפְנְט אַ חוּמָשׁ דִי וָואךְ? הָאבּ אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען פָארִיגֶע וָואךְ?' אַז מֶען הוֹיבְּט אָן פוּן זוּנְטָאג, אוּן יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם - אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען עֶנְדִיגְט יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיט דִי פַּרְשָׁה יֶעדְן טָאג.

טוּ אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעפַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם גְּרַ"א

זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף יָאר אִיז מֶען מוֹרָא׳דִיג בְּשִׂמְחָה אַז מֶען הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה.

**ב)** נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר בִּזְכוּת וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (סַנְהֶדְרִין מב.): "בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה, בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנָה", דֶער וָואס לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אִיז זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ כֹּחַ מִשְׁנָיוֹת הָאט, אוּן וָואס עֶס טוּט פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

**עֶס** אִיז בַּאווּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַגִּיד פוּן הִימְל, דֶער מַגִּיד פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים אוּן אִים זָאגְן מוּסָר וְכוּ׳ - אַלֶעס בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף פְלֶעגְט זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, אַמָאל פֶערְצִיג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן אַמָאל מֶער. אִיךְ וֶועל דִיר אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אֵיינְס פוּן דִי פִילֶע לְשׁוֹנוֹת אִינֶעם סֵפֶר מַגִּיד מֵישָׁרִים, וואוּ דֶער בֵּית יוֹסֵף שְׁרַייבְּט (מִשְׁלֵי סִימָן כג, עַמּוּד קסג): "הִשְׁכַּמְתִּי כְּמִנְהָגִי לִקְרוֹת

בַּמִּשְׁנָיוֹת, וְקָרִיתִי כְּמוֹ מ׳ פְּרָקִים״, און נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ דֶער מַגִיד צוּ אִים בַּאוויזְן; זֶעט מֶען צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.

ג) אויךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען גְמָרָא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ריד): ״תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ ׳לִילִית׳, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ״, ׳תַּלְמוּד׳ בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע ווִי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית; און וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה, דֶערְפַאר הָאט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם זַייעֶר מוֹרָא פוּן אַ דַף גְמָרָא, אַלֶעס וֶועט עֶר לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ זָאל טוּן, אַבִּי נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ גְמָרָא.

ד) וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט הֲלָכָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כט): ״כָּל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי מְחֻיָּב לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם פּוֹסְקִים, וְלֹא יַעֲבֹר״, יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכוֹת, ״וְאִם הוּא אָנוּס וְאֵין לוֹ פְּנַאי, יִלְמַד עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה סְעִיף שֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהוּא, אֲפִילּוּ שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד עַתָּה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ״, אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט וְכוּ׳ זָאל מֶען לֶערְנֶען אַן הֲלָכָה אֲפִילוּ נִישְׁט כְּסִדְרָן וואוּ מֶען הַאלְט וְכוּ׳, ״כִּי צָרִיךְ לִלְמֹד אֵיזֶה דִין בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו״, וַוייל מֶען אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תקח

### אויף וועלכֶע עֲבֵירוֹת הֶעלְפְט דֶער "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי"?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ דִי "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" אִיז נָאר פַאר מִקְרֶה לַיְלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָדֶער אִיז דָאס אוֹיךְ אַ תִּיקּוּן פַאר אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת, וְוִי לְמָשָׁל חִלּוּל שַׁבָּת, גְנֵיבָה, שֶׁקֶר, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**בִּשְׁעַת** דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי' הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא): "אַסַאךְ צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקּוּן אָבֶּער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִּׂיג זַיין; אַ טֵייל צַדִּיקִים זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט פַאר זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקּוּן, אוּן אַ טֵייל הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן מַשִּׂיג צוּ זַיין דֶעם תִּיקּוּן, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן, אָבֶּער מִיר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקּוּן".

אַ מֶענְטְשׁ וָואס וויל פַארְרֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען זָאל זָאגְן דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" - דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], דָאס אִיז אַ תִּיקּוּן אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת בִּכְלָלִיּוּת; יֶעדֶע עֲבֵירָה הָאט זַיין סְפֶּעצִיעֶלֶע תִּיקּוּן וִוי אַזוֹי מֶען אִיז דָאס מְתַקֵּן, אָבֶער דֶער תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִיז כָּלוּל פוּן אַלֶע תִּיקּוּנִים.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם): "צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים צוּ זָאגְן אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע זַאךְ, דָאךְ, ווִיבַּאלְד אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֵייסְן וֶועט דָאס אָנְקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זָאגְן"; וּבַעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים אִיז עֶס מְקוּיָם גֶעוָוארְן אַז רוֹב וֶועלְט זָאגְט דָאס נִישְׁט צוּלִיבּ דִי מַחֲלֹקֶת וָואס אִיז דָא אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, עַיֵין שָׁם.

דוּ פְרֶעגְסְט צִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי הֶעלְפְט אוֹיף חִלּוּל שַׁבָּת, גְנֵיבָה וְכוּ'; דוּ כַאפְּסְט צַאם עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַמָּקוֹם אוּן עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ; אוֹיף עֲבֵירוֹת וָואס אִיז צְווִישְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אָבֶער וֶוען אֵיינֶער טוּט אֵיינֶעם וֵויי, מֶען גַנְבְ'עֶט, אָדֶער מֶען בָּארְגְט גֶעלְט אוּן מֶען צָאלְט נִישְׁט צוּרִיק - אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פה:): "עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ אֵין יוֹם כִּפּוּרִים מְכַפֵּר עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵירוֹ", עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן בִּיז ווִילַאנְג מֶען פַארְרֶעכְט וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אוּן

מֶען טוּט תְּשׁוּבָה; סַיי מֶען בֶּעט מְחִילָה, אוּן מֶען דַארְף בַּאצָאלְן דִי גְנֵיבָה וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תקט

### מֶעג מֶען גֵיין אִין שׁוֹיעֶר נָאךְ דִי מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיז דָא אַן עִנְיָן נִישְׁט צוּ גֵיין אִין שׁוֹיעֶר גְלַייךְ נָאכְ'ן זִיךְ טוֹבֵלְ'ן אִין מִקְוֶה?

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרָשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מִקְוֶה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוֹבֵלְ'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה - אִין יֶענֶע רֶגַע טוֹבֵלְ'ט מֶען אוֹיבְן אִין הִימְל זַיין נְשָׁמָה.

דוּרְךְ מִקְוֶה אִיז מֶען זוֹכֶה אַרָאפְּצוּנֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין,

סִימָן כב): "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה", דוּרְךְ מִקְוֶה וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע צָרוֹת אוּן עֶס קוּמְט דִי יְשׁוּעָה.

**אַזוֹי** אוֹיךְ, וֶוער עֶס גֵייט אִין מִקְוֶה אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶע אִיד. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "'מִקְוֶה' אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן 'תִּקְוָה' - אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה הָאט מֶען אַ תִּקְוָה אַז מֶען וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן".

**וֶוען** מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוְוּיסְט וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה - וָואלְט מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם; קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער מָאוֹר וָשֶׁמֶשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט (פָּרָשַׁת אֱמוֹר) אַז דִי כַּת שַׁ"ץ יִמַּח שְׁמָם זֶענֶען גֶעוָוארְן אַפִּיקוֹרְסִים ווייל זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען נִזְהָר אִין טְבִילַת עֶזְרָא; זֵיי הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין קַבָּלָה אָן טָהֳרָה. אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת ווייל עֶר הָאט זִיךְ אַסַאךְ גֶע'טוֹבֵל'ט; ווייל וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין מִקְוֶה אוּן עֶר טוֹבֵלְ'ט זִיךְ - אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ מֶער טָהֳרָה.

**בְּעִנְיַן** זִיךְ שְׁוֶוערְן נָאכְן מִקְוֶה וְכוּ'; עֶס אִיז בֶּעסֶער זִיךְ צוּ שְׁוֶוערְן פַאר מֶען טוֹבֵלְ'ט זִיךְ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תקי

## אִיז טַאקֶע גוּט דֶער מַאן זָאל לֶערְנֶען אִינְדֶערְהֵיים?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק, אוּן מִיר הָאבְּן זֵייעֶר אַ גוּטֶע גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן צוּזַאמֶען, הוֹדוּ לַה'.

מִיר הָאבְּן יֶעצְט גֶעזֶען אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה[טז] אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט אַז דֶער מַאן זָאל לֶערְנֶען אִינְדֶערְהֵיים, אוּן אִיךְ הָאבּ טַאקֶע שְׁטַארְק הֲנָאָה וֶוען מַיין מַאן לֶערְנְט אִינְדֶערְהֵיים. אָבֶער אֵייבִּיג וֶוען עֶר זֶעצְט זִיךְ לֶערְנֶען, נֶעמֶען מִיר זִיךְ שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל, אוּן צוּלִיבּ דֶעם יָאגְט מַיין מַאן נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען צוּפִיל.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דָאס אִיז אוּנְזֶער אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶער מִיר וָואלְטְן גֶעוָואלְט הֶערְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס מֶען קֶען טוּן וֶועגְן דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶעם

---

טז. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט דָאס כְּסֵדֶר אִין דִי בְּרִיוְון, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִינֶעם מִכְתָּב יוֹמִי פוּן עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה - מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ד מַר-חֶשְׁוָן שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן:

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ וואוּילֶע וַוייבּ וָואס וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן מִיט דִיר אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, זִי וִויל אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. דִי וֶועג צוּ דֶעם אִיז אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זֶען זֵייעֶר טַאטֶע מַאמֶע לֶעבְּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, דֶערְפַאר זֶע צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ יֶעדְן טָאג; מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט אַבִּיסְל תּוֹרָה, דָאס וֶועט אוֹיפְלַייכְטְן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ.

אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" (כַּמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אִיז נִישְׁט דָא קַיין תֵּירוּצִים נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען; מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חַבְרוּתָא, מֶען זִיצְט אִין שְׁטוּבּ אוּן מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן קוֹל. אִין אַזַא שְׁטוּבּ וֶוערְן דִי וֶוענְט אָנְגֶעזַאפְּט מִיט דִי זִיסֶע גְמָרָא נִיגוּן, דִי וֶוענְט שְׁרַייעֶן אַרוֹיס: 'דָא וואוֹינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד', אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית יא.): "בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם וְקוֹרוֹת בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם מְעִידִים בּוֹ", דִי וֶוענְט פוּנֶעם שְׁטוּבּ זָאגְן עֵדוּת וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ; דִי

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייֶער בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּ' צוּ לֵיינֶען אַזַא שְׁאֵלָה; פוּן צְוִוישְׁן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶענְטְשְׁן פְּרֶעגְן - יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן - בְּרֶענְגְט אַזַא שְׁאֵלָה אַרַיין פְּרִישֶׁע כּוֹחוֹת, הֶערְנְדִיג אַז אִיר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אוּן אִיר פַארְבְּרֶענְגְט אִינְאֵיינֶעם; אַזוֹי זָאלְט אִיר וַוייטֶער טוּן, שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען אִינְאֵיינֶעם.

**אִיךְ** זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ אוֹיפְ'ן קוֹל בִּשְׁעַת דִי וַוייבּ אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט - קָאכְן, בַּאקְן, מְסַדֵּר זַיין דִי שְׁטוּבּ אוּן מַאכְן דִי וֶועשׁ וְכוּ' וְכוּ'; דָאס בּוֹיט אוֹיף דִי שְׁטוּבּ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בַּיִת, סִימָן ט): "כָּל בַּיִת שֶׁנִּשְׁמָעִין בּוֹ דִּבְרֵי תוֹרָה, שׁוּב אֵינוֹ נֶחֱרַב", אַ הוֹיז וָואס מֶען הֶערְט דָארְט אַ קוֹל תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט חָרוּב וֶוערְן; וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִין שְׁטוּבּ בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּבּ.

דַאךְ שְׁרַייט אַרוֹיס וָואס דָא טוּט זִיךְ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (חֲבַקּוּק ב, יא): "כִּי אֶבֶן מִקִּיר תִּזְעָק, וְכָפִיס מֵעֵץ יַעֲנֶנָּה".

אַזוֹי וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף מִיט אַ טַאטֶע וָואס לֶערְנְט, דֶער מַאן וֶוערְט חָשׁוּב אוּן בַּא'חֵנְ'ט אִין זַיין וַוייבְּ'ס אוֹיגְן אוּן אַלֶעס טוּישְׁט זִיךְ צוּם גוּטְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין נד:): "שֶׁמַּעֲלַת חֵן עַל לוֹמְדֶיהָ", דִי תּוֹרָה אִיז מְסוּגָל אוֹיף חֵן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ה, יט): "אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן"; אוּן אַז עֶס אִיז דָא חֵן וֶוערְט אַלֶעס מְסוּדָּר, מֶען לֶעבְּט צוּזַאמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַחְדוּת.

**וָוען איר וָועט זַיין פַּארְנוּמֶען מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט דֶעמָאלְט וָועט אַייעֶר מַאן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן קוֹל פַּאר זִיךְ וְכוּ', אוּן וָוען אִיר וָועט נִישְׁט זַיין פַּארְנוּמֶען זָאלְט אִיר אַוַדאי שְׁמוּעֶסְן אוּן פַּארְבְּרֶענְגֶען צוּזַאמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# תקיא

### זָאל מֶען אָפְּשְׁרַייבְּן דִי "מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה"?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעקְלֶערְט פוּן אַ גֶעדַאנְק, אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַזוֹי סַאךְ וֶועגְן תְּפִלָּה, וֶועגְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, אִיז אֶפְשָׁר אַ גוּטֶע זַאךְ צוּ זָאגְן פַאר מֶענְטְשְׁן אַז מֶען זָאל זִיךְ אָפְּשְׁרַייבְּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת, יֶעדֶער זָאל הָאבְּן בַּיי זִיךְ אַ בִּיכְל וואו עֶר זָאל אַרַיינְשְׁרַייבְּן אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, דָאס קֶען הֶעלְפְן מֶער צוּ לֶעבְּן מִיט דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶעם

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מֶען** קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ גְרוֹיסֶע כֹּחַ תְּפִלָּה הָאט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת, סג.): "אִם בָּא עַל אָדָם צָרָה, לֹא יִצְוַח לֹא לְמִיכָאֵל, וְלֹא לְגַבְרִיאֵל, אֶלָּא לִי יִצְוַח וַאֲנִי עוֹנֶה לוֹ מִיַּד", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה אוּן עֶר דַארְף אַ יְשׁוּעָה, זָאל עֶר נִישְׁט שְׁרֵייעֶן - נִישְׁט צוּ מַלְאָךְ מִיכָאֵל אוּן נִישְׁט צוּ מַלְאָךְ גַבְרִיאֵל, נָאר צוּ מִיר זָאל עֶר שְׁרֵייעֶן, פוּן מִיר זָאל עֶר בֶּעטְן אוּן אִיךְ וֶועל אִים גְלַייךְ עֶנְטְפֶערְן; זֶעט מֶען פוּן דָא אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אַ צָרָה זָאל עֶר נִישְׁט גֵיין צוּ קֵיינֶעם, נָאר שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי מֶען קֶען דָאס נִישְׁט טוּישְׁן זָאל מֶען וַוייטֶער שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעם פּוֹעֵל'ן.

**טַאקֶע** אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט טוּעֶן אַלֶע תַּלְמִידִים - סֵיי דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן סֵיי דִי מֵיידְלֶעךְ, אַלֶע הָאבְּן אַ "תְּפִלָּה צֶעטְל" וואוּ מֶען שְׁרֵייבְּט אוֹיף אַלֶעם וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן אִין לֶעבְּן, אוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דֶעם "תְּפִלָּה צֶעטְל" אוּן מֶען בֶּעט אוֹיף אַלֶעם וָואס שְׁטֵייט דָארְט, וֶוען מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְּן מַאכְט מֶען אַ סִימָן כְּדֵי מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אוּן וֶוען מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְּן מִיט

אַלֶע בַּקָשׁוֹת פוּנֶעם צֶעטְל לֵייגְט מֶען דָאס אַוֶועק אוֹיף שְׁפֶּעטֶער זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין און גֶעדֶענְקֶען דִי חֲסָדִים און נִיסִים וָואס מֶען בַּאקוּמְט וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תקיב

### וָואס קֶענְט אִיר מִיר דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֶוער אִם יִרְצֶה ה' אַן אֵיינִיקְל פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; וָואס קֶענְט אִיר מִיר דֶערְצֵיילְן מֶער אִיבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ און וָואס דָאס מֵיינְט פַאר מִיר, וֶוערְנְדִיג יֶעצְט אַן אֵיינִיקְל?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דִי שְׁאֵלָה אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע שְׁאֵלָה, עֶס אִיז אַ שְׁאֵלָה וָואס הָאט נִישְׁט קַיין עֶנְדֶע; וִוי קֶען מֶען אַרָאפְּשְׁרַייבְּן

וֶוער מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען? וֶוער קֶען דֶערְצֵיילְן וָואס אַ צַדִיק אִיז? עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אָנְהוֹיבּ אוּן קַיין עֶנְדֶע צוּ דִי מַעֲשִׂים פוּן אַ צַדִיק.

**אִיךְ** וֶועל דִיר זָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִין שְׁפִּיטָאל עֶטְלִיכֶע טֶעג פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת.

**גֶעוֶוען** אִיז דָאס מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח וֶוען אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער אִינֶעם קָאלָאמְבִּיָע שְׁפִּיטָאל, אוּן אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען מוֹהֲרָא"ש נָאכְאַמָאל אֵייְדֶער עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי מוֹהֲרָא"ש גֵייט שׁוֹין נִסְתַּלֵק וֶוערְן דֶעמָאלְט, אוּן מֶען הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא טוּמְל בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע נַייעֶס, אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּם שְׁפִּיטָאל אָבֶּער מֶען הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט. לְמַעֲשֶׂה אִיז אַ זוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן צִימֶער מִיר זָאגְן אַז אִיךְ זָאל אַרַיינְקוּמֶען; מִיר אִיז פָּשׁוּט שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן צוּ זֶען וִוי מוֹהֲרָא"ש לִיגְט אִין בֶּעט, אַלֶע מַיינֶע גְלִידֶער הָאבְּן מִיר גֶעצִיטֶערְט, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט גֶעבְּן שָׁלוֹם אָבֶּער מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעוִויזְן אַז אִיךְ זָאל אִים נִישְׁט גֶעבְּן דִי הַאנְט.

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט מִיר גֶעוִויזְן אַז אִיךְ זָאל זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן, עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי שִׂיחָה וָואס דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל יְסוֹד וְשֹׁרֶשׁ הָעֲבוֹדָה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקכב) אַז פַאר עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דִי

וֶועלְט הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ קְנַאק מִיט זַיין פִינְגֶער אוּן גֶעזָאגְט: "אִיבֶּער גִישְׁפְּרִינְגֶען"; עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז עֶר פְרֵיידְט זִיךְ אַז עֶס אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען אִיבֶּער צוּ שְׁפְּרִינְגֶען אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דִי וֶועלְט. אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שָׁם): "וְהָיָה רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מְשַׁבֵּחַ מְאֹד אֶת הַצַּדִּיק הַזֶּה שֶׁזָּכָה לוֹמַר כָּךְ קֹדֶם מוֹתוֹ", דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם.

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט גֶעוִויזְן מִיט דִי פִינְגֶער וֶוען עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דִי שִׂיחָה, אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אוּן אִיךְ פַּאטְשׁ פַאר שִׂמְחָה אַז אִיךְ הָאבּ מַיין גַאנְץ לֶעבְּן זִיךְ אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער"; מוֹהֲרָא"ש הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַּאטְשְׁן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט אוּן גֶעשְׁמֵייכְלְט וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "אוּן אִיךְ פַּאטְשׁ אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט"; דִי פָּאר וֶוערְטֶער קֶען אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אוֹיף מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ גָאפְּל.

**עֶס** אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט פָאְרן צוּם צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ פוּן דַיין צוּקוּנְפְטִיגֶער זֵיידֶע קַיין יַבְנְאֵל אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין אִינֶעם נוּסַח הַמַּצֵּבָה. אִיךְ בִּין דִיר עֶס מַעְתִּיק דָא: "פֹּה נִטְמַן", דָא לִיגְט, "הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי, עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת", אַן אֶמֶת'ער עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, "מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ", עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פוּן וֶוען עֶר

אִיז גְרוֹיס גֶעוָוארְן, "וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו", עֶר הָאט גֶעלִיטְן שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע יִסוּרִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, "רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵירְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ וְכוּ' וְכוּ'", אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאט עֶר מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה גֶעוֶוען אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פִילֶע תַּלְמִידִים עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן יִרְאֵי ה'.

**אִיךְ** שְׁפִּיר יֶעצְט וָואס רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן (אִינֶעם הַקְדָמָה אוֹיפְ'ן סֵפֶר הַמִּידוֹת): "וְלֹא עָלֵינוּ לְהַרְבּוֹת שֶׁבַח דְּבָרִים אֵלּוּ, כִּי כָּל הַמּוֹסִיף גּוֹרֵעַ", מִיר קֶענֶען נִישְׁט מַרְבֶּה זַיין מִיט שְׁבָחִים אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, וַוייל ווִי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן שְׁבָחִים מַאכְט מֶען נָאר וֶוייניגֶער; אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה אַרַיין צוּ קוּמֶען אִין אַזַא הֵיילִיגֶע מִשְׁפָּחָה, דוּ וֶוערְסְט אַן אֵיינִיקְל פוּן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק, זָאלְסְטוּ גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז אֱמֶת טַאקֶע זְכוּת אָבוֹת אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אָבֶּער נָאר אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן זְכוּת עַצְמוֹ, מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן - וֶועט דִיר דָאס בֵּיישְׁטֵיין.

**אַז** דוּ ווִילְסְט ווִיסְן פוּן מוֹהֲרַ"א"ש זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים אוּן בְּרִיוו; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; מוֹהֲרַ"א"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוו, דָארְט קֶען מֶען אִים טְרֶעפְן אוּן זַיין דָבוּק צוּ אִים; אַזוֹי ווִי מוֹהֲרַ"א"ש הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ בָּחוּר וָואס הָאט זִיךְ גֶעשְׁטוּפְּט אָנְצוּכַאפְּן זַיין הַאנְט בְּשָׁעַת מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן נָאךְ קִידוּשׁ

לְבָנָה: "דוּ ווילְסְט מִיר אָנְכַאפְּן? לֶערְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אַזוֹי וֶועסְטוּ מִיר אָנְכַאפְּן".

**דָא** בַּיי אוּנְז רֶעדְט מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; בַּיי יֶעדֶע שְׁמוּעֶס הֶערְט מֶען: "מוֹהֲרָא"שׁ", "מוֹהֲרָא"שׁ", אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר וָואס מֶען לֶערְנְט פָאר דָא אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הֶערְט מֶען: "מוֹהֲרָא"שׁ", "מוֹהֲרָא"שׁ", "מוֹהֲרָא"שׁ"; זֶענֶען דָא דִי פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים וָואס וֶוערְן לֶעצְטְנְס מְקוֹרָב, קוּמֶען זֵיי מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי: "הֲיִתָּכֵן מִיר הָאבְּן נִישְׁט מוֹהֲרָא"שׁ, מִיר זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען צוּ שְׁפֶּעט?!" זָאג אִיךְ זֵיי שְׁטֶענְדִיג וָואס רֶבִּי נָתָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט פַּאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ אִיד וָואס הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן. דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַז רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ הִיטְשׁ (טְרֶעמְפּ) מִיט אֵיינֶעם יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק, אַזוֹי שְׁמוּעֶסְדִיג זָאגְט עֶר פַּאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן", אוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אִים מְקַנֵּא גֶעוֶוען מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק הָאט נִישְׁט 'גֶעקֶענְט' דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט 'גֶעזֶען' דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ 'קֶענְסְט' דֶעם רֶבִּי'ן, ווַייל דוּ לֶערְנְסְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב): 'פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ', דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים"; דָאס זָאג אִיךְ אוֹיךְ פַאר אַלֶע פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים: "אַז אִיר

וֶועט לֶערְנֶען מוֹהֲרָא"שְׂ'ס סְפָרִים וֶועט אִיר אַלֶע הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט דֶעם צַדִּיק".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט גֵיין צוּ דַיין חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ שֵׁם טוֹב לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת.

# תקיג

**וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען דִי קִינְדֶער זָאלְן מַסְכִּים זַיין צוּ בִּילִיגֶע שִׂמְחוֹת?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר גֵייעֶן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם בַּר מִצְוָה מַאכְן בְּקָרוֹב, אוּן מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ מַאכְן בְּלוֹיז אַ קִידּוּשׁ שַׁבָּת אִין שׁוּל, אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז שְׁטֶענְדִיג מְעוֹרֵר אַז עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי אוֹיסְצוּוַוארְפְן אַזוֹיפִיל גֶעלְט אוֹיף דִי עֶטְלִיכֶע שָׁעָה פוּן דִי שִׂמְחָה, וּבִפְרַט אַז מֶען הָאט נִישְׁט פוּן וואוּ דָאס צוּ בַּאצָאלְן.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז מַיין זוּן, דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר, אִיז זֵייעֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן דֶערְפוּן. וויפִיל מִיר הָאבְּן פְּרוּבִּירְט אִים מַסְבִּיר צוּ זַיין דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ מַאכְן אַ בִּילִיגֶע שִׂמְחָה אוּן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין חוֹבוֹת - וויל עֶר דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אוֹיךְ הָאט עֶר מוֹרָא פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים וָואס לַאכְן פוּן אִים אַז עֶר גֵייט נִישְׁט הָאבְּן אַ נָארְמַאלֶע בַּר מִצְוָה אִין אַ זַאל אַזוֹי וִוי יֶעדֶער אֵיינֶער.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיט חִיזוּק אוֹיף דֶעם עִנְיָן, וֶועט דָאס אִים גֶעבְּן דִי כּוֹחוֹת עֶס יָא צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַלֶעם** וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי חִינוּךְ וָואס מֶען גֶעבְּט פַּאר דִי קִינְדֶער; קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְט, אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען 'דַארְף' הָאבְּן קוֹיפְּט מֶען אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען 'ווִיל' הָאבְּן - וַוייל יֶענֶער הָאט דָאס - קוֹיפְט מֶען נִישְׁט, אַזוֹי אוֹיךְ קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף מִיט אַן אֱמֶתְ'עֶ לֶעבְּן; וָואס מֶען לֶעבְּט פַּאר זִיךְ, מֶען לֶעבְּט נִישְׁט וַוייל יֶענֶער לֶעבְּט - דֶעמָאלְט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פְּרַאוֶוען זֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, ווִי אַ בַּר מִצְוָה, חֲתוּנָה וְכַדוֹמֶה, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט בֶּעטְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן צוּ מַאכְן טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת וַוייל 'יֶענֶער' מַאכְט אַזוֹי אוּן אַזוֹי, נָאר זֵיי וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי שִׂמְחָה אַלֵיינְס אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן נִישְׁט וְכוּ'.

**גֶעלוֹיבְּט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בַּיי אוּנְז אִינֶעם מוֹסָד אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אִיז מֶען מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער צוּ לֶעבְּן פַּאר זִיךְ אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם; מֶען לֵייגְט אַ שְׁטַארְקֶע

דָגוּשׁ אוֹיף דֶעם - בְּעִיקָר בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ - אַז נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען 'ווִיל' בַּאקוּמְט מֶען. מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס דֶער חִילּוּק פוּן אַ זַאךְ וָואס מֶען 'דַארְף' אוּן אַ זַאךְ וָואס מֶען 'ווִיל'.

**אִיךְ** כַּאפּ אָן אַ דֻגְמָא. וֶוען עֶס קוּמְט אָנְהוֹיבּ יָאר, דִי צַייט וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן פַּארְ'ן קוּמֶענְדִיגְן שׁוּלֶע יָאר, אוֹיבּ קֶען מֶען נָאךְ נוּצְן דִי טַאשׁ (בְּרִיפְקֶעס) פוּן פַאְרְיָאר - 'דַארְף' מֶען נִישְׁט קוֹיפְן אַ נֵייעֶ; עֶס קֶען זַיין צוּמָאל אַז מֶען 'ווִיל' אַ נֵייעֶ, ווַייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ 'ווִיל' נֵייעֶ אוּן שֵׁיינֶע זַאכְן וְכוּ', אָבֶּער מֶען אִיז מַסְבִּיר אִין שׁוּלֶע פַּאר דִי קִינְדֶער אַז אַ נֵייעֶ טַאשׁ קָאסְט פַּאר דִי עֶלְטֶערְן גֶעלְט. מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי אַז זַאכְן קָאסְטְן גֶעלְט אוּן מֶען קֶען נִישְׁט מוּטְשֶׁען דִי טַאטֶע מַאמֶע אוּן בְּלָאזְן, סְטְרַאשֶׁעןְדִיג אַז מֶען גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּלֶע בִּיז מֶען בַּאקוּמְט אַ נֵייעֶ; אֲפִילוּ עֶס רֶעדְט זִיךְ דָא פוּן קְלֵיין גֶעלְט, אָבֶּער אַז מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער אוֹיף דֶעם וֶועלְן זֵיי דָאס פַארְשְׁטֵיין וֶוען עֶס קוּמְט זֵייעֶר צַייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן אָדֶער בַּר מִצְוָה הָאבְּן אוּן זֵיי וֶועלְן גֵיין צוּ דִי שִׂמְחָה פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

**דֶערִיבֶּער** אַז דוּ דַארְפְסְט אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער בִּילִיגֶע שִׂמְחוֹת וְכַדוֹמֶה, זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אַסַאךְ דִיבּוּרִים פוּן אֱמוּנָה. בַּיי דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל זֵיי דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב), ווִי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה

פְלֶעגְט זָאגְן פַאר אַלֶעמֶען: "עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", וָואס דֶער גִיבּוֹר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן בַּעַל תְּפִלָּה: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם קֶענִיג אַז פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ חוּץ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין תַּאֲוַת מָמוֹן", אוּן וָואס דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעזָאגְט: "נָאכְאַלְץ ווִילְט אִיר גֶעלְט? פוּן גֶעלְט זָאלְט אִיר מִיט מִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן".

**אַז** דוּ וואוֹינְסְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְסְטוּ פָארְן קַיין יַבְנְאֵל מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֶען דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעבּוֹיט, זָאלְסְט גֶעבְּן אַ קוּק וָואס שְׁטֵייט בַּיים אַרַיינְגַאנְג צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְ'ן טִיר פוּנֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דִי וֶוערְטֶער: "הַבַּעַל תְּפִלָּה אָמַר: עֲדַיִן אַתֶּם רוֹצִים מָמוֹן? מִמָּמוֹן לֹא תְדַבְּרוּ כְּלָל", אִין אִידִישׁ: "דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעזָאגְט: נָאכְאַלְץ ווִילְט אִיר גֶעלְט? פוּן גֶעלְט זָאלְט אִיר מִיט מִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן".

**יֶעדֶעס** מָאל וֶוען אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ זַיין אִין יַבְנְאֵל גֵיי אִיךְ נָאכְאַמָאל צוּם גְרוֹיסְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ נָאר צוּ זֶען דֶעם טָאוְול; דָאס בְּרֶענְגְט יֶעדֶעס מָאל אַרַיין אִין מִיר אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת, זֶעעֶנְדִיג וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִוי שְׁטַארְק מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אָן קַיין חָכְמוֹת אוּן אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ.

**לֵיין** אִיבֶּער דֶעם בְּרִיוו נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

# תקיד

**וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין רֹאשׁ הַכּוֹלֵל אִיז זֵייעֶר נֶערְוֶועז?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֶערְן אִין אַ כּוֹלֵל, אָבֶער דֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל אִיז אַלֶעמָאל אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי אִינְגֶעלַייט, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מַמָשׁ פוּן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת. הָאט אִיר אֶפְשָׁר אַן עֵצָה פַאר מִיר וָואס אִיךְ קֶען טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן גֵיין אִין כּוֹלֵל אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט; אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט דַארְף גֵיין אַרְבֶּעטְן אוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי כְּתוּבָּה: "וַאֲנָא אֶפְלַח וְאוֹקִיר וְאֵיזוּן וַאֲפַרְנֵס יָתִיכִי כְּהִלְכוֹת גּוּבְרִין יְהוּדָאִין, דְּפָלְחִין וּמוֹקְרִין וְזָנִין וּמְפַרְנְסִין לִנְשֵׁיהוֹן בְּקוּשְׁטָא", אִיךְ וֶועל דִיר שְׁפַּייזְן אַזוֹי וִוי אַ אִיד דַארְף שְׁפַּייזְן זַיין וַוייבּ מִיט אַן אֱמֶת; דָאס אִיז דֶער דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, אַז דֶער מַאן זָאל בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אוּן דִי וַוייבּ זָאל אוֹיפְצִיעֶן דִי

קִינְדֶער, טוּן דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט, מְסַדֵר זַיין דִי שְׁטוּב, קָאכְן פַּאר דִי מַאן אוּן קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

׳כּוֹלֵל׳ אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם, כּוֹלֵל אִיז נָאר גֶעמַאכְט פַּאר אִינְגֶעלַייט וָואס נַפְשָׁם חָשְׁקָה בַּתּוֹרָה, זֵיי לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה אוּן זֶענֶען נִישְׁט מְבַטֵל קַיין אֵיין רֶגַע. דֶעמָאלְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז דִי וַוייבּ אִיז גְרֵייט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אַז אִיר מַאן זָאל זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, אָבֶּער דָאס וָואס אִינְגֶעלַייט זִיצְן אִין כּוֹלֵל אוּן גֵייעֶן לֵיידִיג וְכוּ׳ בְּשָׁעַת דִי וַוייבּ זֵייעֶרֶע דַארְף זִיךְ אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן אַרְבֶּעטְן עֲבוֹדַת הַפֶּרֶךְ, נָאכְדֶעם נֶעמְט עֶר דִי גֶעלְט פַּאר זִיךְ מַעֲשֶׂה פְּרֵייץ אוּן טֵיילְט אִיר אַיין וָואס צוּ טוּן דֶערְמִיט וְכוּ׳ - דָאס אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, דָאס וַוייזְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פוּל מִיט אַכְזָרִיוּת.

יֶעצְט וֶועסְטוּ שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דַיין רֹאשׁ הַכּוֹלֵל אִיז אַזוֹי בְּרוֹגֶז; עֶר דַארְף זוּכְן פוּן וואוּ צוּ שַׁאפְן גֶעלְט צוּ צָאלְן פַּאר דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט וֶוען רֻבּוֹ דְרוּבָּם דְרֵייעֶן זִיךְ לֵיידִיג אוּן בַּטְלְ׳עֶן דִי צַייט. הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן גֵיין לֵיידִיג! אַוַודַאי פַארְשְׁטֵיי אִיךְ דַיין רֹאשׁ הַכּוֹלֵל פַארְוָואס עֶר אִיז בְּרוֹגֶז; עֶר זוּכְט פוּן וואוּ עֶר קֶען אוֹיסְהַאלְטְן דִי אִינְגֶעלַייט, אוּן וֶוען עֶר בֶּעט זִיךְ אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען לַאכְט מֶען אִים אִין פָּנִים וְכוּ׳.

דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן; דוּ הָאסְט צְוֵויי בְּרֵירוֹת, אָדֶער זֶעץ דִיךְ לֶערְנֶען פְלַייסִיג, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר נִישְׁט

זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, נָאר עֶר וֶועט דִיר מְחַזֵק זַיין אוּן הֶעלְפְן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶערְנֶען. אָבֶער אוֹיב דוּ הַאלְטְסְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען - לָאז אָפּ כּוֹלֵל; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיצְן אִין כּוֹלֵל אוּן מְבַטֵל זַיין צַייט, אוּן גוֹרֵם זַיין צַעַר פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין רֹאשׁ הַכּוֹלֵל? עֶנְדֶערְשׁ גֵיי זוּךְ אַ מְלָאכָה קַלָּה וּנְקִיָּה, אַ זוֹיבֶערֶע רֵיינֶע אַרְבֶּעט, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַבִּיסְל אִיבְּרִיגֶע צַייט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען פַאר דִיר אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת אוּן אַבִּיסְל גְמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תקטו

### וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין שְׁוֶוער בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ סְמַארְטְפָאוֹן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, אִיךְ בִּין הַיינְט בָּרוּךְ הַשֵׁם אִינְגַאנְצְן אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אִיךְ גֵיי יֶעצְט עֶנְדִיגְן תַּנַ"ךְ צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין מַיין לֶעבְּן, אוּן אִין דִי אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים בִּין אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵׁם אוֹיךְ זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן וֶועגְן מַיין שְׁוֶוער. עֶר קוּמְט צוּ מִיר אַהֵיים אוּן עֶר וַוייזְט פַאר דִי קִינְדֶער קְלִיפְּס אוֹיף זַיין אֵייפָאוֹן. אִיךְ פְּרוּבִּיר אִים צוּ זָאגְן אַז בַּיי אוּנְז קוּקְט מֶען נִישְׁט דִי זַאכְן,

אָבֶער עֶר זָאגְט אַז אַבִּיסְל מֶעג מֶען יָא, אוּן אַז מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וָואס מֶען מֶעג זֶען אוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט זֶען.

עֶר אִיז אַ בִּיזְנֶעס מַאן, עֶר פָּארְט אַסַאךְ אִיבֶּער דִי וֶועלְט, אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט אַלְץ אַ וֶועג ווִי אַזוֹי אָנְצוּקוּמֶען צוּ אִים, דֶערִיבֶּער זָאגְט עֶר אוּנְז אַלְץ אַז מִיר זָאלְן אַרַיינְנֶעמֶען דִי כֵּלִים אִינְדֶערְהֵיים כְּדֵי צוּ קֶענֶען אָנְהַאלְטְן אַ קֶשֶׁר מִיט אִים.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר אַ שְׁאֵלָה וָואס צוּ טוּן וֶוען עֶר אִיז בַּיי אוּנְז אוֹיף שַׁבָּת, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט אוֹיב מִיר קֶענֶען יוֹצֵא זַיין קִידוּשׁ פוּן אִים, צִי מֶען מֶעג טְרִינְקֶען פוּן זַיין וַויין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער לְגַבֵּי אַנְדֶערֶע הֲלָכוֹת, וָואס אִיז זַיין דִין?

אוֹיךְ מַאכְט זִיךְ אַז עֶר רֶעדְט אַמָאל זַאכְן וָואס מֶען רֶעדְט נִישְׁט אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְּן הַדְרָכָה וָואס צוּ טוּן אוּן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. בִּיז יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט נָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אָבֶער יֶעצְט הוֹיבְּן זֵיי שׁוֹין אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַבִּיסְל, אוּן מִיר מוּזְן ווִיסְן וָואס זֵיי צוּ זָאגְן אוּן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט זֵיי.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

### אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו);

וָוער עֶס נֶעמְט אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס וָוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אִיז זוֹכֶה צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְטַיֵּל זַיין בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוּן צוּ זַיין דָּבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אוֹיף** דַיינֶע פְרַאגֶעס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן עַל רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן וְעַל אַחֲרוֹן אַחֲרוֹן:

**א)** וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג צוּ קֶענֶען זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אוֹיךְ מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן אֲפִילוּ זֵיי פִירְן זִיךְ אַנְדֶערְשׁ וְכוּ'.

**בְּנוֹגֵעַ** דַיין שְׁוָוער וָואס עֶר קוּמְט אִין שְׁטוּבּ אוּן וַוייזְט פַאר דִי קִינְדֶער קְלִיפְּס וְכוּ'; וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע מִצְוָה אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן עֶלְטֶערְן. דֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (פֶּרֶק ה' מֵהִלְכוֹת מַמְרִים, הֲלָכָה טו): "כָּל הַמְבַזֶּה אָבִיו אוֹ אִמּוֹ אֲפִילוּ בִּדְבָרִים וַאֲפִלּוּ בִּרְמִיזָה, הֲרֵי זֶה אָרוּר מִפִּי הַגְּבוּרָה", אוֹיבּ מֶען פַארְשֶׁעמְט עֶלְטֶערְן אֲפִילוּ נָאר מִיט וֶוערְטֶער, אָדֶער אֲפִילוּ נָאר בִּרְמִיזָה - אִיז מֶען שׁוֹין פַארְשָׁאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט עֶלְטֶערְן צוּ רֶעדְן צוּ זֵיי בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד, מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ אוּן הַכְנָעָה.

**ווַאוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ נֶעמְסְט נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם סָארְט כֵּלִי וָואס עֶרְלִיכֶע אִידְן נֶעמֶען נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ אוּן דוּ וִוילְסְט אוֹיפְצוּעֶן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז דֶער

שְׁטֶערְקְסְטֶער חִינוּךְ פַּאר דִי קִינְדֶער אִיז זֵיי וַוייזְן ווִי מֶען שֶׁעצְט דִי עֶלְטֶערְן; קִינְדֶער קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיסְשְׁפִּילְן, קִינְדֶער וַוייסְן אַלֶעס אוּן כַאפְּן אַלֶעס אוֹיף. אֲפִילוּ וֶוען מֶען פִּירְט זִיךְ מֶער אָפְּגֶעהִיטְן ווִי דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ' טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ זֵיי מִיט חוּצְפָּה אוּן זִלְזוּל, מֶען טָאר נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן דִי עֶלְטֶערְן ווִי אַזוֹי זֵיי פִּירְן זִיךְ, נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זֵיי אוּן פַאר אַלֶע אִידְן אַז אַלֶע זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ פִּירְן עַל דֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

**אַז** דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין שְׁוֶוער אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶועסְטוּ וַוייטֶער זַיין שְׁטַארְק מִיט דַיין וֶועג פוּן חִינוּךְ וְכוּ' - וֶועט דַיין שְׁוֶוער אַלֵיינְס הָאבְּן שֵׂכֶל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ דִיר מִיט דֶעם וְכוּ', עֶר וֶועט אַלֵיינְס אוֹיפְהֶערְן וַוייזְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער קְלִיפְּס וְכַדוֹמֶה.

דוּ קֶענְסְט אִים זָאגְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט גֶעמָאסְטֶענֶע וֶוערְטֶער פַאר עֶר קוּמְט צוּ דִיר אִין שְׁטוּב, אַז דוּ בִּיסְט מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן דִי כֵּלִים וְכוּ', אוּן אַזוֹי לֶערְנְט מֶען מִיט זֵיי אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, אוּן אַז זֵיי זֶעעֶן דָאס בַּיי זֵייעֶר זֵיידֶע טוּט עֶס זֵיי צֶעמִישְׁן; אַז דוּ וֶועסְט אִים דָאס זָאגְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, נִישְׁט אוֹיף אַן אוֹפֶן אַז דוּ לֶערְנְסְט אִים וָואס צוּ טוּן, נָאר אַז דָאס צֶעמִישְׁט דִי קִינְדֶער - וֶועט עֶר זִיכֶער מֶער נִישְׁט קוּמֶען צוּ דִיר מִיט דֶעם.

**ב)** אוֹיף דַיין צְווֵייטֶע פְרַאגֶע, אַז עֶר בֶּעט אִיר זָאלְט אַרַיינְנֶעמֶען אִין שְׁטוּב אַ קָאמְפְּיוּטֶער אַז עֶר זָאל קֶענֶען

רֶעדְן וְכוּ'; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, הוּנְדֶערְטֶער שְׁטוּבֶּער זֶענֶען שׁוֹין לַיידֶער חָרוּב גֶעוָוארְן פוּן דֶעם וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין שְׁטוּב אַ קָאמְפְּיוּטֶער, טֶעבְּלֶעט, אַייפַּאד, אַייפֶּעד וְכוּ' וְכוּ'. דָאס רַייסְט אַרוֹיס יֶעדֶעם בְּרֶעקְל יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס קִילְט אָפּ דִי אֱמוּנָה, עֶס אִיז גוֹרֵם אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב זָאל צֶעפַאלְן, אוּן צוּם סוֹף פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין זַייעֶר אַ טִיפֶע אָפְּגְרִינְד. דֶערְפַאר אִיז אָסוּר צוּ הָאבְּן אִין שְׁטוּב סַיי וָואס פַאר אַ כְּלִי וָועלְכֶע מֶען קֶען מְחַבֵּר זַיין צוּם אִינְטֶערְנֶעט, אָדֶער וָואס מֶען קֶען זֶען דֶערוֹיף מָאוִוים. דָאס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיט פְּרוּמְקֵייט, דָאס אִיז פָּשׁוּט'ע שֵׂכֶל; אוּן דִי אַלֶע וָואס לַאכְן זִיךְ אוֹיס דֶערְפוּן, זֵיי לַאכְן אָפּ פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס זָאגְן אַז מֶען זָאל דָאס נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּב, דִי מַאכְן לֵצָנוּת פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אוּן זֵיי וֶועלְן בַּאצָאלְן אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז הַשֵּׁם יְרַחֵם.

ג) אוֹיף דַיין דְרִיטֶע פְרַאגֶע; דוּ שְׁרַייבְּסְט נִישְׁט פַארְוָואס מֶען קֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין קִידוּשׁ פוּן אִים וְכוּ'. דוּ קֶענְסְט נוּצְן פַאר קִידוּשׁ מָאסְט וְכַדוֹמֶה לָזֶה וָואס הָאט נִישְׁט דִי אַלֶע שְׁאֵלוֹת, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם מַאכְן אַ פִּירוּד לְבָבוֹת צְוִוישְׁן אִירֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דַיין וַוייבְּ'ס עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער.

# תקטז

## ווִיפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר זִיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דֶעם בְּרִיוו[יז] וָואס אִיר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דִי פְרַאגֶע "ווִיפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר אָנְצוּהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל?" וֶוען מֶען פַאלְט אוּן מֶען פַאלְט אַזוֹיפִיל מָאל שְׁפִּירְט מֶען שׁוֹין אַז עֶס אִיז בֶּאֱמֶת נַארִישׁ צוּ זָאגְן אַז מֶען הוֹיבְּט אָן נָאכְאַמָאל.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען מִיט דֶעם בְּרִיוו, וַוייל דִי זֶעלְבֶּע קַשְׁיָא דְרוּקְט מִיר שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט פוּנֶעם עֶנְטְפֶער, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ מְקַיֵים זַיין דִי עֵצוֹת פוּנֶעם בְּרִיוו, סַיי צוּ זָאגְן תְּהִלִים אוּן סַיי צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער נִישְׁט אַז עֶס זָאל מִיר הֶעלְפְן, אִיךְ פַאל צוּרִיק אַריין אִין עֲבֵירוֹת טָאג טֶעגְלִיךְ; אִיךְ וֵוייס שׁוֹין בֶּאֱמֶת נִישְׁט ווִיפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין.

אִיךְ בִּין אַ חָתָן, אוּן עֶס הוֹיבְּט מִיר אָן אוֹיפְקוּמֶען גֶעפִילְן אַז אֶפְשָׁר גֵייט זִיךְ גָארְנִישְׁט טוֹישְׁן נָאךְ דִי חֲתוּנָה. בִּיז יֶעצְט פְלֶעג אִיךְ זִיךְ טְרֵייסְטְן אַז נָאךְ דִי חֲתוּנָה קוּמְט גוּטֶע צַייטְן אָן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען, אָבֶּער יֶעצְט הוֹיבּ אִיךְ שׁוֹין אָן הָאבְּן סְפֵיקוֹת אִין דֶעם[יח].

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן, מִיר זָאגְן וָואס צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

---

יז. אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב תפח.

יח. מֶער אִיבֶּער דֶעם אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב תקל, תקמג.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ה טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דַאנְק** און לויבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן דַיין שִׁידוּךְ; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְּן - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶע אִיד. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (פְּסָחִים קיב:): "מִצְוָה וְגוּף טָהוֹר, נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְלוֹ בָּנִים", וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה אִיז מֶען רֵיין און מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ רֵיינֶעם מֹחַ.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים; יֶעצְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ נֵייעֶ תְּקוּפָה אִין דַיין לֶעבְּן מִיט דֶעם וָואס דוּ גֵייסְט חֲתוּנָה הָאבְּן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אַ חָתָן דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת טז:): "כֵּיצַד מְרַקְּדִין לִפְנֵי הַכַּלָּה", אַז מְרַקְּדִים אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן טַאנְצְן און שְׁפְּרִינְגֶען, "כֵּיצַד 'מְרַקְּדִין וּמְדַלְּגִין' עַל מַה שֶּׁהָיָה לִפְנֵי הַכַּלָּה, הַיְנוּ לִפְנֵי הַחֲתֻנָּה", דָאס הֵייסְט אַז אַ חָתָן דַארְף אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי חֲתוּנָה, עֶר דַארְף פַארְגֶעסְן זַיין גַאנְצֶע עָבַר און אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנַיי (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקפו).

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט: "וויפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין?" וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אַרַיינְגֵיין אִין דִי קְדוּשָּׁה נֶעמְט נִישְׁט אֵיין מִינוּט, מֶען דַארְף אַסַאךְ וַוארְטְן בִּיז מֶען אִיז

זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ כֹּהֵן גָּדוֹל. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶ׳ענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ טַייטְשְׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא כ:): "כְּבָר צִוָּוה הַכֹּהֵן אָנָּא הַשֵּׁם, וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ בִּירִיחוֹ", זָאגְט עֶר (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, תְּחִלַּת פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח): "שֶׁזְּמַן אָרוֹךְ צָרִיךְ הָאָדָם לִצְעֹק: 'אָנָּא הַשֵּׁם, עָזְרֵנִי שֶׁאֶזְכֶּה לְעָבְדְךָ בֶּאֱמֶת', וְאָז וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ, אֲבָל לֹא בְּיָמִים מוּעָטִים", מֶען דַארְף אַסַאךְ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק.

זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט וָואס דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ אוּן דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן וְכוּ' וְכוּ', וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", אַזוֹי גֵייט עֶס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר שְׁפִּירְט וִוי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, "וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת", אָבֶּער דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען וִויל דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס זֶענֶען נָאר פַארְהַאנֶען.

דָאס אִיז דַיין שֵׁיינְקֵייט אוּן דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ; צוּ זֶען וִוי אַ אִיד וָואס עֶס קָאכְט אִין אִים אַלֶע שְׁמוּץ אוּן נַארִישְׁקֵייטְן, מִיט דֶעם אַלֶעם דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ

און עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּ אִים, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת וְכוּ' וְכוּ'"; דָאס קֶען אֲפִילוּ אַ מַלְאָךְ נִישְׁט בַּאוַוייזְן.

**זָאלְסְט** גֵיין צוּ דַיין חֲתוּנָה מִיט גְרוֹיס פְּרֵייד און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

## תקיז

### זָאל אִיךְ מִיטְנֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער אוֹיף אוּמַאן טְרָאץ דִי נִסְיוֹנוֹת פוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם אוֹיפְ'ן וֶועג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ אַייךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף אַייעֶרֶע הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַ רִיזִיגֶע טוּישׁ אִין מַיין לֶעבְּן, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יְשַׁלֵּם שְׂכָרְכֶם בְּכִפְלֵי כִּפְלַיִם.

אִיךְ פָּאר שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן אוֹיף אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִיטְגֶענוּמֶען מַיינֶע קִינְדֶער. אִיךְ הֶער אָבֶּער בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז עֶס אִיז יָא ווִיכְטִיג מִיטְצוּנֶעמֶען דִי קִינְדֶער אַהִין. מַיין שְׁאֵלָה אִיז, אַזוֹי ווִי מַיין שְׁטוּבּ וֶוערְט גֶעפִירְט אוֹיף אַ פְרוּמֶען אוֹפֶן, הֵן בְּנוֹגֵעַ זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן אַלֶע סָארְט מָאדֶערְנְקֵייטְן וָואס כַּאפְּט זִיךְ אַרַיין, סְמַארְטְפָאוֹן און ווִידִיאוֹ אִיז טְרֵיף פָּסוּל בַּיי מִיר און שְׁטוּבּ, אוֹיךְ אִין דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וואוּ אִיךְ דַאוֶוען, און אִין דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה וואוּ אִיךְ שִׁיק מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען רֻבָּם כְּכוּלָם פוּן אַזֶעלְכֶע שְׁטוּבֶּער.

יֶעצְט וֶוען אִיךְ נֶעם מִיט מַיין זוּן פוּן עֶלְף יָאר קַיין אוּמַאן, אִיז תֵּיכֶּף בַּיים אָנְקוּמֶען צוּם עֶירְפָּארְט וֶועט עֶר זֶען אַז מֶער פוּן רוֹב פוּן דִי אִידְן וָואס וַוארְטְן אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִין הַאנְט, אוּן בִּשְׁעַתְ'ן זִיצְן אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער וֶועט עֶר זֶען וִוי אִידְן קוּקְן וִוידִיאָס, אוּן בִּכְלַל דִי הַנְהָגָה אוּן דִי דִיבּוּרִים אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער פוּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן קֶען זַיין מִיט לַייכְטְזִינִיגְקַייט, אִיז וִוי אַזוֹי וֶועט עֶר אוֹיפְנֶעמֶען אַזַא זַאךְ, אַז יֶעצְט בִּשְׁעַתְ'ן טוּן דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אִיז שַׁיָּיךְ, צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - זֶעט עֶר גָאר אַז אַזוֹיפִיל אִידְן וָואס פָארְן אוֹיךְ קַיין אוּמַאן, טוּעֶן אַזֶעלְכֶע סָארְט זַאכְן וָואס עֶר זֶעט נִישְׁט זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן?

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז מֶען דַארְף דַן זַיין דִי אִידְן לְכַף זְכוּת, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז אַ דָאקְטֶער וָואס הֵיילְט אוֹיס סֵיי מִיךְ אוּן סֵיי זֵיי, אָבֶּער אַ קִינְד וָואס דַארְף בִּכְלַל חִיזּוּק אַוֶועקְצוּשְׁטֵיין פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסְיוֹנוֹת הַדּוֹר, קֶען פוּן דֶעם קוּמֶען צוּ אַ מַסְקָנָא אַז מֶען קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד צוּזַאמֶען מִיט דִי אַלֶע טְרֵיפָה'נֶע זַאכְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַוֶועקְגֶעבְּן פוּן אַייעֶר טֵייעֶרֶע צַייט

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וֵוייל** אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט מְחַנֵּךְ דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן שְׁלֶעכְטְס; אַז מֶען אִיז מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער מִיט לִיבְּשַׁאפְט וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כט, יז): "יַסֵּר בִּנְךָ וִינִיחֶךָ, וְיִתֵּן מַעֲדַנִּים

לְנַפְשֶׁךָ", אַז מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער אוֹיפְ'ן גוּטְן וֶועג וֶועלְן זֵיי נָאר בְּרֶענְגֶען נַחַת.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֵיי מְחַנֵךְ זַיין אַז זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי דַארְפְן זָאלְן זֵיי אִים בֶּעטְן; קִינְדֶער הָאבְּן אַ רֵיינְקֵייט אִין זִיךְ, בַּיי זֵיי אִיז דִי אֱמוּנָה קְלָאר אוּן לוֹיטֶער, דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֵיי מְחַנֵךְ זַיין זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה; דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט וֶוען מֶען בֶּעט אִים, וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ בְּרֶענְגֶען דַיינֶע קִינְדֶער קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; עֶס אִיז בַּאוְויסְט דִי מַעֲשֶׂה אַז וֶוען רֶבִּי יוּדְל פוּן דַאשׁוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - אֵיינֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן - אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן, הָאט זַיין זוּן אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט מִיט קוּמֶען, אָבֶּער רֶבִּי יוּדְל הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר'ן קִינְד דִי שְׁוֶוערֶע וֶועג וְכוּ', אוֹיךְ הָאט אִים גֶעפֶעלְט גֶעלְט אוֹיף שְׁפֶּעזְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַלֵיינְס אָן זַיין זוּן; וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן שָׁלוֹם גֶעבְּן הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ בִּין אַ וואוּנְדֶער; דֶער טַאטֶע קוּמְט צוּ מִיר - גְלֵייבְּט עֶר דָאךְ אִין מִיר, אוּן דֶער זוּן גְלֵייבְּט אוֹיךְ אִין מִיר, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הַאלְט דֶער טַאטֶע אָפּ דֶעם זוּן פוּן קוּמֶען צוּ מִיר"; עֶס הָאט גֶעבַּאדֶערְט פַאר'ן

רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט נִישְׁט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט זַיין זוּן וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים מִיט דִי קִינְדֶער.

**אַזוֹי** פִירְן זִיךְ אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; מִיר פָאְרן רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט אַלֶע קִינְדֶער פוּן פַאר זֵיי וֶוערְן זִיבְּן יָאר.

מִיר קוּקְן נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן מִיר בְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן אִין יֶעדֶע תְּקוּפָה קוּמֶען אַפִּיר אַנְדֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען דִי נִסָיוֹן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֶסְן גֶעהֶערִיג, אָדֶער דִי בֶּעט אִיז נִישְׁט גֶעהֶערִיג, הָאבְּן מִיר דָאס צֶעבְּרָאכְן אוּן גֶעקוּמֶען אֲפִילוּ אָן עֶסְן אוּן אָן שְׁלָאפְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תד): "יָא עֶסְן - נִישְׁט עֶסְן, יָא שְׁלָאפְן - נִישְׁט שְׁלָאפְן, יָא דַאוֶוענֶען - נִישְׁט דַאוֶוענֶען, דֶער עִיקָר אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; אוּן אַזוֹי קוּמֶען כְּסֵדֶר אָן פְּרִישֶׁע נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**אַז** דוּ ווילְסְט גֶעבְּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ זֵיי מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר אוּן זֵיי מְחַנֵךְ זַיין אוּנְטֶערְוֶועגְנְס זֵיי זָאלְן הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תקיח

**וָואס זָאל אִיךְ טוּן וֶוען אִיךְ זֶע אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים טוּעֶן עֲבֵירוֹת?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מַמָּשׁ כַּמַּיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה.

אִיךְ לֶערְן אִין אַ חֲסִידִ'ישֶׁע יְשִׁיבָה גְּדוֹלָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ פְּרוּבִיר דָאס בֶּעסְטֶע צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן זִיךְ הַאלְטְן בִּקְדוּשָׁה וְכוּ'. אָבֶּער לֵיידֶער זֶענֶען דָא פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים וָואס הֶערְן נִישְׁט אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים אוּן זֵיי פַאלְן דוּרְךְ מִיט הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן, אוּן זֵיי כַאפְּן אוֹיךְ אַרֵיין יוּנְגֶע בָּחוּרִים וְכַדוֹמֶה. ווייל אִיךְ ווִיסְן צִי אִיךְ דַארְף אָדֶער אִיךְ מֶעג בִּכְלַל עֶפֶּעס טוּן וֶועגְן דֶעם, אוּן אוֹיב יָא, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

אִיךְ קוּק אַרוֹיס צוּ בַּאקוּמֶען אַ תְּשׁוּבָה, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בֹּא, ב' שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווַאוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה; מוֹהֲרַ"אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעגֶעבְּן אַ סִימָן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען ווִיסְן מִיט

װעם מֶען קֶען זיך חַבֶרְ'ן, אויב יֶענֶער רֶעדְט אֵיידְל - אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז עֶרְלִיךְ און גוּט און מֶען מֶעג זיך חַבֶרְ'ן מִיט יֶענֶעם, אָבֶער אויב יֶענֶער רֶעדְט נִישְׁט אֵיידְל, אֲפִילוּ עֶר זֶעט אוֹיס פון אִינְדְרוֹיסְן גוּט, עֶר גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט חֲסִידִי'שֶׁע קְלֵיידֶער - זָאל מֶען אַנְטְלוֹיפְן פון יֶענֶעם.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חולין יז:): "רַב בָּדִיק בְּלִישְׁנֵיהּ"; זָאגְן צַדִיקִים אַ רֶמֶז, אַז מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אויף אַ מֶענְטְשׁ לוֹיט זַיין רֶעדְן - װער עֶר אִיז; אויב רֶעדְט עֶר אֵיידְל אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, און אַז נִישְׁט דַארְף מֶען פון אִים אַנְטְלוֹיפְן. אַזוֹי װִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת אות נִיבּוּל פֶּה, סִימָן א): "װער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה אִיז אַ סִימָן אַז זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז אִים פַארְדָארְבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן"; דֶערִיבֶּער פְּרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין שַׁייכוּת מִיט דִי בָּחוּרִים װָאס פִירְן זִיךְ אויף נִישְׁט אֵיידְל.

**אַוַדַאי** זָאלְסְטוּ טוּן צוּ דֶער זַאךְ; זָאלְסְט מוֹדִיעַ זַיין פַאר דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז עֶס זֶענֶען דָא בָּחוּרִים װָאס טוּעֶן מַעֲשֶׂה נְבָלָה צְווִישְׁן זִיךְ רַחֲמָנָא לִצְלָן. װֶעט עֶר אַװֶעקְשִׁיקְן דִי בָּחוּרִים װָאס פַארְכַאפְּן יוּנְגֶע בָּחוּרִים אִין עֲבֵירוֹת, װֶעט דִי יְשִׁיבָה נָאךְ קֶענֶען אָנְגֵיין, אַז נִישְׁט - װֶעט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פון דִי גַאנְצֶע יְשִׁיבָה.

**דָאס** װָאס מֶען זֶעט װִי יְשִׁיבוֹת מַאכְן זִיךְ צוּ און עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, דָאס קוּמְט פון דִי עֲבֵירָה װָאס

בָּחוּרִים טוּעֶן צְווִישְׁן זִיךְ רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפוּנֶען אִין חֲזַ"ל (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח) אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: "פַּעַם אַחַת הָיִיתִי מְהַלֵּךְ בְּתוֹךְ הַגּוֹלָה שֶׁבְּבָבֶל, וְנִכְנַסְתִּי לְעִיר גְּדוֹלָה שֶׁל יִשְׂרָאֵל וְאֵין שָׁם עֲכוּ"ם כְּלָל. וּמָצָאתִי שָׁם מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת אֶחָד, וְיָשְׁבוּ לְפָנָיו מָאתַיִם נְעָרִים שֶׁרוּבָּן בְּנֵי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה שָׁנָה וּבְנֵי עֶשְׂרִים שָׁנָה", אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעגַאנְגֶען אִין אַ שְׁטָאט אִין חוּץ לָאָרֶץ, אִין בָּבֶל, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ תַּלְמִידִים - בְּעֶרֶךְ צְווֵיי הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים אִין דִי יָארְגֶענְג פוּן אַכְצְן בִּיז צְוָואנְצִיג יָאר, "וּלְשָׁנָה הָאַחֶרֶת חָזַרְתִּי לְשָׁם וּמָצָאתִי אֶת הַתַּלְמִידִים וְאֵין רַבָּם בֵּינֵיהֶם אֶלָּא בֵּן אֶחָד בִּלְבָד שֶׁהוּא הָיָה בֶּן בֶּן בְּנוֹ שֶׁבִּשְׁבִיל מַעֲשֵׂיהֶם הַמְקֻלְקָלִים שֶׁל אוֹתָן נְעָרִים מֵת רַבָּן וּמֵתָה אִשְׁתּוֹ וּמֵת בְּנוֹ וּמֵתוּ כָּל הַנְּעָרִים שֶׁרוּבָּן בְּנֵי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה וּבְנֵי עֶשְׂרִים וְלֹא נִשְׁתַּיְּרוּ רַק הַקְּטַנִּים", נָאךְ אַ יָאר בִּין אִיךְ צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאט אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן דֶעם מְלַמֵּד, הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן זַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן אַלֶע תַּלְמִידִים, עֶס זֶענֶען נָאר אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן אַפָּאר יוּנְגֶע תַּלְמִידִים, "וְהָיִיתִי בּוֹכֶה וּמִתְאַנֵּחַ עֲלֵיהֶם", הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ ווֵיינֶען, טְרַאכְטְנְדִיג צוּ מִיר: 'פַארְוָואס אִיז דֶער מְלַמֵּד, זַיין מִשְׁפָּחָה מִיט דִי תַּלְמִידִים - גֶעשְׁטָארְבְּן?' "עַד שֶׁבָּא אֵלַי מַלְאָךְ מִן הַשָּׁמַיִם וְאָמַר לִי מִפְּנֵי מָה אַתָּה בּוֹכֶה וּמִתְאַנֵּחַ, אָמַרְתִּי לוֹ וְכִי לֹא אֶבְכֶּה וְאֶתְאַנַּח עַל אֵלּוּ שֶׁבָּאוּ לִידֵי מִקְרָא וּמִשְׁנָה

וְעַכְשָׁיו הָלְכוּ לָהֶם וְהָיוּ כְּלֹא הָיוּ", בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן מִיךְ גֶעפְרֶעגְט: אֵלִיָּהוּ, פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ? הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: צִי דֶען זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען, אַז דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן...? "וְאָמַר לִי לֹא יָפֶה עָשִׂיתָ שֶׁאַתָּה בּוֹכֶה וּמִתְאַבֵּל וּמִתְאַנֵּחַ עֲלֵיהֶם, אָמַרְתִּי לוֹ מִפְּנֵי מָה, וְאָמַר לִי שֶׁהֵן הָיוּ עוֹשִׂין דְּבָרִים מְכֹעָרִים וּדְבָרִים שֶׁאֵינָן רְאוּיִין, וּמְקוּלְקָלִין בְּעַצְמָם, וְהָיוּ מוֹצִיאִין שִׁכְבַת זֶרַע חִנָּם וְהֵן לֹא הָיוּ יוֹדְעִין בְּעַצְמָן שֶׁהַמִּיתָה מַשִּׂיגָתָן", הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: וֵויין נִישְׁט אֵלִיָּהוּ, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים; זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.

**מוֹהֲרָא"שׁ** הָאט מִיר אָנְגֶעזָאגְט אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְוַוארְפְן קַיין בָּחוּר פַאר קַיין שׁוּם זַאךְ, חוּץ אוֹיבּ עֶר אִיז אַ קְרַאנְקֶער בָּחוּר וָואס לוֹיפְט נָאךְ אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים; אַזַא אֵיינֶעם זָאל אִיךְ פַארְשִׁיקְן וִוי פְּרִיעֶר, אַז נִישְׁט וֶועט זִיךְ דִי יְשִׁיבָה נִישְׁט הַאלְטְן.

**מִמֵּילָא** זָאלְסְטוּ זִיכֶער גֵיין צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע פְּרָטִים וָואס דוּ וֵוייסְט.

**נוּץ** אוֹיס רִיכְטִיג דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, וַוייל וָואס מֶען לֶערְנְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אַ גַאנְץ לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב.): "יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָא", דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט פוּנֶעם מֶענְטְשְׁנְ'ס לֶעבְּן זֶענֶען זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת אוּן אִין גְמָרָא כְּסִדְרָן, הוֹיבּ אָן פוּן אָנְהוֹיבּ אוּן וִוי לַאנְג דוּ

בִּיסְט נִישְׁט מְסַיֵּים גַּאנְץ שַׁ"ס זָאלְסְטוּ נִישְׁט אִיבֶּער חַזֶר'ן, נָאר גֵיין וַוייטֶער כְּסִדְרָן. אֱמֶת טַאקֶע, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַ בָּחוּר צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן כָּל זְמַן מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט קַיין עוֹל פַּרְנָסָה, אִיז יֶעצְט אַ צַייט וָואס מֶען קֶען אַסַאךְ אָנְקוּמֶען.

**אַ גוּטְן טָאג.**

## תקיט

**מֶען טְשֶׁעפֶּעט מִיךְ אִין יְשִׁיבָה וֶועגְן בְּרֶסְלֶב, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, דְרַייצְן יָאר אַלְט; אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעלֶערְנְט גְמָרָא מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, שַׁבָּת אוּן עֵירוּבִין, אוּן פִיר מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אִיךְ לֶערְן אִין אַ יְשִׁיבָה, נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶ יְשִׁיבָה, וואוּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט מִיר אוּן מֶען טַעְנָה'ט מִיט מִיר וֶועגְן דֶעם; וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בֹּא, ג' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַשְׁרֶיךָ** וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ נִיצְט אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָאְרְן מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה; דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען שַׁ"ס כְּסִדְרָן אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, שַׁבָּת אוּן עֵירוּבִין. אַזוֹי אוֹיךְ לֶערְנְסְטוּ מִשְׁנַיוֹת אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען פִיר מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**בְּנוֹגֵעַ** דָאס וָואס מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִיר אִין יְשִׁיבָה; אִיךְ וָואלְט דִיר גֶעזָאגְט זָאלְסְט נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר קֵיינֶעם וָואס דוּ טוּסְט, נָאר זָאלְסְט זִיצְן פַאר זִיךְ אוּן לֶערְנֶען, וֶועלְן זֵיי דִיךְ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, מֶען קֶען נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען מִיט אֵיינֶעם וָואס מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן. אַז דוּ וֶועסְט זִיצְן פַאר דִיר אִין דִי פְרֵייעֶ צַייט וֶוען אַלֶע זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן - וֶועסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ גוּטֶע נָאמֶען; דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן הָאבְּן נַחַת פוּן דִיר אוּן דוּ וֶועסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

**זֶע** צוּ מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים אוּן הַאלְט מִיט דִי שִׁיעוּרִים אִין יְשִׁיבָה, וָואס דָאס קוּמְט פַאר אַלֶעם. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, א): "דֶּרֶךְ אֶרֶץ

קָדְמָה לַתּוֹרָה", דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת; בִּפְרַט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֶענִיגְן ווָאלְטְן גֶעווִיסְט ווָאס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוֹיס פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים, ווָאלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ".

**זָאלְסְט** מִיט הַאלְטְן דִי סְדָרִים אִין יְשִׁיבָה, אוּן אִין דִי זַייטִיגֶע צַייטְן וֶוען קֵיינֶער לֶערְנְט נִישְׁט וְכוּ' - זָאלְסְטוּ זִיצְן מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן אַ גְמָרָא אוּן לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה. אוּן וֶוען עֶס קוּמֶען בָּחוּרִים זִיךְ אוּנְטֶערְהַאלְטְן אוֹיף דַיין חֶשְׁבּוֹן זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן נָאר ווַייטֶער לֶערְנֶען; קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם - וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תקכ

**ווִי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ מַיין מַעֲשֵׂר גֶעלְט פַאר הֲפָצָה?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי ווַארֶעמֶע דְרָשׁוֹת אוּן חִיזּוּק, עֶס אִיז מַמָּשׁ מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ גֶעווִיסֶע אִינְוֶועסְטְמֶענְט אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען אַז אַ חֵלֶק פוּן דִי מַעֲשֵׂר וֶועל אִיךְ גֶעבְּן פַאר הֲפָצָה. יֶעצְט אִיז מַיין שְׁאֵלָה וָואס עֶס גֵייט אַרַיין אִין גֶדֶר פוּן הֲפָצָה; נָאר צוּ דְרוּקְן סְפָרִים, אֲשֶׁר בְּנַחַל אוּן קוּנְטְרֵסִים? אָדֶער אוֹיךְ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן נִיגוּנִים, אָדֶער אֶפְשָׁר פַאר דִי טֶעלֶעפָאן לַיין וואוּ מֶען קֶען הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בֹּא, ג' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מֶען** קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וִויסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר, הֲלָכָה ה', אוֹת לו) **אוֹיפְ'ן פָּסוּק** (תְּהִלִּים קיט, קמב): "צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם, וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת", וֶועלְכֶע צְדָקָה בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג? וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי לִימוּדִים פוּנֶעם צַדִּיק וָואס אִיז מְגַלֶּה תּוֹרַת אֱמֶת, עֶר וַוייזְט פַאר אַלֶעמֶען אַז מֶען קֶען נָאךְ צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג.

**דֶערִיבֶּער** אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה ווִי צוּ גֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי סְפָרִים; בִּפְרַט אִין אוּנְזֶער דוֹר

וָואס מִיר דַארְפְן זַייעֶר ווִיכְטִיג הָאבְּן דִי סְפָרִים, נָאכְדֶעם וָואס מִיר גֶעפוּנֶען זִיךְ אִין אַ וֶועלְט וָואס אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן מֶען קֶען זַייעֶר גְרִינְג אָנְקוּמֶען צוּ עֲבֵירוֹת. עֶס וֶוערְן גֶעדְרוּקְט יֶעדֶע רֶגַע אַזוֹיפִיל עֶקְלְדִיגֶע אוּן אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע מַאגַאזִינֶען וְכוּ' וָואס דוּרְךְ דֶעם וֶוערְן אַוֶועקְגֶערִיסְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר דִי סְפָרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאבְּן אַ כֹּחַ אוּן בְּרֶענְגֶען צוּרִיק אַזוֹיפִיל אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ פוּן דִי וַוייטְסְטֶע פְּלֶעצֶער.

**וואויל** אִיז פַאר דֶעם וָואס גֶעבְּט זַיין צְדָקָה צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים, בִּפְרַט אַז עֶר הֶעלְפְט דְרוּקְן דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן - וָואס עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי תַּמְצִית פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, כְּדֵי עֶס זָאל זַיין גְרִינְג צוּ פַארְשְׁטֵיין פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען שׁוֹין וַוייט פַארְקְרָאכְן - אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערְ'ס פוּן דֶעם.

**פַארְבִּינְד** זִיךְ מִיט 'מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב ווִילְיַאמְסְבּוּרְג' אוּן גֶעב זֵיי אִיבֶּער דַיין נְדָבָה; דָאס וֶועט גֵיין פַאר דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, גִלְיוֹנוֹת אוּן פַאר אַלֶע אוֹפַנִים ווִי אַזוֹי מֶען קֶען נָאר פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**אִין** זְכוּת וָואס דוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְסְט דִי הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים אוֹיף דִי וֶועלְט זָאלְסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תקכא

## יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר מַאכְן לֶערְנֶען תּוֹרָה

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים און חִיזוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט כְּסֵדֶר.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן צוּם צְוֵוייטְן מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, און אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין סֵדֶר בְּרֵאשִׁית שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם; אִיךְ וִויל אַייךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאדַאנְקֶען פַאר דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בֹּא, ג' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען צְוֵויי מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

**מֶען** קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת; מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט: "וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוְויסְט וָואס מִשְׁנַיוֹת טוּט מִיט'ן מֶענְטְשׁ - וָואלְטְן אַלֶע עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דֶעם בְּהַתְמָדָה רַבָּה"; דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (עַיֵּין בְּאֵר הֵיטֵב,

אִינֶעם עֶרְשְׁטְן סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, הִלְכוֹת הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר, סְעִיף קָטָן ו): "וְשִׁיעוּר מִשְׁנַיוֹת קוֹדֶם לְכָל דָּבָר, וְעַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה לִנְשָׁמָה, כִּי 'מִשְׁנָה' אוֹתִיּוֹת 'נְשָׁמָה'", וָוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִיבֶּערְפְרִי זָאל דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר זַיין אִין מִשְׁנַיוֹת, וַוייל דוּרְךְ מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה.

**מִשְׁנַיוֹת** וַואשְׁט אָפּ דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פְלֶעקְן; עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא שְׁטַארְקֶע טָהֳרָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ וִוי לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעטוּישְׁט צוּם גוּטְן, אוּן בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן בַּאקוּמְט מֶען אַ קְלָארְן קָאפּ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): "וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, טְרִינְקְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים"; וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ פָאלְגְסְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, דָאס וֶועט דִיר אָפְּוַואשְׁן פוּן אַלֶע זִינְד אוּן דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

**אַזוֹי** אוֹיךְ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דֶער מְחַבֵּר פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) אַז דֶער גְרָ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי,

דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי און אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ צוּלֵייגְן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא; זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין בְּלַאט גְמָרָא. אוֹיף מֶער אִיז נִישְׁט דָא קַיין שִׁיעוּר, אָבֶער נִישְׁט וֵוינִיגֶער פוּן אַ בְּלַאט. דֶער חִידָ"א בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אִין סֵפֶר שֵׁם הַגְּדוֹלִים (מַעֲרֶכֶת סְפָרִים, אוֹת ת) פוּן הַגָּאוֹן מוה"ר רֶבִּי שֶׁעפְּטְל, אַ זוּן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז לִימוּד גְמָרָא דַארְף זַיין אַ חִיּוּב פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי לֵייגְן תְּפִילִין.

**אֲפִילוּ** דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - דָאךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען דַארְף נָאר לֶערְנֶען - זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, 'וּמִמֵּילָא יָבִין' און מֶען וֶועט שׁוֹין סֵיי וִוי פַארְשְׁטֵיין; אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דֶער קָאפּ עֶפְּנְט זִיךְ אוֹיף און בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן הוֹיבְּט מֶען אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין. אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶען בַּיי אַסַאךְ בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תקכב

## ווי אַזוֹי קֶען אַ פְרוֹי אָפְוַואשְׁן דִי נְשָׁמָה פוּן שְׁמוּצִיגֶע פְלֶעקְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת, אֲפִילוּ עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, בְּלַייבְּט נָאךְ אִיבֶּער שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אִין אִים פוּן דִי עֲבֵירוֹת, אַזוֹי ווִי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט אוֹיף רֵייכֶערְן בְּלַייבְּט נָאךְ אִיבֶּער דִי סִימָנִים אוֹיף זַיינֶע לוּנְגֶען. אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דָארְט גֶעזָאגְט אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ רֵיינִיגְן דִי נְשָׁמָה אִינְגַאנְצְן אִיז נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אִיז מַיין שְׁאֵלָה, וָואס קֶען אַ פְרוֹי טוּן אָפְּצוּוַואשְׁן דִי פְלֶעקְן פוּן אִיר נְשָׁמָה? אַ פְרוֹי לֶערְנְט דָאךְ נִישְׁט קַיין תּוֹרָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן תְּשׁוּבָה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): "רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר: גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה - שֶׁבִּשְׁבִיל יָחִיד שֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה מוֹחֲלִין לְכָל הָעוֹלָם כּוּלוֹ", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה אִיז מֶען מוֹחֵל פַאר אִים אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.**

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף ... וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן; אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער נִישְׁט טוּן. אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעטוּן פוּן מַיין אֵייגֶענֶע ווילְן, נָאר אִיךְ הָאבּ אַזַא גְרוֹיסֶע יֵצֶר הָרָע וָואס בְּרֶענְט אִין מִיר אוּן וַוארְפְט מִיךְ אַרָאפּ אִין עֶקְלְדִיגֶע מַעֲשִׂים. טַאטֶע זִיסֶער, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת; הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט טוּן קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים" - אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוּן מֶען אִיז מוֹחֵל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

אַזוֹי זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיר זָאלְט אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אַייךְ.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; אַז עֶס רֶעדְט זִיךְ בֶּעסֶער אִין אִידִישׁ זָאל מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישׁ, אַז עֶס רֶעדְט זִיךְ בֶּעסֶער אִין עֶנְגְלִישׁ זָאל מֶען רֶעדְן אִין עֶנְגְלִישׁ - יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, דוּרְכְדֶעם אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס.

ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט בַּיי אִים שְׁטֶערְקֶער זַיין אֱמוּנָה, אוּן אֵיינְמָאל מֶען הָאט אֱמוּנָה אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג):

"עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲוֹונוֹתֶיךָ", אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

**בַּיי** פְרוֹיעֶן אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ לִימּוּד הַתּוֹרָה, וַוייל אַ פְרוֹי אִיז פָּטוּר פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, וָואס אִיז יָא שַׁיָיךְ בַּיי פְרוֹיעֶן? אוֹיפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. אַזוֹי וְוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פְרֶעגְן (בְּרָכוֹת יז.): "נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָין", דִי פְרוֹיעֶן לֶערְנֶען דָאךְ נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, אוֹיף וָואס גֵייעֶן זֵיי בַּאקוּמֶען שְׂכַר? עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "בְּאַקְרוּיֵי בְּנַיְיהוּ לְבֵי כְּנִישְׁתָּא, וּבְאַתְנוּיֵי גַבְרַיְיהוּ בֵּי רַבָּנָן, וְנָטְרָין לְגַבְרַיְיהוּ עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנָן", מִיט דֶעם וָואס זֵיי טְרָאגְן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר, אוּן מִיט דֶעם וָואס זֵיי וַוארְטְן אָפּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוֹיף דֶעם וֶועלְן זֵיי בַּאקוּמֶען שְׂכַר; אַ פְרוֹי וָואס צִיט אוֹיף אִירֶע קִינְדֶער לַתּוֹרָה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים אִיז דָאס אַזוֹי וְוי זִי אַלֵיינְס לֶערְנְט אוּן דָאס אִיז אִיר זְכוּת.

**דֶערְפַאר,** אַז אִיר ווילְט פַארְרֶעכְטְן אַייעֶרֶע מַעֲשִׂים, זָאלְט אִיר מְחַנֵּךְ זַיין אַייעֶרֶע קִינְדֶער לְתוֹרָה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

# תקכג

## מֶעג מֶען לֵיינֶען גוֹי'אִישֶׁע בִּיכֶער אִיבֶּער שָׁלוֹם בַּיִת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי וָואס הֶערְט אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶה דֶערְמִיט, עֶס הָאט מִיר שׁוֹין גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ אִין לֶעבְּן.

מִיט עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ גֶעוִויסֶע בּוּךְ פוּן אַ גוֹי'טֶע אִיבֶּער שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער בּוּךְ אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְגֶעכַאפְּט אִין דִי אַלְגֶעמֵיינֶע וֶועלְט, אָבֶּער אוֹיךְ אַסַאךְ הֵיימִישֶׁע פְרוֹיעֶן פוּן דָא אִין נְיוּ יָארְק זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר בַּאגֵייסְטֶערְט פוּן דִי הַדְרָכָה פוּן דֶעם בּוּךְ.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט לֵיינֶען דֶעם בּוּךְ, טְרַאכְטְנְדִיג: 'פַארְוָואס זָאל אִיךְ זִיךְ לֶערְנֶען פוּן אַ גוֹי וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ - אַ מִקְדָּשׁ מְעַט?' אָבֶּער מַיינֶע חַבֶרְ'טֶעס רֶעדְן מִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ דָאס צוּ קוֹיפְן אוּן לֵיינֶען, זֵיי טַעְנָה'ן אַז "חָכְמָה בַגּוֹיִם תַּאֲמִין". אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דָאס מֵיינְט טַאקֶע דָאס, אוּן אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה אוֹיבּ עֶס אִיז כְּדַאי צוּ נֶעמֶען הַשְׁקָפָה פוּן גוֹיִם אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט קֶעגְן דִי תּוֹרָה.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אַזוֹיפִיל הֵיימִישֶׁע עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן וָואס ווִילְן בּוֹיעֶן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, ווֶערְן אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעצוֹיגְן צוּ הֶערְן וָואס אַ גוֹי הָאט צוּ זָאגְן, וִוי אַזוֹי צוּ בּוֹיעֶן אַ שְׁטוּבּ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ, פוּן אַ פְרוֹי וָואס ווִיל בּוֹיעֶן אַן עֶרְלִיכֶע תּוֹרָה'דִיגֶע שְׁטוּבּ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֵייעֶר** גוּט טוּט אִיר אַז אִיר לֵיינְט נִישְׁט דֶעם בּוּךְ וָואס אַ גוֹי׳טֶע הָאט גֶעשְׁרִיבְּן; וָואס זָאלְן מִיר טוּן אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין גָלוּת, מֶען לֶעבְּט שׁוֹין אַזוֹיפִיל יָאר צְוִוישְׁן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם וָואס דוּרְכְדֶעם כַּאפְּט זִיךְ אַרַיין אִין אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער גוֹי׳אִישֶׁע דֵעוֹת.

**עֶם** זֶענֶען דָא זֵייעֶר שֵׁיינֶע סְפָרִים אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן; עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ לֵיינֶען בִּיכֶער וָואס גוֹיִם שְׁרַייבְּן. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעשְׁרִיבְּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע סְפָרִים אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת וָואס אִיז שׁוֹין דָא הַיינְט אוֹיף אַפָּאר שְׁפְּרַאכְן. אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ אִיז דָא: "אוֹצַר שָׁלוֹם בַּיִת", אִין אִידִישׁ אִיז דָא עֶטְלִיכֶע שֵׁיינֶע סְפָרִים: "מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ"; "מְכַבֵּד זַיין דֶעם מַאן"; "שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ"; "זִיךְ גֶטְ׳ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה"; אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא אִין עֶנְגְלִישׁ עֶטְלִיכֶע סְפָרִים. דָאס זָאלְט אִיר לֵיינֶען, וֶועט אִיר וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ בּוֹיעֶן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ.

**אִיךְ** בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט אַייעֶר עֶרְלִיכֶע וֶועג אוּן אִיר זָאלְט נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם בּוּךְ וָואס קוּמְט פוּן גוֹיִם, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט פוּן אִידִישֶׁ׳ע שְׁרַייבֶּערְס - אָן קַיין הַסְכָּמָה פוּן אַן עֶרְלִיכְן רָב.

פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי ווֶען עֶס קוּמְט אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען ווֶעט אִיר נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ נָאר אַ זַאךְ ווָאס הָאט אַ גוּטֶע הֶכְשֵׁר, נָאךְ אַסַאךְ מֶער דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְן בַּיים לֵיינֶען, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט ווֶערְן פַארְכַאפְּט מִיט שְׁלֶעכְטֶע דֵעוֹת.

**בְּזִיט** אַייעֶר שְׁטוּבּ אוֹיף דִי ווֶעג פוּן דִי תּוֹרָה - נִישְׁט אוֹיף חַבֶר'טֶעס; ווֶען אִיר זֶעט בַּיי אַ חַבֶר'טֶע אַ מַאגַאזִין ווָאס זֶעט אוֹיס אִידִישׁ - לוֹיפְט דָאס נִישְׁט קוֹיפְן. ווֶען אִיר ווָאלְט גֶעווִיסְט ווֶער דֶער שְׁרַייבֶּער אִיז - ווָאלְט אִיר אִים דָאךְ נִישְׁט אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְט אִיר נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען זַיינֶע גֶעשְׁרִיבֶּענֶע אַרְטִיקְלֶען.

**וֶוען** אִיר הָאט אַפָּאר אִיבְּרִיגֶע מִינוּט נֶעמְט דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים אוּן זָאגְט אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים; שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְ'ס אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכָה זַיין צוּ הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אוּן קֶענֶען מְגַדֵּל זַיין מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ מִיט אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם".

**אִין** דֶעם זְכוּת ווָאס אִיר הַאלְט אַייעֶר שְׁטוּבּ זוֹיבֶּער אוּן רֵיין, ווֶעט אִיר זוֹכָה זַיין צוּ הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע אַייעֶרֶע ווֶעגְן.

# תקכד

## וָואס מֵיינְט דִי וֶוערְטֶער: "אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִּירְט, און אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִּירְן"?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן דוּרְכְבְּרֶעכְן דָאס חֲתוּנָה מַאכְן פַאר בִּילִיג און מַאכְן אַזַא הֶערְלִיכֶע חֲתוּנָה פַאר אַזוֹי בִּילִיג; הַלְוַאי זָאלְן מִיר זִיךְ אוֹיךְ אָפְּלֶערְנֶען און חֲתוּנָה מַאכְן אַזוֹי.

אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעוָואלְט ווִיסְן וָואס אִיז דֶער פְּשַׁט פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס זֶענֶען אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דִי חוּפָּה: "אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִּירְט, און אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִּירְן", וָואס דַארְף דָאס צוּ מֵיינֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**"אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִּירְט און אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִּירְן" אִיז אַ וָוארְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.**

**רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט דֶעם דִיבּוּר און דֶעם סִיפּוּר ווִי אַזוֹי דָאס אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכט) "אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: 'וָואס וֶועט זַיין מִיט אַלֶע דִיבּוּרִים**

וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן וְכוּ'?' וַוייל עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען פוּן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אַז עֶר וֶועט בְּלַייבְּן לֶעבְּן אוּן אוֹיסְפִירְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט בְּחַיָּיו וְכוּ', הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן צוּם עוֹלָם וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט: 'עֶטְס הֶערְטְס וָואס רֶבִּי נָתָן פְרֶעגְט?' - אוּן רוּפְט זִיךְ אָן - 'הָאבּ אִיךְ דֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט? אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִירְן'".

מֶען זֶעט טַאקֶע מַמָּשׁ בְּחוּשׁ וִוי דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס, צוּבִּיסְלֶעךְ גֵייעֶן אַרַיין זַיינֶע הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים אִין דִי וֶועלְט; מֶען רֶעדְט שׁוֹין הַיינְט אִיבֶּערָאל פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן עֶס הוֹיבְּט שׁוֹין צוּבִּיסְלֶעךְ אוֹיךְ אָן אַרַיין צוּ גֵיין אִין דִי וֶועלְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּמּוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); מֶען זֶעט שׁוֹין בַּיי אַלֶע מְקוֹמוֹת אוּן בַּיי אַלֶע חֲסִידוּת'ן וִוי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זָאגְן מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא; דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי וִויל - אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן אַרַיינְגֵיין אִין דִי וֶועלְט דֶער עִנְיָן פוּן חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְג דִי קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט; עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט שׁוֹין מוּזְן אָנְנֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְג. וֶוער עֶס וֶועט נִישְׁט וֶועלְן פַארְלִירְן דִי קִינְדֶער וֶועט זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְג, וֶוען מֶען אִיז נָאךְ רֵיין אוּן עֶרְלִיךְ.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מַאכְן חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט;

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט מִיטְגֶעהַאלְטְן דִי חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, הָאסְטוּ דָאךְ גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס. מֶען מַאכְט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער יוּנְג וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ רֵיין אוּן הֵיילִיג, אִיז דָאס דָאךְ מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "נִצַּחְתִּי וָאֲנַצֵּחַ".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעפָארְן אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, אִינְמִיטְן וֶועג זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעפָארְן אַסַאךְ זֶעלְנֶער פוּן דִי קָאזַאקְן, הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן אִיבֶּער רוּסְלַאנְד אוּן דִי רוּסְן, וָואס עֶס וֶועט זִיךְ טוּן מִיט זֵיי בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אוּן וָואס עֶס וֶועט זַיין מִיט זֵיי פוּן נָאךְ בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ בִּיז תְּחִיַּית הַמֵּתִים. רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי זֶענֶען דֶעמָאלְט מִיטְגֶעפָארְן אִינֶעם וָואגְן, אוֹיךְ אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס אֵיידֶעם ר' יוֹסְקָא דָארְט גֶעוֶוען, עֶר אִיז גֶעזִיצְן נֶעבְּן רֶבִּי'ן, אוֹיסֶער דֶעם זֶענֶען גֶעוֶוען אִינֶעם וָואגְן נָאךְ צְוֵויי מֶענְטְשְׁן - אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - פוּן טֶעפְּלִיק; אַלֶע הָאבְּן גֶעקוּקְט דֶעם רֶבִּי'ן אִין פָּנִים בְּשַׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס עֶס וֶועט זַיין דֶער סֵדֶר פוּן בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ. נָאכְדֶעם הָאט דָאס רֶבִּי נָתָן גֶעוָואלְט אִיבֶּער שְׁמוּעֶסְן מִיט ר' יוֹסְקָא, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט פוּנֶעם גַאנְצְן שְׁמוּעֶס, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְגֵיין דֶעם שְׁמוּעֶס מִיט דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן פוּן טֶעפְּלִיק, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן וָואס מֶען רֶעדְט, דֶעמָאלְט הָאט רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי וִויל אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן פוּן דֶעם גַאנְצְן שְׁמוּעֶס. (דָאס אַלֵיינְס אִיז גָאר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ, וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ אַז עֶס זִיצְן מֶענְטְשְׁן צוּזַאמֶען מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי רֶעדְט אוּן קֵיינֶער הֶערְט גָארְנִישְׁט

נָאר רֶבִּי נָתָן און רֶבִּי נַפְתָּלִי; רֶבִּי נָתָן הָאט אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן מִיט רָאשֵׁי תֵּיבוֹת, און דָאס אִיז דֶער סֵפֶר "מְגִלַּת סְתָרִים").

**אַמָאל** הָאט מֶען שְׁטַארְק צוּגֶעדְרוּקְט רֶבִּי נַפְתָּלִי עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן עֶפֶּעס פוּן סֵפֶר "מְגִלַּת סְתָרִים" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ טָאר גָארְנִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְן - אַזוֹי הָאט מִיר דֶער רֶבִּי אָנְגֶעזָאגְט - אָבֶער אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ אַייךְ זָאגְן, וֶוען דִי וֶועלְט וֶועט אָנְנֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים קֶען מֶען זִיךְ גְרֵייטְן אוֹיף מָשִׁיחַ" (עַיֵּין בְּסֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק סִימָן תרח, וְסִימָן תתלו הֶעָרָה צ).

**יֶעצְט** אַז מֶען זֶעט שׁוֹין וִוי דִי וֶועלְט נֶעמְט אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים מֶער און מֶער, דַארְף מֶען זִיךְ גֵיין גְרֵייטְן אוֹיף מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ שֶׁיָּבֹא בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.

## תקכה

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר נָאכְאַלְץ לִיבּ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים און חִיזוּק, און פַאר אַלֶעס.

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, און לֵיידֶער הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט, וִויל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר נָאכְאַלְץ לִיבּ.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, ח' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶּ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מען קען זיך נישט פארשטעלן ווי גרויס תשובה איז, אזוי ווייט אז די הייליגע חכמים זאגן (תנא דבי אליהו רבא, פרק כב) דער אייבערשטער זאגט: "אפילו הגדיל אדם מאה עבירות זו למעלה מזו, ועשה תשובה, הריני עמו ברחמים ואקבל את תשובתו", אפילו א מענטש האט געזינדיגט און געטון איבער הונדערט עבירות, אויב טוט ער תשובה - האב איך רחמנות אויף אים און איך נעם אן זיין תשובה, "ואפלו עומד אדם ומחרף כלפי מעלה, ויחזור ויעשה תשובה, הקדוש ברוך הוא מוחל לו על כולם", און אפילו א מענטש איז אזוי ווייט אוועקגעפאלן אז ער רעדט קעגן דעם אייבערשטן רחמנא לצלן, אויב טוט ער תשובה איז אים דער אייבערשטער מוחל און האט אים ליב.

אז איר ווילט תשובה טון זאלט איר דערציילן פאר'ן אייבערשטן אלעס וואס איר האט געטון; אזוי ווי דער רמב"ם זאגט (פרק א' מהלכות תשובה, הלכה א'): אויב מען האט עובר געווען אויף איינע פון די מצות פון די תורה, בשוגג אדער במזיד, דארף מען זיך מתודה זיין צום אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין די תורה (במדבר ה, ז): "והתודו את חטאתם אשר עשו"; ווי אזוי איז מען זיך מתודה? זאגט דער רמב"ם, מען זאל זאגן: "אנא השם חטאתי עויתי פשעתי לפניך ועשיתי כך וכך, והרי נחמתי ובושתי במעשי ולעולם

אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה אוּן אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אוּן אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן - דָאס אִיז וִידּוּי, "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה, הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", אוּן וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ צוּ מִתְוַדֶה זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

**אוֹיבּ** אִיר וֶועט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיר וֶועט זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין אוֹיף אַייעֶרֶע זִינְד - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ פַארְגֶעבְּן אוֹיף אַלֶעס אוּן אַייךְ וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן.

## תקכו

**וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין זוּן הָאט נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע סֵדֶר הַיּוֹם?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי, אִיךְ הָאבּ אַ זוּן אִין דִי דְרַייסִיגֶער יָארְן וָואס הָאט זִיךְ לֵיידֶער גֶע'גֶט, אוּן עֶר וואוֹינְט בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן זַיין הִתְנַהֲגוּת אוּן אִיךְ הָאף אַז עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין רִיכְטִיגֶער זִיווּג בְּקָרוֹב, עֶס שְׁטֶערְט מִיר אָבֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז עֶר שְׁטֵייט אוֹיף יֶעדְן טָאג זֵייעֶר שְׁפֶּעט, עֶר הָאט אַ צֶעפָארֶענֶער סֵדֶר, אוּן אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז דָאס וֶועט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק שְׁטֶערְן פַאר

שִׁידּוּכִים, וֶוער וֶועט דֶען וֶועלְן נֶעמֶען אֵיינֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶער סֵדֶר הַיּוֹם?

וָואס קֶען אִיךְ טוּן דָאס צוּ פַארְרֶעכְטְן, אִים צוּ שְׁטֶעלְן נָארְמַאל אוֹיפְ'ן פְּלַאץ?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ח' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**אַז** אִיר ווִילְט הֶעלְפְן אַייעֶר זוּן, זָאלְט אִיר אִים גָארְנִישְׁט זָאגְן; נִישְׁט נָאר אִיר זָאלְט אִים נִישְׁט קְרִיטִיקִירְן, נָאר אִיר זָאלְט פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת צוּ קוּקְן אוֹיף אִים מִיט אַ גוּט אוֹיג. קוּקְט נָאר אוֹיף זַיינֶע גוּטֶע זַאכְן - וֶועט אִיר הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת פוּן אִים.

**עֶס** אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר קִינְדֶער זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן אַז זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הַאלְטְן פוּן זֵיי; אַז אַ קִינְד שְׁפִּירְט ווִי זַיינֶע עֶלְטֶערְן הַאלְטְן נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק פוּן אִים בְּרֶענְגְט דָאס אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן פַארְבֶּעסֶערְן וְכוּ'. דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף קִינְדֶער מִיט אַ גוּט אוֹיג, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן ווִי מֶען טְרָאסְט זֵיי, אוּן אֵיינְמָאל קִינְדֶער שְׁפִּירְן אַז דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן טְרָאסְט אִין זֵיי - וַואקְסְן זֵיי אוֹיף לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת. דֶערְפַאר זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע

אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף זַיינֶע גוּטֶע חֲלָקִים, וֶועט דָאס אִים גֶעבְּן כֹּחַ צוּ וֶועלְן אוּן פְּרוּבִּירְן בֶּעסֶער צוּ וֶוערְן.

בְּנוֹגֵעַ דָאס וָואס עֶר שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט וְכוּ'; אִיר זָאלְט נִישְׁט זַיין בַּאזָארְגְט אוֹיף דֶעם, וַוייל דָאס קוּמְט נִישְׁט פוּן שְׁלֶעכְטִיקֵייט נָאר דָאס קוּמְט פוּן זַיין אֵיינֶער אַלֵיין וְכוּ'. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ טוּן מִיט תַּלְמִידִים שׁוֹין אִיבֶּער פוּפְצְן יָאר; אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי אַסַאךְ תַּלְמִידִים ווי זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ זֵייעֶר מוּטְשֶׁען מִיטְ'ן אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי, גָארְנִישְׁט הָאט זֵיי גֶעקֶענְט מַאכְן אוֹיפְשְׁטֵיין, בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן זֵייעֶר זִיווּג, אוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר שֵׁיין מְסַדֵּר גֶעוֶוען.

אַזוֹי וֶועט זַיין מִיט אַייעֶר זוּן, וֶוען עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין זִיווּג וֶועט עֶר זִיךְ שֵׁיין מְסַדֵּר זַיין, אָבֶּער בִּיז דֶעמָאלְט דַארְפְט אִיר רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים נָאר גֶעבְּן לִיבְשַׁאפְט. דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר פִּירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ, אוּן עֶס זָאל אַייךְ בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֵיין אַז עֶר שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט; קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם, דָאס קוּמְט פוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט - פוּן זַיין אַלֵיין, אוּן אֵיינְמָאל עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין זִיווּג וֶועט עֶר אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ בְּקָרוֹב אַז אַייעֶר זוּן הָאט גֶעטְרָאפְן זַיין שִׁידוּךְ; עֶר וֶועט אַייךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם בְּרֶענְגֶען נָאר נַחַת.

# תקכז

## עֶס אִיז שׁוֹבָבִי"ם, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְרֶעכְטְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר אַ שְׁוֶועְרֶער עָבַר, אִיךְ בִּין לֵיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט גָאר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, אֲפִילוּ אוֹיף אִסוּרֵי כְּרִיתוּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אוּן אַסַאךְ הִילְף הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי בְּלָאטֶע אוּן וֶוערְן אַ רֵיינֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַזוֹי ווִי מֶען הַאלְט יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַאר מִיר צוּ מְתַקֵן זַיין דֶעם שְׁוַוארְצְן עָבַר, אִינְגַאנְצְן אָפְּצוּמֶעקְן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע עֲבֵירוֹת. אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ טוּן אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר שְׁרַייבְּן, אֲפִילוּ צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי, זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, אָדֶער סֵיי וָואס, אוֹיסֶער צוּ פַאסְטְן וָואס אוֹיף דֶעם הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין כֹּחַ; אָבֶּער אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיף זִיכֶער מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אַלֶע זַאכְן, הָאבּ אִיךְ מִיט דֶעם שׁוֹין אַלֶעס פַארְרַאכְטְן אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן מֶער קַיין זֵכֶר פוּן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים פוּן אַמָאל.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, אוּן סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי אַלֶע בְּרִיוו וָואס הֶעלְפְן אַזוֹיפִיל טוֹיזְנְטֶער אִידְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט, יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁוֶועְרִיקֵייטְן.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ח' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וואוּיל** אִיז דִיר אוּן וואוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ שִׂמְחָה דוּ הָאסְט גוֹרֵם גֶעוֶוען אוֹיבְן אִין הִימְל מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים; אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָאגְט (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק לא): "מֵעִיד אֲנִי עָלַי שָׁמַיִם וָאָרֶץ", דִי הִימְל אוּן עֶרְד זֶענֶען מַיינֶע עֵדוּת, "שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹשֵׁב וּמְצַפֶּה לָהֶן לְיִשְׂרָאֵל יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁמְּצַפֶּה הָאָב לִבְנוֹ וְהָאִשָּׁה לְבַעֲלָהּ שֶׁיַּעֲשׂוּ תְּשׁוּבָה", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים, אַסַאךְ מֶער וִוי אַ טַאטֶע וַוארְט צוּ זֶען זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אַסַאךְ מֶער וִוי אַ פְּרוֹי וַוארְט אוֹיף אִיר מַאן; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע תַּעֲנוּג אוּן נַחַת רוּחַ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי וֶוען אַ אִיד טוּט תְּשׁוּבָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ בִּיסְט גְרֵייט צוּ טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אָפְּצוּמֶעקְן דַיינֶע זִינְד, חוּץ אֵיין זַאךְ הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ - צוּ פַאסְטְן; זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תצא): "וֶוער עֶס וֵוייסְט פוּן מִיר - וָואס דַארְף

עֶר פַאסְטְן, און וֶוער עֶס וֵוייסְט נִישְׁט פון מִיר - וָואס הֶעלְפְּט אִים פַאסְטְן"; אַז מֶען וֵוייסְט פון דִי עֵצוֹת פון הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף מֶען נִישְׁט טוּן קַיין שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת צוּ מְתַקֵּן זַיין דִי פְּגָמִים, נָאר מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן מִיט דִי זִיסֶע עֵצָה פון רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דֶערְצֵיילְן אַלֶעס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גֶעוואוּסְט אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן צוּ וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, עֶר וָואלְט נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין הִתְבּוֹדְדוּת; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ בִּיסְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן. זָאלְסְט אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט אָפְּגֶעטוּן און דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, און אִים בֶּעטְן עֶר זָאל דָאס אַלֶעס אָפְּמֶעקְן - וֶועט אַלֶעס וֶוערְן אָפְּגֶעמֶעקְט.

**אַוודַאי** און אַוודַאי זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרִיבֶּערְכַאפְּן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִין אוּמַאן; דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה): וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן און זָאגְן דָארְט דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי - דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] און גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג און אוֹיף דִי בְּרֵייט, אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פון שְׁאוֹל תַּחְתִּית"; דֶערְפַאר אַז דוּ ווילְסְט פַארְרֶעכְטְן וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען זָאלְסְטוּ זִיךְ

אַריבֶּערְכַאפְּן קַיין אוּמַאן וואוּ דוּ זָאלְסְט זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי און זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַלֶעם צוּ פַארְרֶעכְטְן.

**מַאךְ** זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, און אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין. דָאס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע פְלֶעקְן און דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶ נְשָׁמָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (טַעֲמֵי הַמִּצְווֹת, פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, עַמּוּד צב) מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָ"ה.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְּמָרָא; דָאס וֶועט אָפְּמֶעקְן פוּן דִיר אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער: "אַז אִיר נֶעמְט אָן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועל אִיךְ נִישְׁט רֶעכֶענֶען אַייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ וֶועל קוּקְן אוֹיף אַייךְ כְּאִילוּ אִיר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט פַאר מִיר".

**אַז** דוּ וֶועסְט דָאס אַלֶעס מְקַיֵים זַיין קֶענְסְטוּ זַיין זִיכֶער מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז דוּ הָאסְט אַלֶעס פַארְרָאכְטְן.

# תקכח

## וָואס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט מִיט דְרָאגְס?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייֶערע שִׁיעוּרִים, מַיין גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט הַאלְט זִיךְ נָאר אִין אַייעֶר זְכוּת. אִיךְ הֶער אַלֶע שִׁיעוּרִים, אוּן אוֹיךְ מַיינֶע חֲבֵרִים הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן מִיר זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק מִיט דֶעם.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אוֹיף אַייעֶרע שִׁיעוּרִים אַז אִיר רֶעדְט זֵייעֶר שְׁטַארְק קֶעגְן דְרָאגְס. מַיין מַצָב אִיז אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְקוֹיפְט פַאר דֶעם, אִיךְ רַייכֶער מַארִיכְוַואנַא; עֶס אִיז טַאקֶע אֱמֶת אַז דָאס קָאסְט מִיר אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה אִיז מִיר דָאס זֵייעֶר גוּט, אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין סִיבָּה פַארְוָואס אִיךְ זָאל זִיךְ וֶועלְן אָפְּלָאזְן פוּן דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ח' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דַיין בְּרִיוו אִיז אֵיין שְׁטִיק סְתִירָה, קוֹדֶם בַּאדַאנְקְסְטוּ זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי דִיבּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אָבֶער פוּן דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק זֶע אִיךְ נִישְׁט אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי דִיבּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; פוּן דֶעם אַז דוּ לוֹיפְסְט זִיךְ פַארְ'סַמְ'עֶן מִיט דְרָאגְס רַחֲמָנָא לִצְלָן זֶע אִיךְ**

אַז דוּ נֶעמְסְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער פַאר הִתְחַזְקוּת, וַוייל וֶוען דוּ וָואלְסְט טַאקֶע אָנְגֶענוּמֶען דִי הִתְחַזְקוּת פוּן רֶבִּי'ן וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעלָאפְן צוּ דֶעם הַשֵּׁם יְרַחֵם.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער; אַנְטְלוֹיף פוּן דְרָאגְס וָואס אִיז סַם הַמָּוֶת. קוּק וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי טז, כה): "יֵשׁ דֶּרֶךְ יָשָׁר לִפְנֵי אִישׁ, וְאַחֲרִיתָהּ דַּרְכֵי מָוֶת", עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס זֶעט אוֹיס פַאר'ן מֶענְטְשׁ וִוי אַ גְלַייכֶע זַאךְ אָבֶּער דֶער סוֹף פוּן דֶעם אִיז טוֹיט; דָאס אִיז מַמָּשׁ וָואס פַּאסִירְט בַּיים נֶעמֶען דְרָאגְס, עֶס זֶעט אוֹיס אִין אָנְהוֹיבּ וִוי אַ גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ, עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז עֶס מַאכְט פְרֵיילִיךְ אָבֶּער דֶער סוֹף אִיז אַז מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס.

**נָאךְ** זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ - דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם (מִשְׁלֵי כג, לא-לה): "אַל תֵּרֶא יַיִן כִּי יִתְאַדָּם", גֵיי נִישְׁט נָאךְ רוֹיטֶע פֵיינֶע וויין וָואס זֶעט אוֹיס גֶעשְׁמַאק, "כִּי יִתֵּן בַּכּוֹס עֵינוֹ", וַוייל וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן טְרִינְקֶען וויין, "יִתְהַלֵּךְ בְּמֵישָׁרִים", וֶוערְן אַלֶע וֶועגְן גְלַייךְ; אַלֶע עֲבֵירוֹת זֶעעֶן אוֹיס וִוי גְלַייכֶע וֶועגְן. "אַחֲרִיתוֹ כְּנָחָשׁ יִשָּׁךְ", דֶער סוֹף פוּנֶעם שִׁיכּוֹר אִיז וִוי מֶען כַאפְּט אַ בִּיס פוּן אַ שְׁלַאנְג, "וּכְצִפְעֹנִי יַפְרִשׁ", אָדֶער אַ בִּיס פוּן אַ גִיפְטִיגֶע שְׁלַאנְג וָואס שְׁטֶעכְט מִיט גִיפְט, "עֵינֶיךָ יִרְאוּ זָרוֹת", דֶער שִׁיכּוֹר הוֹיבְּט אָן קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן רַחֲמָנָא לִצְלָן, "וְלִבְּךָ יְדַבֵּר תַּהְפֻּכוֹת", אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן פַארְקֶערְטֶע זַאכְן. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דְרָאגְס, מֶען פַארְלִירְט אַלֶע הֶרְגֵּשִׁים אוּן מֶען פַארְלִירְט אִינְגַאנְצְן דֶעם מֹחַ. "וְהָיִיתָ כְּשֹׁכֵב בְּלֶב יָם", דֶער שִׁיכּוֹר, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט דְרָאגְס - שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי אַ מֶענְטְשׁ וָואס

לִיגְט אוֹיפְ'ן וַואסֶער, "וּכְשֹׁכֵב בְּרֹאשׁ חִבֵּל", אוּן אַזוֹי וִוי דֶער וָואס לִיגְט אוֹיפְ'ן שִׁיף וָואס שָׁאקְלְט זִיךְ. אוּן וֶוען דֶער שִׁיכּוֹר נִיכְטֶערְט זִיךְ אוֹיס, זָאגְט עֶר: "הִכּוּנִי בַל חָלִיתִי", מֶען הָאט מִיר טַאקֶע גֶעשְׁלָאגְן אָבֶּער עֶס טוּט נִישְׁט וֵויי, "הֲלָמוּנִי בַּל יָדָעְתִּי", מֶען הָאט מִיר אָנְגֶעקְלַאפְּט אָבֶּער אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט. "מָתַי אָקִיץ אוֹסִיף אֲבַקְשֶׁנּוּ עוֹד", עֶר פְּרֶעגְט: "וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן גֵיין טְרִינְקֶען נָאךְ וַויין?"

**עֶס** אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר מִשְׁלֵי; סֵפֶר מִשְׁלֵי הָאט אִין זִיךְ אֵיין אוּן דְרַייסִיג פְּרָקִים, אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק וֶועסְטוּ עֶס מְסַיֵּים זַיין יֶעדְן חוֹדֶשׁ. נָאכְן לֶערְנֶען סֵפֶר מִשְׁלֵי וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט פְרֶעגְן אַזַא נַארִישֶׁע קַשְׁיָא: 'וָואס אִיז שְׁלֶעכְט מִיט דְרָאגְס?' וַוייל דוּ וֶועסְט זֶען דֶער סוֹף פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ שְׁלֶעכְטֶע גֶעווֹאוֹינְהֵייטְן.

**עֶנְדֶערְשׁ** טְרִינְק זִיךְ אָן מִיט אוּנְגַארִישֶׁע וַויין, דִי יַיִן הַמְּשֻׁמָּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דָאס מַאכְט פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים אַלֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ. אֵיינְמָאל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז טוֹעֵם פוּן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער קֶען מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט אָפְּנַארְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רס): "וֶוער עֶס הָאט גֶעטְרִינְקֶען אוּנְגַארִישֶׁע וֵויין, דֶעם קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט פַארְנַארְן".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר זָאלְסְט בַּאקוּמֶען שֵׂכֶל אוּן אוֹיפְהֶערְן נֶעמֶען סַם.

# תקכט

## מַיין שְׁטִיף טַאטֶע הַרְג'ֶעט מַיין לֶעבְּן מִיטְ'ן סְמַארְטְפָאוֹן

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם נִיגוּן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וואוּ עֶס וֶוערְט גוּט אָרָאפְּגֶעלֵייגְט ווִי אַזוֹי אַ טַאטֶע אִיז פַארְנוּמֶען מִיט זַיין סְמַארְטְפָאוֹן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צֵייט אוּן גֶעדוּלְד אוֹיסְצוּהֶערְן זַיין קִינְד וָואס ווִיל דֶערְצֵיילְן זַאכְן פוּן חֵדֶר.

אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט וֶוען אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶען, וַוייל דָאס אִיז וָואס קוּמְט פָאר בַּיי מִיר אִינֶעדֶערְהֵיים. מַיין מַאמֶע הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט נָאכְאַמָאל, אוּן מַיין שְׁטִיף טַאטֶע הָאט גֶעקוֹיפְט אַ טֵייעֶרֶע סְמַארְטְפָאוֹן פַאר מַיין מַאמֶע, אוּן דָארְט הָאט זִיךְ מַיין לֶעבְּן גֶעעֶנְדִיגְט, עֶס אִיז נִישְׁטָא מֶער וֶוער עֶס זָאל מִיךְ אוֹיסְהֶערְן, אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן.

אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ גֵיי מַמָּשׁ אָרָאפּ פוּן זִין פוּן גְרוֹיס צַעַר, אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מְחַזֵּק זַיין?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, ט' שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת; אֲפִילוּ אִיר גֵייט אַרִיבֶּער זֵייעֶר בִּיטֶערֶע**

יְסוּרים פוּן אַייעֶרע עֶלְטֶערְן וְכוּ׳, אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ אֵיינֶער אַלֵיינְס אוּן אַייעֶר צַעַר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, זָאלְט אִיר אָבֶּער ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אַייךְ אוֹיס; עֶר וַוארְט אַז אִיר זָאלְט רֶעדְן צוּ אִים, אוּן עֶר וֶועט אַייךְ גֶעבְּן אַלֶעס וָואס אִיר בֶּעט אִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּארְרוּפְט זִיךְ מִיטְ׳ן נָאמֶען: "אֲבִי הַיְתוֹמִים", דֶער טַאטֶע פוּן דִי יְתוֹמִים. אוֹיף דֶעם זָאגְן אוּנְז חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים (שְׁמוֹת רַבָּה ל, ח) רֶבִּי יוֹסֵי זָאגְט: פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ יְתוֹמִים אוּן אַלְמָנוֹת? "אֶלָּא שֶׁאֵין עֵינֵיהֶם תְּלוּיוֹת אֶלָּא בּוֹ", וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט צוּ וֶועמֶען זִיךְ צוּ ווֶענְדְן, דֶערְפַאר ווֶענְדְן זֵיי זִיךְ נָאר צוּ אִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים סח, ו): "אֲבִי יְתוֹמִים וְדַיַּן אַלְמָנוֹת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער טַאטֶע פוּן דִי יְתוֹמִים אוּן נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר אַלְמָנוֹת; זֶעט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט.

**בִּפְרַט** קִינְדֶער וָואס זֵייעֶרע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ גֶע׳גֶט לֹא עָלֵינוּ, אָדֶער קִינְדֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען צֶעטֵיילְט וְכוּ׳ וְכוּ׳ אוֹיף זֵיי אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן; אוֹיף זֵיי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק רַחְמָנוּת אוּן הֶערְט צוּ זֵייעֶר וֵויי גֶעשְׁרֵיי.

**דֶעריבֶּער** בֶּעט אִיךְ אַייךְ, נֶעמְט אָן דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזַא שֵׁיינֶע מַתָּנָה וָואס הֵייסְט 'הִתְבּוֹדְדוּת'; אִיר זָאלְט גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ

קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אַייעֶר הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְצֵיילְט אִים אַייעֶר וֶוייטָאג, זָאגְט אִים אַז אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ אֵיינֶער אַלֵיין; אִיר הָאט נִישְׁט קֵיין טַאטֶע אוּן יֶעצְט הָאט אַייעֶר מַאמֶע חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן אַלְס רֶעזוּלְטַאט שְׁפִּירְט אִיר זִיךְ אִיבְּרִיג אִין שְׁטוּבּ וְכוּ'. אַז אִיר וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ וֶועט זִיךְ עֶפֶּענֶען פַּאר אַייךְ אַ נַייעֶ לֶעבְּן; אִיר וֶועט אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן עֶפֶּעס וָואס אִיר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט, אִיר וֶועט אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן.

אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס דִי מַעֲשֶׂה וֶועט אַייךְ שְׁטַארְק צוּנִיץ קוּמֶען אִין אַייעֶר לֶעבְּן. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן וֶוען זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר אַלְט, עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין מַאמֶע, נָאכְדֶעם וָואס זִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן בִּשְׁעַת זִי הָאט אִים גֶעבּוֹירְן. וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִינְף יָאר הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "יִשְׂרָאֵל'יק, אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ, אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם! דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַלֵיין; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר", אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב - זַייעֶנְדִיג אַלְט פִינְף יָאר - הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אֵיינֶער אַלֵיינְס אִין אַ גְרוֹיסֶע וֶועלְט - אָן אַ טַאטֶע אוּן אָן אַ מַאמֶע. עֶר הָאט אָבֶּער שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְט

זַיין טַאטֶע'ס לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער: "יִשְׂרָאֵל'יק, זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם! דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַלֵיין; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר", אַזוֹי אִיז עֶר אוֹיפְגֶעוַואקְסְן, אוּן וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעדַארְפְט הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דָאס** זָאלְט אִיר אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען אַייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, זָאגְט זִיךְ עֶם אַלֵיינְס: "אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר"; וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר פוּן אִים בֶּעטְן, אוּן וָואס עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ זָאלְט אִיר אִים דֶערְצֵיילְן; וֶועט אַייךְ גוּט זַיין אוּן אִיר וֶועט לֶעבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן.

**אִיר** דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַייעֶר מַאמֶע אַז זִי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט; אִיךְ וֵוייס אַז דָאס אִיז אַייךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ, אִיר שְׁפִּירְט וִוי דֶער שְׁטִיף טַאטֶע נֶעמְט אִיר אַוֶועק פוּן אַייךְ וְכוּ'. אִיר דַארְפְט אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז פַאר אַייעֶר מַאמֶע אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין אַלֵיין; קֵיינֶער וִויל נִישְׁט זַיין אַלֵיין, אִיר ווִילְט אוֹיךְ נִישְׁט זַיין אַלֵיין. אִיר וֶועט אוֹיךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם בְּקָרוֹב זִיךְ בּוֹיעֶן אַ הֵיים וֶוען אִיר וֶועט טְרֶעפְן אַייעֶר רִיכְטִיגֶער זִיווּג, זָאלְט אִיר נִישְׁט וֵויי טוּן אַייעֶר מַאמֶע. אִיר זָאלְט שֶׁעצְן אִיר מַאן אוּן אִים מְכַבֵּד זַיין.

**אִין** זְכוּת פוּן כִּיבּוּד אֵם וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַייעֶר זִיווּג בְּקָרוֹב.

# תקל[יט]

**ווי אַזוֹי וֵוייס אִיךְ אוֹיב אִיךְ וֶועל זַיין עֶרְלִיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ חָתָן גֶעוָוארְן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, אוּן אַזוֹי ווִי אִיךְ הֶער פוּן אַייךְ כְּסֵדֶר אַז אַ בָּחוּר פַאלְט אַלְץ אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז נָאר חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, פְרֵיי אִיךְ זִיךְ אַז אִיךְ הַאלְט שׁוֹין דָא בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶע אִיךְ בְּרִיוו פוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי פַאלְן וַוייטֶער אַרָאפּ, אוֹיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה. אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר קְלָאר מַאכְן וָואס דֶער אֱמֶת אִיז? ווִי אַזוֹי אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן אַז מֶען זָאל טַאקֶע מֶער נִישְׁט צוּרִיק פַאלְן אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, י' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ גֵייסְט שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, וַוייל יֶעצְט וֶועסְטוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּטָהֳרָה.**

יט. מֶער אִיבֶּער דֶעם אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב תקטז, תקמג.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַּאר אַ בָּחוּר: "אַז דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן דוּ וֶועסְט מִיר זָאגְן דוּ בִּיסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶועל אִיךְ דִיר גְלֵייבְּן, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אַ בָּחוּר אוּן מִיר זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - וֶועל אִיךְ דִיר נִישְׁט גְלֵייבְּן"; אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה קֶען מֶען זִיךְ גְרִינְגֶער שְׁלָאגְן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק כב מֵהִלְכוֹת אִסּוּרֵי בִּיאָה, הֲלָכָה כא): "וְלֹא יֵשֵׁב בְּלֹא אִשָּׁה, שֶׁמִּנְהָג זֶה גּוֹרֵם לְטָהֳרָה יְתֵרָה", אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה בְּרֶענְגְט דָאס צוּ טָהֳרָה.

**אִיז** יֶעצְט וֶוען דוּ גֵייסְט חֲתוּנָה הָאבְּן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן דַיין זִיווּג, אַזוֹי וֶועסְטוּ שׁוֹין קֶענֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

**דָאס** מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה פַּארְלִירְט מֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, ווַייל דֶער יֵצֶר הָרָע לָאזְט נִישְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גַאנְץ לֶעבְּן. מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּן אִים ווִי מֶען הִיט זִיךְ פוּן פֵייעֶר; יֶעדְן טָאג קוּמְט עֶר מִיט פְּרִישֶׁע נִסְיוֹנוֹת אוּן פְּרִישֶׁע קָאפְּדְרֵייעֶנִישְׁן, אוּן אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן אִיז גָאר בִּיטֶער; אַז מֶען הַאלְט זִיךְ קְלוּגֶער פוּן אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן מֶען הָאט אַ קָאמְפְּיוּטֶער, סְמַארְטְפָאוֹן, טֶעבְּלֶעט וְכַדּוֹמֶה, מִיט אָפֶענֶע אִינְטֶערְנֶעט אִיז נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוֹיךְ זֵייעֶר בִּיטֶער. מֶען רֶעדְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ טוּט אַלֶעס וָואס עֶר קֶען זִיךְ צוּ הִיטְן, אִיז נָאךְ דִי חֲתוּנָה גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרָע.

**דֶער** עִיקָר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אוֹיסְצוּשְׁטֶעלְן דַיין לֶעבְּן מִיט חוּמְרוֹת וּפְּרִישׁוּת, וָואס דָאס אִיז אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע. עֶר רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן וְכוּ׳ אוּן נָאכְדֶעם וַוארְפְט עֶר אִים אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**גֶעדֶענְק** וָואס דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן מִטוּלְטְשִׁין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "בֵּאוּר הַלִקּוּטִים") פְלֶעגְט זָאגְן - וֶוען מֶען פְלֶעגְט אִים בֶּעטְן הַדְרָכוֹת בַּיי עִנְיָנִים שֶׁל בֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ׳: "קִינְדֶערְלֶעךְ, הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת", גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן אִין קַיין שׁוּם הֲלָכָה, אָבֶּער וֶוען מֶען מֶעג, מֶעג מֶען אַלֶעס וְכוּ׳; אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט גֵיין אוּנְטֶער דִי חוּפָּה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, אוּן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

## תקלא

### וָואס קֶען אִיךְ טוּן גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט פִינְף מָאל מִשְׁנָיוֹת, אוּן אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר בְּלַאט גְמָרָא, אַלֶעס אַ דַאנְק דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים.

עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער צֶען יָאר פוּן מַיין חֲתוּנָה אוּן אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועןצוּ קִינְדֶער, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ? זָאל אִיךְ גֵיין צוּ מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס צִיוּן אוֹיף דִי יָארְצַייט מִיט מַיין וַוייבּ? אָדֶער זָאל מַיין וַוייבּ טוּן דִי סְגוּלָה פוּן מִקְוֶה מַלְכָּה אִין יַבְנְאֵל? זִי אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעוֶועןצְוֵויי יָאר צוּרִיק, אָבֶּער דֶערְוַוייל זֶענֶען מִיר נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט; מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִין זַיינֶע הֶענְט לִיגְט דִי שְׁלִיסְל פוּן קִינְדֶער. בֶּעט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.): ״אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן, שְׁלֹשָׁה מַפְתְּחוֹת בְּיָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁלֹּא נִמְסְרוּ בְּיַד שָׁלִיחַ״, דְרֵיי שְׁלִיסְלֶעךְ לִיגְן נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הֶענְט, אֵיינֶע פוּן זֵיי אִיז דִי שְׁלִיסְל פוּן קִינְדֶער, וָואס אִיז נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן פַאר קֵיינֶעם, עֶס לִיגְט נָאר אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הֶענְט; זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף קִינְדֶער.

**אַז** דוּ קֶענְסְט גֵיין קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - זָאלְסְטוּ אַוַדַאי גֵיין אוּן דוּ וֶועסְט דָארְט זֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן; מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָּאָה (צַוָּואַת מוֹהֲרָא"ש, סִימָן ה): "וּכְמוֹ בַּחַיִּים חַיּוּתִי נִתְעוֹרְרוּ עַל יְדֵי אֲנָשִׁים בִּתְשׁוּבָה", אַזוֹי וִוי וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט זֶענֶען דוּרְךְ מִיר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן מֶענְטְשְׁן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "כְּמוֹ כֵּן עַכְשָׁיו לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתִי לְעֵילָא כְּשֶׁיָּבוֹאוּ אֶל קִבְרִי יִתְעוֹרְרוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה", אַזוֹי אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר - וֶועט מֶען אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, "וְיַמְשִׁיכוּ לְעַצְמָם יְשׁוּעוֹת וּפְלָאוֹת בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְאֶהְיֶה לָהֶם לְמֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּשָּׁמַיִם, וְלֹא אָנוּחַ וְלֹא אֶשְׁקוֹט עַד שֶׁיִּהְיֶה לְמִי שֶׁבָּא אֶל קִבְרִי לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמוֹד יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה מִן הַשָּׁמַיִם", אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל פּוֹעֵל'ן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר - אַ יְשׁוּעָה.

**אַזוֹי** אוֹיךְ זָאל דַיין וַוייבּ נָאכְמַאל טוּן דִי סְגוּלָה פוּן מִקְוֶה מַלְכָּה; מוֹהֲרָא"ש הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט טוּן דִי סְגוּלָה פוּן מִקְוֶה מַלְכָּה וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער. אוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "אֲפִילוּ אַ בּוֹים וָואס קֶען נִישְׁט הָאבְּן קִינְדֶער, אוֹיבּ וֶועט מֶען טוּן דִי סְגוּלָה וֶועט מֶען הָאבְּן קִינְדֶער"; אִיךְ הָאבּ תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער פַאר לַאנְגֶע יָארְן, זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין יַבְנְאֵל אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן נַאטִירְלִיךְ מִיט לִיבְּטִיגֶע קִינְדֶער.

**אַזוֹי** אויךְ זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז וֶוען אַ צַדִיק גֶעבְּט אַן הַבְטָחָה אָדֶער אַ בְּרָכָה דַארְף מֶען הָאבְּן סַבְלָנוּת אוֹיסְצוּוַוארְטְן דִי יְשׁוּעָה און נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי אֱמוּנָה. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפוּנֶען אִין דִי מַעֲשֶׂה (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ה׳ פון דֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס אִיז גֶעוֶוען פון אֲבָנִים טוֹבוֹת) דֶער צַדִיק הָאט צוּגֶעזָאגְט פַּאר׳ן קֶענִיג אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ קִינְד וָואס וֶועט זַיין פון אֲבָנִים טוֹבוֹת, לְמַעֲשֶׂה הָאט דֶער קֶענִיג גֶעהַאט אַ קִינְד אָבֶּער מֶען הָאט נִישְׁט גֶעזֶען אַז עֶר אִיז פון אֲבָנִים טוֹבוֹת. שְׁפֶּעטֶער - דֶערְצֵיילְט דֶער רֶבִּי - פְּלֶעגְט דֶער צַדִיק שְׁטֶענְדִיג דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר הָאט דָאךְ צוּגֶעזָאגְט פַּאר׳ן קֶענִיג אַז דֶער זוּן זָאל זַיין פון אֲבָנִים טוֹבוֹת און עֶס אִיז נִישְׁט מְקוּיָם גֶעוָוארְן, עֶר הָאט גֶע׳טַעֲנָה׳ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הָאבּ אִיךְ דָאס דֶען גֶעטוּן פַאר מַיין כָּבוֹד וֶועגְן? אִיךְ הָאבּ דָאס דָאךְ גֶעטוּן נָאר פַאר דַיין כָּבוֹד וֶועגְן, און עֶס אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁט מְקוּיָם גֶעוָוארְן״; זֶעט מֶען, אַז וֶוען דֶער צַדִיק זָאגְט צוּ אַ בְּרָכָה און עֶר גֶעבְּט אַן הַבְטָחָה בֶּעט עֶר וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, און דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אוֹיסְוַוארְטְן אוֹיף דִי סְגוּלָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תקלב

## ווי אַזוֹי הָאט מֶען זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט, נָאךְ דִי בִּיטֶערֶע צְווֵייטֶע וֶועלְט קְרִיג?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעלֵיינְט דֶעם סֵפֶר "גוּר אַרְיֵה יְהוּדָה" אִיבֶּער מַיין זֵיידֶע רֶבִּי יוּדְל רָאזֶענְבֶּערְג עָלָיו הַשָּׁלוֹם, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען ווִי אַזוֹי עֶס הָאט זִיךְ גֶעבּוֹיט דִי סַאטְמַארֶע מוֹסְדוֹת אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן אִין אַמֶערִיקֶע.

ווִיל אִיךְ בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען אַבִּיסְל מֶער מַאֲרִיךְ זַיין וָואס מֶען קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם? אוּן אוֹיךְ, ווִי אַזוֹי הָאט מֶען טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אֶנְצוּפַאנְגֶען פוּן פְרִישׁ נָאךְ אַזַא גְרוֹיסֶע חוּרְבָּן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָן קַיין גֶעלְט אוּן אָן קַיין מֶענְטְשְׁן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי אִידְן פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר וָואס זֶענֶען אַרִיבֶּער דֶעם בִּיטֶערְן קְרִיג. נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אַלֶעס פַארְלוֹירְן, זֵייעֶר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן נָאכְן קְרִיג 'אֶחָד

מֵעִיר, וּשְׁנַיִם מִמִּשְׁפָּחָה' - טְרָאץ דֶעם גְרוֹיסְן חוּרְבָּן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּגֶעזֶען מִיט זֵייעֶרע אֵייגֶענֶע אוֹיגְן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט נָאר צוּרִיק אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אַ נֵייעֶ דוֹר פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מִיר קוּקְן זִיךְ אָן וִוי מִיר וֶוערְן אַזוֹי צֶעפַּאלְן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי מִיר ווִילְן, פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וֶוערְן מִיר מַמָּשׁ אוֹיסֶער זִיךְ אוּן מֶען אִיז מָלֵא טַעֲנוֹת אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וְכוּ', בִּשְׁעַת וָואס דִי אִידְן פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר הָאבְּן גֶעהַאט אוֹיף וָואס צוּ וֵויינֶען אוּן קְרֶעכְצְן, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקְרֶעכְצְט אוּן גֶעוֵויינְט נָאר גֶעטוּן לְמַעֲשֶׂה, אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ נֵייעֶם דוֹר פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִינֶעם סֵפֶר "גוּר אַרְיֵה יְהוּדָה", וואוּ עֶס אִיז בַּאשְׁרִיבְּן אַז וֶוען דַיין זֵיידֶע ר' יוּדְל עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען וִוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַלֶע גֶעפָארְן צוּ דִי לְוָיָ' קַיין קִרְיַת יוֹאֵל, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בְּלַייבּ אִין קֶעמְפּ מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן דִי קִינְדֶער"; דָאס הָאט מִיךְ זֵייעֶר בַּאנוּמֶען, וַוייל עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶועזְן פוּן דִי גֶעטְרֵייסְטֶע תַּלְמִידִים בַּיים רֶבִּי'ן, עֶר אִיז גֶעוֶועזְן דֶער עֶרְשְׁטֶער מְלַמֵּד פוּן דִי סַאטְמַארֶ'ע חֵדֶר, בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר מִיט זֶעקְס קִינְדֶער.

הֲגַם הַיינְט קוּקְט מֶען אָן דִי מוֹסְדוֹת פוּן סַאטְמַאר בְּלִי עַיִן הָרָע וִוי עֶס בַּאשְׁטֵייט פוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער קִינְדֶער

כֵּן יִרְבּוּ, אָבֶער וֶוען עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיז דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער; וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן צוּ זַיין מְלַמֵד הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גְמָרָא, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְן אַ גְמָרָא פוּן זַיין פְּרִיוַואטֶע שַׁ"ס וָואס אִיז גֶעוֶוען אַרַיינְגֶעשְׁרִיבְּן דֶער נָאמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַ "מַסֶכֶת בֵּיצָה יוֹמָא סוּכָּה".

**עֶס** אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין פְּלַאץ וואו צוּ מַאכְן דִי חֵדֶר, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז בִּיז דֶערְוַוייל זָאל עֶר מַאכְן דִי חֵדֶר בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ. דֶער רֶבִּי הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אִים בַּאצָאלְן יֶעדֶע סוֹף וָואךְ, אֵיינְמָאל הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזֶען דָאנֶערְשְׁטָאג אִין שׁוּל, דַיין זֵיידֶע אִיז נִישְׁט צוּגֶעגַאנְגֶען בֶּעטְן זַיין גֶעהַאלְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן, נָאר דֶער רֶבִּי אִיז צוּ אִים צוּגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזָאגְט: "גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט פַאר מִיר אַלֵיינְס אוֹיף שַׁבָּת"; אַזוֹי הָאט עֶר גֶעבּוֹיט דֶעם חֵדֶר אוּן דִי קֶעמְפְּס, מִיט אַזַא מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

**עֶס** הָאט מִיר אוֹיךְ זֵייעֶר בַּאנוּמֶען צוּ לֵיינֶען וָואס דַיין בַּאבֶּע הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר דַיין זֵיידֶע: "אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ קֶעמְפּ", אִיז דַיין זֵיידֶע אַהֵיים גֶעקוּמֶען אוּן אִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֵיי מַאכְן אַ קֶעמְפּ", הָאט זִי אִים אָנְגֶעקוּקְט מִיט ווּאוּנְדֶער: 'וִוי? וָואס? וֶוען? דוּ גֵייסְט מַאכְן אַ קֶעמְפּ?! וִוי אַזוֹי גֵייסְטוּ מַאכְן אַ קֶעמְפּ?!' (דָא רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן עֶפֶּעס אַן עוֹשֶׁר וְכוּ', דָא רֶעדְט מֶען

פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט קוים גֶעהַאט פַאר זִיךְ צוּ לֶעבְּן), הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע צֶען פִינְגֶער אוּן אִיר גֶעזָאגְט: "אַז דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעזָאגְט עֶר דַארְף אַ קֶעמְפ וֶועל אִיךְ עֶס בּוֹיעֶן מִיט מַיינֶע צֶען פִינְגֶער".

מִיט דֶעם אַלֶעם, וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי פְּטִירָה פוּן רֶבִּי'ן הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶר פָארְט נִישְׁט צוּ דִי לְוָי' נָאר עֶר בְּלַייבְּט מִיט דִי קִינְדֶער זֵיי וַוייטֶער מְחַנֵךְ זַיין; זֶעט מֶען וָואס הֵייסְט אַ גֶעטְרֵייעֶר מְחַנֵךְ פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַז עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ דִי קִינְדֶער אֲפִילוּ פַאר דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ. אַזוֹי וִוי דֶער רַמְבַּ"ם פַּסְקְ'נְט (פֶּרֶק ב' מֵהִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, הֲלָכָה ב'): "וְאֵין מְבַטְּלִין הַתִּינוֹקוֹת, וַאֲפִלּוּ לְבִנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ", מֶען טָאר נִישְׁט מְבַטֵל זַיין קִינְדֶער פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען דַארְף זֵיי הָאבְּן צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט דָאס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת בֵּית הַבְּחִירָה, הֲלָכָה יב): "וְאֵין מְבַטְּלִין תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן לַבִּנְיָן", מֶען טָאר נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי קִינְדֶער פוּן לֶערְנֶען אֲפִילוּ מֶען דַארְף זֵיי הָאבְּן צוּ בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; לִכְאוֹרָה פַארְוָואס שְׁרַייבְּט דֶער רַמְבַּ"ם דִי הֲלָכָה נָאכְאַמָאל אִין הִלְכוֹת בֵּית הַבְּחִירָה? זָאגְן צַדִיקִים אַז חוּץ פוּן דִי הֲלָכָה אִין הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה - אַז קִינְדֶער דַארְפְן לֶערְנֶען אוּן טָארְן זִיךְ נִישְׁט מְבַטֵל זַיין פַאר גָארְנִישְׁט, אִיז דָאס אוֹיךְ אַ דִין אִין בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; אוּנְז צוּ וַוייזְן אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ קֶען נִישְׁט גֶעבּוֹיט וֶוערְן נָאר אַז דִי קִינְדֶער זִיצְן אוּן לֶערְנֶען. מִיט דֶעם וָואס מֶען

לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער, דָאס אַלֵיינְס הֶעלְפְּט אַז דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ זָאל אוֹיפְגֶעבּוֹיט וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

# תקלג

## בִּין אִיךְ אֶפְשָׁר אַרוֹיסְגֶעפַאלְן פוּן דִי לִיסְטֶע פוּן שִׁידוּכִים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין אִינְגַאנְצְן מְיוּאָשׁ, אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט אַז אִיךְ וֶועל נָאךְ אַמָאל אַ חָתָן וֶוערְן. יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג וֶוערְט נָאךְ אַ בָּחוּר אִין מַיין יְשִׁיבָה אַ חָתָן, בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען אַ יָאר צְוֵויי יוּנְגֶער פוּן מִיר, אוּן נָאר אִיךְ בְּלַייבּ זִיצְן אִין יְשִׁיבָה. אִיךְ וֵויים אַז אַלֶעס אִיז בַּאשֶׁערְט פוּן הִימֶל, אָבֶער אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין עֶפֶּעס אַרוֹיסְגֶעפַאלְן פוּן דִי לִיסְטֶע פוּן שִׁידוּכִים.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אַ טָאג וָואס מַיין חַבְרוּתָא קוּמְט נִישְׁט בְּלַייבּ אִיךְ שְׁלָאפְן בִּיז חֲצוֹת אוּן אִיךְ דַאוְונְען בִּיחִידוּת. בְּעֶצֶם בִּין אִיךְ אַ גוּטֶער בָּחוּר אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא מַצָב, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז אִיךְ וֶועל אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם. פוּן אִינְדְרוֹיסְן דֶערְקֶענְט מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיף מִיר, אָבֶער אִינֶעוֵוייניג בִּין אִיךְ צֶעבְּרָאכְן אִינְגַאנְצְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טַעַם אִין מַיין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט לֶעצְטְנְס אַפָּאר נִסְיוֹנוֹת צוּ קוּקְן מָאוִוים אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵׁם אַיינְגֶעהַאלְטְן. אִיךְ וֵויים אַז יֶעדֶעס מָאל אִיךְ הַאלְט

זִיךְ אַיין פוּן צוּ טוּן עֲבֵירוֹת בִּין אִיךְ אִין דִי מַדְרֵיגָה פוּן יוֹסֵף הַצַּדִיק, אָבֶער דָאס בַּאפְרִידִיגְט מִיר נָאכְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי סַאךְ נִסְיוֹנוֹת יֶעדְן טָאג און אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, מֵאַיִן יָבוֹא עֶזְרִי?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵק זַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דַיין לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען, און אַזוֹי וַוייטֶער; וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ שִׁידוּךְ, דוּ וֶועסְט אוֹיךְ אַ חָתָן וֶוערְן, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוֹיס צוּ וַוארְטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּט.

**טוּ** דִי סְגוּלָה וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ זָאל זָאגְן אַסַאךְ דִי "קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים"; פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", בִּיזְן סוֹף, וָואס דָאס אִיז דִי קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה (עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין יֶעדֶע סִידוּר בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה, קְרִיאָה לַחֲנוּכָּה), און וֶוען

דו עֶנְדִיגְסְט זָאגְן דִי "קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג אִינֶעם זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן גֶעזָאגְט דִי קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים; הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אֵיינֶער אַלֵיין - אַ פְּלַג גוּף, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיינְס, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן וְכוּ' וְכוּ'"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיר שׁוֹין בַּאגְלִיקְן מִיט דַיין שִׁידוּךְ.

דֶער עִיקָר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג אוּן נָאךְ אַ טָאג אוּן עֶס רוּקְט זִיךְ גָארְנִישְׁט; דוּ טְרַאכְסְט כָּל מִינֵי מַחֲשָׁבוֹת: 'וָואס וֶועט זַיין?' 'אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַזוֹי בְּלַייבְּן', 'וֶוער וֶועט מִיר נֶעמֶען?' - אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַלֶע בָּחוּרִים.

אַלֶע בָּחוּרִים טְרַאכְטְן דָאס פַּאר זֵיי טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, אָבֶּער דוּ טְרַאכְט נִישְׁט אַזוֹי; טְרַאכְט גוּט, וַוארְט אוֹיס פַאר דַיין יְשׁוּעָה אוּן טוּ וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן. פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זַיי מְקַיֵים אַלֶע עֵצוֹת וָואס עֶר זָאגְט, וֶועסְטוּ בְּוַדַאי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן בְּקָרוֹב מַמָּשׁ.

**בְּנוֹגֵעַ** דָאס וָואס דוּ הָאסְט נִסְיוֹנוֹת צוּ קוּקְן מָאוִויס, דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ פַאר דֶעם אִיז אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת; וֶוער עֶס זָאגְט מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַרַיינְפַאלְן אִין גֵיהִנוֹם.

**דֶער** חִידָ"א זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט (מִדְבַּר קְדֵמוֹת מַעֲרֶכֶת א, אוֹת נא) בְּשֵׁם מֶדְרַשׁ תַּלְפִּיּוֹת (עַמּוּד מא): "אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב יוֹשֵׁב עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנוֹם, וּמִי שֶׁהִרְבָּה לִלְמוֹד מִשְׁנַיוֹת אֵינוֹ מַנִּיחוֹ לְהִכָּנֵס שָׁם"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל קוּמֶען דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה אוּן ווִילְן אִים אַרַיינְשְׁלֶעפְּן אִין גֵהִינוֹם, קוּמְט אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב אוּן פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, אוֹיב הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת טְרָאגְט עֶר אִים אַרַיין אִין גַן עֵדֶן. דֶער חִידָ"א טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, כ): "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ", 'שְׁמֵנָה' אִיז דִי אוֹתִיוֹת 'מִשְׁנָה', אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זֶעט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, "וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ", וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ גַן עֵדֶן; דָאס אִיז נִישְׁט נָאר לְאַחַר הַפְּטִירָה, דָאס אִיז נָאךְ יֶעצְט וֶוען מֶען לֶעבְּט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת הִיט עֶס אִים אָפּ פוּן דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה וָואס ווִילְן אִים אַוֶועק שְׁלֶעפְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְפַאר אַז דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל דִיר שְׁלֶעפְּן צוּם טִיר פוּן גֵיהִנוֹם, עֶר ווִיל דִיר וַוייזְן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, זָאלְסְטוּ שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, וֶועט דָאס דִיר רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דָאךְ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען דִי מִשְׁנָיוֹת אָן פַארְשְׁטֵיין; זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וַוייל דָאס וֶועט דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

# תקלד

## ווִי אַזוֹי רֶעאַגִירְט מֶען וֶוען מֶען קוּמְט אָן אִינְמִיטְן דִי שְׁטוּב ווִירְטְשַׁאפְט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֶוער כְּסֵדֶר נִתְפָּעֵל פוּן דִי פָּשׁוּט'עֶ אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע מְהַלֵּךְ הַמַּחְשָׁבָה פוּן מוֹהֲרַא"ש, אוּן ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט זִיךְ וַוייטֶער אוֹיף דֶעם דֶרֶךְ, צוּ עֶנְטְפֶערְן מִיט אַזַא שֵׂכֶל הַיָּשָׁר.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַ כְּלָלִיוּת'דִיגֶע שְׁאֵלָה אִין שָׁלוֹם בַּיִת, וָואס צוּ טוּן וֶוען דִי וַוייבּ אִיז פַארְנוּמֶען בִּיז אִיבֶּערְן קָאפּ מִיט דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט. דִי שְׁאֵלָה אִיז בְּעִיקָר נוֹגֵעַ פַאר פֶּסַח, אָבֶּער אוֹיךְ אִין אַנְדֶערֶע צַייטְן.

אִיךְ קוּם אַהֵיים, אִיךְ זֶע ווִי דִי שְׁטוּב פְלִיט אוּן מַיין וַוייבּ אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט אוּן אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן בִּיז אִיבֶּערְן קָאפּ, וָואס דַארְף אִיךְ דֶערְמָאלְט טוּן? אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּלֵייגְן סְתָם אַזוֹי אַ הַאנְט, וַוייל אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ ווִי זִי הַאלְט מִיט דִי זַאכְן, אוּן זִי הָאט נִישְׁט קַיין צַייט אוּן גֶעדוּלְד מִיר מַסְבִּיר צוּ זַיין וָואס מֶען דַארְף יֶעצְט טוּן; סְתָם שְׁטֵיין אִין דִי זַייט אוּן זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן, שְׁפִּיר אִיךְ אַז עֶס טוּט אִיר זֵייעֶר וֵויי, אַז זִי אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן אִיךְ רוּ זִיךְ אָפּ; אַלֵיינְס צוּלֵייגְן אַ הַאנְט אוּן פְּרוּבִּירְן זִיךְ פָארְצוּשְׁטֶעלְן וָואס מֶען דַארְף צוּ טוּן יֶעצְט - אִיז אוֹיךְ אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ; אִיר זָאגְן "וָואה! דוּ אַרְבֶּעטְסְט אַזוֹי שְׁוֶוער!" בִּשְׁעַת

דִי הוֹיז פְּלִיט, אִיז דָאךְ וַוייטֶער נִישְׁט קַיין אָפְּצִיעֶ. אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ מוּז זִיךְ פָּשׁוּט אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין אוֹיךְ אָנְגֶעצוֹיגְן אַזוֹי וִוי אִיר, סְתָּם צוּ וַוייזְן אַז אִיךְ בִּין מִיט אִיר אוֹיף אֵיין בְּלַאט.

אִיךְ טְרַאכְט צוּמָאל אַז אִיךְ וָואלְט גֶעדַארְפְט אַמָאל מִיטְהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב ווירְטְשַׁאפְט, פוּן צוּפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט, אַזוֹי וֶועל אִיךְ וויסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט, אוּן אִיךְ וֶועל קֶענֶען הֶעלְפְן וֶוען עֶס פֶּעלְט אוֹיס; אָבֶער אִיךְ אַרְבֶּעט שְׁוֶוער אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אִיךְ וֶועל דָאס נִישְׁט קֶענֶען בַּאוַוייזְן.

אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז נָאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דֶעם זֶעלְבְּן פְּרָאבְּלֶעם, אוּן אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן אַ פְּרַאקְטִישֶׁע הַדְרָכָה אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, אִיךְ הַאלְט שׁוֹין נָאכְ'ן מִתְפַּלֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם עִנְיָן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (וַיִּקְרָא רַבָּה ט, ט)**: "גָּדוֹל שָׁלוֹם, שֶׁשֵּׁם הַגָּדוֹל שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדֻשָּׁה, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, יִמָּחֶה בַּמַּיִם כְּדֵי לְהַטִּיל שָׁלוֹם בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ", בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַזוֹי חָשׁוּב עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי תּוֹרָה מֶען זָאל אוֹיסְמֶעקְן זַיין הֵיילִיגְן נָאמֶען אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ.**

אַזוֹי אויךְ דֶערְצֵיילְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שָׁם): "רַבִּי מֵאִיר הֲוָה יָתִיב וְדָרִישׁ בְּלֵילֵי שַׁבַּתָּא, הֲוָה תַּמָּן חָדָא אִתְּתָא יַצִּיבָא וְשָׁמְעָה לֵיהּ תָּנְתָא מִדְּרָשָׁא", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וֶועלְכֶע פְלֶעגְט גֵיין יֶעדְן פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס צוּם שִׁיעוּר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס פְלֶעגְט גֶעבְּן, "אַמְתִּינַת עַד דִּיחֲסַל מִמִּדְרָשׁ", אֵיין וָואךְ הָאט דֶער תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר אַרַיינְגֶעצוֹיגְן דִי שִׁיעוּר אַבִּיסְל שְׁפֶּעט אוּן דִי פְרוֹי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז זִי וֶועט אוֹיסְוַוארְטְן בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט דֶעם שִׁיעוּר. "אָזְלָה לְבֵיתָהּ, אַשְׁכְּחָא בּוּצִינָא טָפֵי", וֶוען זִי אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען טוּנְקְל אִין שְׁטוּב, דִי לֶעכְט הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, "אֲמַר לָהּ בַּעְלָהּ, אָן הֲוֵית", וֶוען אִיר מַאן הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען? "אָמְרָה לֵיהּ אֲנָא יָתִיבָא וְשָׁמְעָה קָלֵיהּ דָּרוֹשָׁה", הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: בַּיים שִׁיעוּר פוּן הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר, "אֲמַר לָהּ כֵּן וְכֵן לָא אִעַיְּלַתְּ לְהָכָא עַד דַּאֲזַלְתְּ וְרוֹקַת בְּאַנְפֵּי דָּרוֹשָׁה", אִיר מַאן אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, אַ כַּעֲסָן, אַ לֵץ; הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען אִין שְׁטוּב בִּיז ווִילַאנְג דוּ גֵייסְט שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְ'ן פָּנִים פוּנֶעם בַּעַל דַּרְשָׁן, אוּן עֶר הָאט פַארְמַאכְט דִי טִיר. "יְתִיבָא שַׁבַּתָּא קַמַּיְיתָא תִּנְיָנָא וּתְלִיתָא, אֲמָרִין לָהּ מְגֵירָתָא כַּדוּ אַתּוּן צְהִיבִין, אֲתֵינָן עִמָּךְ לְגַבֵּי דָּרוֹשָׁה", דִי פְרוֹי אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי אוּן זִי הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'עֶנְדֶערְשׁ וֶועל אִיךְ בְּלַייבְּן אִינְדְרוֹיסְן ווִי אֵיידֶער מְבַזֶּה זַיין דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר', אוּן זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ חַבֶרְ'טֶע שְׁלָאפְן, אַזוֹי זֶענֶען אַרִיבֶּער

אַפָּאר וָואכְן וואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען צֶעטֵיילְט. "כֵּיוָן דְּחָמֵי יַתְהוֹן רַבִּי מֵאִיר צָפָה בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ", דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס הָאט דָאס גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, "אֲמַר לְהוֹ אִית מִנְּכוֹן אִתְּתָא דְּחַכִּימָא לְמִלְחַשׁ בְּעֵינָא", הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ שְׁמוּעָה אַז זַיין אוֹיג טוּט אִים וֵויי, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶס בְּרֶענְט אִים, און וֶוער עֶס קֶען לוֹחֵשׁ זַיין אוֹיף דֶעם זָאל קוּמֶען. (אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַזַא רְפוּאָה, מֶען פְּלֶעגְט שְׁפֵּייֶען אוֹיפְ'ן אוֹיג און זָאגְן עֶפֶּעס וֶוערְטֶער, און אַזוֹי אִיז מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן).

"אֲמָרִין לָהּ מְגֵירָתָא, כַּדוּ אַתְּ אָזְלַת וְרוֹקַת בְּאַנְפֵּיהּ, וְתִשְׁרֵי לְבַעֲלִךְ", הָאבְּן דִי חַבֶר'טֶעס גֶעזָאגְט פַאר דִי פְּרוֹי: גֵיי שְׁפֵּיי אַרַיין אִין רֶבִּי מֵאִיר'ס אוֹיג, אַזוֹי וֶועט דַיין מַאן מַאכְן שָׁלוֹם מִיט דִיר. "כֵּיוָן דְּיָתְבָא קַמֵּי אִידְחִילַת מִינֵיהּ, אֲמָרָה לֵיהּ רַבִּי לֵית אֲנָא חַכִּימָא לְמִילְחַשׁ עֵינָא, אֲמַר לָהּ אֲפִלּוּ הָכֵי רוֹקִי בְּאַנְפֵּי שְׁבַע זִמְנִין וַאֲנָא מִינְשִׁים", אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען, און רֶבִּי מֵאִיר פְרֶעגְט אִיר: דוּ קֶענְסְט לוֹחֵשׁ זַיין? הָאט זִי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן און גֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת אַז זִי קֶען נִישְׁט. הָאט אִיר רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: דֶעמָאלְט שְׁפֵּיי אַרַיין זִיבְּן מָאל אוֹיף מַיין פָּנִים, אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ רְפוּאָה, "עָבְדָה הָכִין. אֲמַר לָהּ אִיזִילִי אִמְרִי לְבַעֲלִיךְ אַתְּ אֲמַרְתְּ חֲדָא זִימְנָא וַאֲנָא רָקִית שְׁבַע זִימְנִין", און זִי הָאט אַזוֹי גֶעטוּן. הָאט אִיר רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט, גֵיי אַהֵיים און זָאג פַאר דַיין מַאן: דוּ הָאסְט מִיר גֶעהֵייסְן שְׁפֵּייֶען אֵיינְמָאל, אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּיגְן זִיבְּן מָאל!

"אָמְרוּ לוֹ תַּלְמִידָיו רַבִּי כָּךְ מְבַזִּין אֶת הַתּוֹרָה, לָא הֲוָה לָךְ לְמֵימַר לְחַד מִינָן לְמִלְחַשׁ לָךְ", הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט: אִיז דָאס כָּבוֹד הַתּוֹרָה? פַארְוָואס הָאט אוּנְז נִישְׁט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהֵייסְן זִי זָאל שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, מִיר וָואלְטְן אִים מְסַדֵּר גֶעוֶועְן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט וַוייגְן אַזוֹינְס צוּ טוּן! "אֲמַר לְהוֹ, לָא דַּיּוֹ לְמֵאִיר לִהְיוֹת שָׁוֶה לְקוֹנוֹ, דְּתָנֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל, גָּדוֹל שָׁלוֹם שֶׁשֵּׁם הַגָּדוֹל שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדֻשָּׁה אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִמָּחֶה עַל הַמַּיִם בִּשְׁבִיל לְהַטִּיל שָׁלוֹם בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ", הָאט רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אוֹיסְמֶעקְן זַיין נָאמֶען אַבִּי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז רֶבִּי מֵאִיר'ס נָאמֶען זָאל אוֹיסְגֶעמֶעקְט וֶוערְן אַבִּי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ; זֶעט מֶען וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ.

לֵייג אַוֶועק אַלֶע דַיינֶע נַארִישֶׁע חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת אוּן טוּ צוּ דִי זַאךְ; מַאךְ זִיךְ נִישְׁט פַאר אַזַא בַּטְלָן, אַז דַיין וַוייבּ אִיז אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט זָאלְסְטוּ אִיר הֶעלְפְן. מִיט דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְסְט אִיר - הֶעלְפְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס; דוּ טוּסְט קֵיינֶעם נִישְׁט קַיין טוֹבוֹת, נָאר פַאר זִיךְ. וַוייל דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ, אַ רוּאִיגֶע וַוייבּ אוּן אַ פְרֵיילִיכֶע וַוייבּ.

עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס טוּעֶן אַ גַאנְצֶע טוֹבָה מִיטְ'ן הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, נָאכְדֶעם דַארְפְן זֵיי שׁוֹין אַ בַּאלוֹינוּנְג

פוּן דִי וַוייבּ פַארְ'ן הֶעלְפְן אַבִּיסְל, זֵיי דַארְפְן שׁוֹין רְשׁוּת אַרוֹיס צוּ לוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ פַארְ'ן הֶעלְפְן אַפָּאר מִינוּט. אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן: 'דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט וָואס זִי טוּט וָואלְט אִיךְ וֶוען גֶעדַארְפְט טוּן, נָאר גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ אַ וַוייבּ וָואס הֶעלְפְט מִיר גְרִינְגֶער מַאכְן דִי אַרְבֶּעט, אִיךְ דַארְף בֶּאֱמֶת טְרַאכְטְן מִיט וָואס אִיךְ קֶען בַּאלוֹינֶען מַיין וַוייבּ פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן וְכוּ'".

**אִיךְ** בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, לֵייג אַוֶועק דַיין פִילָאזָאפְיֶע אוּן הֶעלְף אִיר מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ; שְׁטֶעל נִישְׁט קַיין פָּנִים וִוי אַ בַּטְלָן אוּן מַאךְ עֶס נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער. עֶס אִיז שְׁוֶוער וִוי לַאנְג מֶען הַאלְט נִישְׁט דֶערְבֵּיי אוּן כָּל זְמַן מֶען ווִיל שׁוֹין אַרוֹיסְלוֹיפְן וְכוּ', אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט וִוי עֶס אִיז דַיין עוֹל - וֶועסְטוּ שׁוֹין פוּנְקְטְלִיךְ ווִיסְן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט: "אִיךְ הַאלְט שׁוֹין נָאכְ'ן מִתְפַּלֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם עִנְיָן" - אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אָן טְרַאכְטְן. וַוייל מֶען דַארְף אַ גַאנְץ לֶעבְּן דַאוֶונֶען מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן ווִיסְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ; יֶעדְן טָאג דַארְף מֶען קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן פְרִישׁ כְּאִילוּ מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעבֶּעטְן אוֹיף דֶעם.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תקלה[כ]

## װער איז אַ גוּטֶער חָתָן מַדְרִיךְ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך בּין אַ חָתָן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, און איך הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּ װעלְכֶער חָתָן מַדְרִיךְ איך זָאל גֵיין. איך הֶער אַלְץ ווי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן פַאלְשֶׁע מַדְרִיכִים, ווי אַזוֹי קֶען איך אָבֶער װיסְן פָארְאוֹיס װער עֶס איז אַ גוּטֶער מַדְרִיךְ?

אוֹיךְ וָואלְט איך גֶעוָואלְט הֶערְן הַדְרָכוֹת אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר שְׁרַייבְּן עֶפֶּעס אִיבֶּער דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אָנְצוּקוּמֶען צוּ פַאלְשֶׁע מַדְרִיכִים וָואס לֶערְנֶען אוֹיס חוּמְרוֹת מִיט פְּרִישׁוּת וָואס אִיז קֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ אַהֶער ווי חֲסִידִים**

כ. מֶער אִיבֶּער דֶעם אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב תסד.

וְכוּ' וָוען בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי פְּשׁוּטְ'ע מְנֻוָלִים; עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען בִּכְלַל נִישְׁט גֵיין צוּ קַיין חָתָן מַדְרִיךְ וִוי אֵיידֶער אָנְקוּמֶען צוּ זֵיי.

**בֶּאֱמֶת** דַארְף מֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָתָן מַדְרִיךְ; אַ חָתָן דַארְף לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קצ"ה, קצ"ו און אַבִּיסְל סִימָן קפ"ט צוּ קֶענֶען דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת און אַבִּיסְל צוּגְרֵייטְן וְכוּ', אָבֶּער דָאס וָואס מֶען מַאכְט שִׁיעוּרִים וְכוּ' אִיז נָאךְ אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְצִיעֶן גֶעלְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן (אַזוֹי וִוי מֶען טוּט מִיט בַּר מִצְוָה בָּחוּרִים צוּ לֶערְנֶען מִיט זֵיי אַ פְּשֶׁעטְל; וִוי לַאנְג נֶעמְט אוֹיסְצוּלֶערְנֶען אַפָּאר שׁוּרוֹת פוּן אַ פְּשֶׁעטְל? מֶערְסְטְנְס אַ שָׁעָה צְוֵויי, אָבֶּער אוֹיף דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט בֶּעטְן קַיין גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער, מַאכְט מֶען אַ שְׁפִּיל מִיטְ'ן קִינְד עֶר זָאל קוּמֶען נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, אַלֶעס וֶועדְלִיג דָאס גֶעלְט).

**מוֹהֲרָא"שׁ** זָאגְט, אֵיינֶע פוּן דִי סִימָנִים פוּן אַ פַאלְשֶׁער חָתָן מַדְרִיךְ און אַ פַאלְשֶׁער שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער אִיז אַז עֶר בֶּעט גֶעלְט, און אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין גֶעלְט; פוּן אַזַא אֵיינֶעם דַארְף מֶען אַנְטְלוֹיפְן, וַוייל עֶר מֵיינְט נִישְׁט דַיין טוֹבָה עֶר מֵיינְט בְּלוֹיז זַיין גֶעלְט; עֶר וֶועט זִיכֶער מַאכְן אַרוֹיסְצוּצִיעֶן נָאךְ און נָאךְ גֶעלְט פוּן דִיר, וִוי לַאנְג עֶר וֶועט טְרֶעפְן אַ צְוֵוייטְן צוּ מֶעלְקְן; אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט בֶּעטְן קַיין גֶעלְט צוּ הֶעלְפְן מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת און צוּ לֶערְנֶען פַאר דִי חֲתוּנָה וְכוּ'.

**אַז** דו ווילְסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען דֶעם כְּלַל: "זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט"; מֶען וֶוערְט נִישְׁט קְלֵיין אוֹיבּ מֶען פִּירְט נִישְׁט אוֹיס און מֶען וֶוערְט נִישְׁט גְרוֹיס אוֹיבּ מֶען פִּירְט יָא אוֹיס, עֶנְדֶערְשׁ "זוּךְ צוּ זַיין קְלוּג", - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

**אוֹיף** נָאךְ אַ זַאךְ זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, אֲפִילוּ אוֹיבּ זִי אִיז דִיךְ מְצַעֵר. גֶעבּ אַ קוּק וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): "רַבִּי חִיָּיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְבִיתְהוּ", רֶבִּי חִיָּיא'ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין; מִיט דֶעם אַלֶעם: "כִּי הֲוָה מְשַׁכַּח מִידִי", וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ, "צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ, וּמַיְיתֵי נִיהֲלֵהּ", פְלֶעגְט עֶר דָאס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַאר אִיר, הָאט רַב גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי חִיָּיא: אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אִיר אֵייבִּיג אַהֵיים גוּטֶע זַאכְן, זִי אִיז דָאךְ דִיר מְצַעֵר?! הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט: "דַּיֵּינוּ שֶׁמְגַדְלוֹת בָּנֵינוּ, וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת און זִי צִיט אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; זֶעט מֶען ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט גֵיין אוּנְטֶער דִי חוּפָּה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמְצֻלַחַת און זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, דוֹרוֹת יְשָׁרִים וּמְבֹרָכִים.

# תקלו

## וָואס זֶענֶען די הַנְהָגוֹת פוּן בְּרֶסְלֶב פַאר אַ מֵיידְל?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן אֵיינֶעם אַ קַארְטְל מִיט דִי נוּמֶער פוּן "קוֹל בְּרֶסְלֶב" אוּן זַייט דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ מַיין לֶעבְּן גֶעטוּישְׁט צוּם גוּטְן. אִיךְ הֶער אוֹיס אַלֶע דְרָשׁוֹת אוּן חִיזוּק, דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ נַייעֶם בְּלִיק אוֹיף לֶעבְּן אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ גֵיין אִין דִי וֶועגְן. אִיךְ בִּין אַ סְפַרְד'ישֶׁע מֵיידְל, אִיךְ נֶעם דִי דִיבּוּרִים מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר אַלֶעס צוּ מְקַיֵּים זַיין.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן הַדְרָכָה וָואס בְּרֶסְלֶב מֵיינְט פַאר אַ מֵיידְל, וָואס זֶענֶען די הַנְהָגוֹת פוּן בְּרֶסְלֶב פַאר אַ מֵיידְל.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר דָאס טַאקֶע מְקַיֵּים צוּ זַיין אוֹיף ווִי ווַייט מֶעגְלִיךְ, אָבֶער לֵיידֶער זֶענֶען מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֵייעֶר כַּעַס'יגֶע מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט רֶעגְט זֵיי זֵייעֶר אוֹיף, זֵיי קֶענֶען אַסַאךְ מָאל שְׁלָאגְן מִיט גְרוֹיס רְצִיחָה, סְפֶּעצִיעֶל מַיין יוּנְגֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא וָואס וֶועט זַיין וֶוען אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם טְרֶעפְן מַיין בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידוּךְ, אוּן אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם חֲתוּנָה הָאבְּן; ווִי אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען פִירְן אַ נָארְמַאלֶע שְׁטוּבּ, אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזֶען אַ גוּטֶע בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ נָארְמַאלֶע שְׁטוּבּ אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן אוּן ווַייזְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אִיךְ** וֶועל אַייךְ שְׁרַייבְּן אִין קוּרְצְן וָואס 'בְּרֶסְלֶב' מֵיינְט פַאר אַ מֵיידְל.

**א** - 'שִׂמְחָה'; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶעפְּרֶעסְט. "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", וַוייל אַלֶע מַחְלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז נָאר וַוייל מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

**בַּיים** אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ קֶען עֶר צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", דוּרְךְ שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

**דֶער** יֵצֶר הָרָע וִויל נָאר אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג אוּן אַרַיינְפַאלְן אִין אַ טִיפֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע, דָאס אִיז זַיין גַאנְצֶע צִיל וָואס עֶר וִויל עֶרְרֵייכְן וֶוען עֶר וַוארְפְט

אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת - אִים אַרַיינְוַוארְפְן אִין אַ קַטְנוּת הַדַעַת, אִין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "עַצְבוּת הִיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׂוֹנֵא אוֹתָהּ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶעפְּרֶעסְט אִיז עֶר אִין דִי הֶענְט פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַּיינְט וֶוען מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט; דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה וָואס מֶען הָאט.

**ב** - 'הִתְבּוֹדְדוּת'; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן אַ גְרִינְגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי מִיר זָאלְן קֶענֶען נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל".

**אַמָאל** הָאט מֶען גֶעדַארְפְט טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט גֶעדַארְפְט פַאסְטְן אוּן זִיךְ מְסַגֵף זַיין וְכוּ' וְכוּ' - בִּיז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְן אַבִּיסְל פוּן דִי וֶועלְט אוּן וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אוּנְז גֶעגֶעבְן דִי גְרִינְגֶע וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז בַּאקְוֶועם צוּ רֶעדְן, כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, אַזוֹי ווִי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ נָאנְטֶער חַבֵר, אִים אַלֶעם דֶערְצֵיילְן, אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט, אוּן אַלֶע מַעֲשִׂים אוּן מַחֲשָׁבוֹת אִין וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אִים אַרָאפּ. דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַז** אִיר וֶועט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן - שִׂמְחָה וְהִתְבּוֹדְדוּת - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן מח) דִי וֶועלְט אִיז ווִי אַ שְׁמָאלֶע בְּרִיק, "וְהַכְּלָל וְהָעִקָּר הוּא לֹא לְהִתְפַּחֵד", דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, וֶוען מֶען גֵייט אוֹיף אַ שְׁמָאלֶע בְּרִיק דַארְף מֶען הָאבְּן אַ צוֹים פוּן בֵּיידֶע זַייטְן, וָואס זֶענֶען דִי צְוֵויי צוֹימֶען וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן דוּרְךְ צוּ גֵיין דִי וֶועלְט בְּשָׁלוֹם? אֵיינְס 'שִׂמְחָה' אוּן אֵיינְס 'הִתְבּוֹדְדוּת'; אַז מֶען הָאט דִי צְוֵויי זַאכְן קֶען מֶען אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם שְׁמָאלְסְטְן בְּרִיק אָן קַיין שׁוּם פַּחַד.

**בְּנוֹגֵעַ** אַייעֶרע עֶלְטֶערְן, אַז זֵיי שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁלָאגְן וְכוּ'; זָאלְט אִיר נוּצְן דִי צְוֵויי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע עֵצוֹת. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל הֶעלְפְן אַייעֶרע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אַייךְ, בֶּעטְס אִים עֶר זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ ווִי שְׁנֶעלֶער.

**בְּנוֹגֵעַ** ווִי אַזוֹי אִיר וֶועט ווִיסְן ווִי אַזוֹי אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ וֶוען אִיר הָאט נִישְׁט גֶעזֶען אַ גוּטֶע בֵּיישְׁפִּיל; אִיר זָאלְט וַוייטֶער הֶערְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וֶועט אִיר שׁוֹין אֵיינְמָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ. וֶוער עֶס נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן פַאר זַיין וֶועג וַוייזֶער הָאט דִי שֶׁענְסְטֶע לֶעבְּן וָואס אִיז שַׁייךְ, אֲפִילוּ עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַלֵיינְס ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט ווִיסְן, מֶען דַארְף נָאר נָאכְגֵיין אַ צַדִיק וָואס זָאגְט וָואס צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תקלז

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין טָאכְטֶער אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט אַ פְּרָאבְּלֶעמַאטִישֶׁער מַאן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין טָאכְטֶער הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ פֵיינֶעם בָּחוּר, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט גוּט אִין יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף אִים. לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דָאס אִיז אַלֶעס נָאר גֶעוֶוען לְפָנִים, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט גָארְנִישְׁט, גֶעלְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּן דִי שְׁלוֹם בַּיִת הָאט אוֹיךְ הִיבְּשׁ גֶעהִינְקֶעט. אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט זֵיי אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן מִיט גֶעלְט אוּן שְׁטוּפְּן דֶעם וָואנְן מֶען זָאל קֶענֶען וַוייטֶער לֶעבְּן, אַזוֹי אִיז עֶס אָנְגֶעגַאנְגֶען פַּאר אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר, אוּן עֶס אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם, כָּאטְשׁ וָואס עֶר לֵייגְט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ קַיין הַאנְט אִין שְׁטוּבּ צוּ הֶעלְפְן עֶפֶּעס.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ בַּאמֶערְקְט אוֹיף מַיין טָאכְטֶער אַז זִי אִיז זֵייעֶר צֶעטְרָאגְן, עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט בַּיי זֵיי, הָאבּ אִיךְ אִיר צוּגֶעדְרוּקְט צוּ דִי וַואנְט זִי זָאל מִיר דֶערְצֵיילְן וָואס גֵייט פָּאר, אוּן צוּ מַיין בַּאדוֹיעֶר זָאגְט זִי מִיר אַז עֶר נֶעמְט מֶעדְעצִין פַאר דִי נֶערְוֶוען שׁוֹין פוּן אַלְס בָּחוּר אוּן זִי אִיז עֶרְשְׁט לֶעצְטְנְס גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן דֶערְפוּן, זִי הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר פִירְט נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע שְׁטוּבּ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע סֵדֶר הַיּוֹם, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער נָאךְ אַסַאךְ דֶעטַאלְן וָואס אִיז אִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

איך בין גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, וָואס דַארְף איך יֶעצְט טוּן? זָאל איך אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ גֶט? אָדֶער אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה?

זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט צוּפִיל אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אִים בִּכְלַל, איך גֵיי זֵיי אָבֶּער פָּארְהַאלְטְן אוֹיף דִי עַוְלָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן מִיטְ'ן בַּאהַאלְטְן פוּן מִיר אַז עֶר נֶעמְט נֶערְוֶוען מֶעדֶעצִין, איך מֵיין אַז עַל פִּי הֲלָכָה טָאר מֶען דָאס נִישְׁט טוּן. אָבֶּער דֶערְוַוייל בִּין איך מַמָּשׁ פַּארְלוֹירְן אוּן איך וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי דָאס צוּ בַּאהַאנְדְלֶען, בִּיטֶע הֶעלְפְּט מִיר אַרוֹיס אוּן וַוייזְט מִיר דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג וָואס צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס** אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אַלֶע אֵיינְצֶלְהֵייטְן, אָבֶּער אֵיין זַאךְ זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דִי שְׁאֵלָה אִיז אַ פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ שְׁאֵלָה.

**הֱיוֹת** עֶס אִיז שׁוֹין דָא בַּיי זֵיי קִינְדֶער קַיין עַיִן הָרָע, קֶען מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן זִיךְ, מֶען דַארְף יֶעצְט טְרַאכְטְן פוּן דִי קִינְדֶער; זִיךְ גֶטְ'ן אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ וֶוען מֶען טְרַאכְט פוּן דֶעם הֹוֶה, אָבֶּער אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין אִינֶעם עָתִיד פוּן דִי קִינְדֶער אִיז גֶטְ'ן נִישְׁט דִי עֵצָה, וַוייל בְּמֶשֶׁךְ דִי פוּפְצְן יָאר וָואס אִיךְ בִּין עוֹסֵק מִיט קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז רוֹב פְּרָאבְּלֶעמֶען מַאכְן זִיךְ בַּיי קִינְדֶער פוּן גֶע'גֶט'ע

שְׁטוּבֶּער. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִיטִין צ:): "כָּל הַמְגָרֵשׁ אֶת אִשְׁתּוֹ, אֲפִילוּ מִזְבֵּחַ מוֹרִיד דְמָעוֹת", וֶוען מַאן און וַוייבּ גֶעטְ'ן זִיךְ וֵויינְט דֶער מִזְבֵּחַ; פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "פַארְוָואס וֵויינְט דַוְקָא דֶער מִזְבֵּחַ? עֶס זֶענֶען דָאךְ דָא אַסַאךְ כֵּלִים אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, פַארְוָואס וֵויינְט נִישְׁט דֶער שֻׁלְחָן, דִי מְנוֹרָה, דִי אָרוֹן, וָואס עֶפֶּעס דַוְקָא דֶער מִזְבֵּחַ? נָאר דֶער מִזְבֵּחַ וֵויינְט, ווִי צוּ זָאגְן: 'מֶען אִיז שׁוֹין מַקְרִיב אוֹיף מִיר גֶענוּג קָרְבָּנוֹת, פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען נָאךְ קָרְבָּנוֹת...'".

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, לֵייג אַוֶועק אַלֶע פְּרִיוַואטֶע נְגִיעוֹת; יֶעצְט אִיז נִישְׁט דִי שְׁאֵלָה וֶוער עֶס אִיז גֶערֶעכְט, אַוַדַאי אִיז דָאס אַ גֶעפֶערְלִיכֶע עַוְלָה - אַרַיין נַארְן אַן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֵיידְל מִיט אַ נֶערְוֶועז קְרַאנְקֶער בָּחוּר, אָבֶּער יֶעצְט דַארְף מֶען טְרַאכְטְן פַאר דִי טוֹבָה פוּן דִי קִינְדֶער; אַז עֶס גֵייט זַיין אַ גֶעט גֵייעֶן זֵיי לַיידְן הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

**אִיךְ** זָאג דִיר נָאכְאַמָאל, עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן אַזַא שְׁאֵלָה וֶוען מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אַלֶע אֵיינְצְלְהֵייטְן, אָבֶּער דָאס זָאג אִיךְ דִיר נָאכְאַמָאל: "אוֹיבּ אִיז דָא קִינְדֶער מוּז מֶען לֵייגְן דֶעם 'זִיךְ' אִין דֶער זַייט אוּן טְרַאכְטְן פוּן דִי קִינְדֶער", וַוייל קִינְדֶער דַארְפְן אַ טַאטֶע און אַ מַאמֶע.

"גֶעטְ'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה!" אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען אַ בִּיקְס און שִׁיסְן דַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ וֶועסְטוּ זֵיי נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק שְׁלֶעכְטְס טוּן ווִי אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מַאכְן אַ גֶעט פַאר דַיין טָאכְטֶער.

זוֹךְ אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶע אִיד וָואס מֶען רוּפְט אַ 'צַדִּיק אִין פֶּעלְץ', וָואס וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער, זוֹךְ אַ צַדִּיק וָואס אִיז אוֹיפְ'ן גַאס, אֵיינֶער וָואס וֵוייסְט בְּצָרָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

## תקלה

### פַארְוָואס זָאלְן דִי בִּילִיגֶע חֲתוּנוֹת זַיין נָאר פַאר בְּרֶסְלֶב?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז צוּם בַּאוואוּנְדֶערְן אַייעֶר גְרוֹיסֶער כֹּחַ בִּכְלָלִיּוּת, בִּפְרַט אִין דֶעם עִנְיָן פוּן חֲתוּנָה מַאכְן פְּרַאקְטִיש אוּן בִּילִיג, אוּן נִישְׁט פַארְפַּאטְשְׁקֶען אַזוֹיפִיל גֶעלְט אוּן דִי צַייט וֶוען מֶען הָאט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אָבֶּער פַארְוָואס מֶען זֶעט נִישְׁט מֶענְטְשְׁן זָאלְן דָאס נָאכְמַאכְן? דִי חֲתוּנָה סְטַאנְדַארְט בַּיים הַיימִישְׁן צִיבּוּר אִיז דָאךְ אַזוֹי הוֹיךְ אוּן אִיבֶּערְגֶעטְרִיבְּן, פַארְוָואס זָאלְן אַנְדֶערֶע רַבָּנִים אוּן רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת דָאס נִישְׁט נָאכְמַאכְן אוּן אוֹיךְ מַאכְן חֲתוּנוֹת אִין שׁוּל פַאר בִּילִיג, פַארְוָואס זָאל דָאס זַיין נָאר פַאר הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב?

וָואס קֶען מֶען טוּן אַז דֶער גֶעדַאנְק זָאל וֶוערְן מֶער בַּאוואוּסְט אוּן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער גֶענוּג אַייךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען, אִיר זֶענְט מַמָשׁ פוּן דִי פִּלְאֵי הַבְּרִיאָה, אַייֶערֶע זְכוּתִים זֶענֶען אוּמְשַׁאצְבַּאר.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ג שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**גֶעלוֹיבְּט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז נֶעכְטְן אִיז פָארְגֶעקוּמֶען דִי פִינְפְטֶע חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה - אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי אִידִישׁ; עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט פַאר דִי חֲתוּנָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ. דִי חָתָן כַּלָּה זֶענֶען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אוּן דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען מְשׁוּנֶה פְרֵיילִיךְ אַז עֶס הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקָאסְט קַיין אֵיין פְּרוּטָה.

**אַלֶע** וָואס הָאבְּן זִיךְ בַּאטֵיילִיגְט בַּיי דִי נֶעכְטִיגֶע חֲתוּנָה אוּן אַלֶע וָואס הָאבְּן מִיטְגֶעהַאלְטְן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה זָאגְן פֶּה אֶחָד: "אַ שָׁאד אוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעלְט פַאר אַפָּאר שָׁעָה וֶוען מֶען קֶען דָאס מַאכְן בְּחִנָּם".

דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן מַאכְן פָּשׁוּט'עֶ שִׂמְחוֹת אִיז נִישְׁט מַיין גֶעדַאנְק, דִי זַאךְ פוּן מַאכְן חֲתוּנוֹת בְּחִנָּם אִין יְשִׁיבָה

אָדֶער אִין אַ שׁוּל - קוּמְט פוּן מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס הָאט דָאס שׁוֹין פַּאר לַאנְגֶע יָארְן אַייְנְגֶעפִירְט אִין יַבְנְאֵל פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעבּוֹיט אַ זַאל אִין יַבְנְאֵל אוּנְטֶערְן גְרוֹיסְן שׁוּל אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן בְּחִנָּם; דִי עֶסְן וֶוערְט גֶעקָאכְט דוּרְךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועלְכֶע צֶעטֵיילְן זִיךְ מִיט דִי סְעוּדָה, אֵיינֶער מַאכְט אַ קוּגְל, אֵיינֶער פִישׁ, אֵיינֶער בְּרֶענְגְט חַלוֹת אוּן אַזוֵי וַוייטֶער.

מִיר הָאבְן סַךְ הַכֹּל גֶעטוּן צוּ דִי זַאךְ לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה

וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט; אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאט זִיךְ דָאס פָאריגֶע יָאר וֶוען מֵיידְלֶעךְ פוּן אוּנְזֶער סְקוּל 'בֵּית פֵּיגָא' הָאבְן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן כַּלוֹת. אִין 'בֵּית פֵּיגָא' לֶערְנְט מֶען מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ אַז זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְנְ'ס גֶעלְט, אוּן אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ קוֹיפְן אַ חֲתוּנָה קְלֵייד פוּן טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער פַאר אַפָּאר שָׁעָה וֶוען דֶער טַאטֶע הָאט נִישְׁט דָאס גֶעלְט אוּן עֶר דַארְף בָּארְגְן גֶעלְט, בִּשְׁעַת מֶען קֶען נֶעמֶען פַאר בְּחִנָּם אַ קְלֵייד פוּן אַ גְמַ"ח אוּן הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע טַאטֶע, אוּן אַז עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ דִינְגֶען אַ זַאל פַאר דִי פָּאר שָׁעָה פוּן דִי חֲתוּנָה פַאר צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער בִּשְׁעַת מֶען קֶען חֲתוּנָה הָאבְּן אִין שׁוּל, אוּן מֶען קֶען אָנְהוֹיבְּן דָאס לֶעבְּן מִיט אַ מַאן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אָן בָּארְגְן גֶעלְט. דִי כַּלוֹת הָאבְּן אַלֶע גֶעזָאגְט אַז זֵיי ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן אִין יְשִׁיבָה, הָאבְּן מִיר גֶעקֶענְט אָנְהוֹיבְּן דָאס אוֹיסְפִירְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה אוּן מַאכְן חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה.

**עֶם** פֶּעלְט גָארְנִישְׁט פַּאר דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה, אֵיין זַאךְ אִיז נִישְׁט דָא: "חוֹבוֹת"; דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה זֶענֶען בְּחִנָּם. דִי מוּזִיק מַאכְן דִי בָּחוּרִים, דִי עֶסְן מַאכְן דִי פְּרוֹיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; אֵיינֶער מַאכְט פִישׁ, אֵיינֶער קוּגְל וְכוּ', אֵיינֶער בִּילְקֶעלֶעךְ; טְרִינְקֶען אוּן פֶּעפֶּער-גוּדְס קוּמְט פוּן דִי קָאךְ פוּן יְשִׁיבָה; אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען נִישְׁטָא קַיין סַארְוֶוערְס, דִי עֶסְן לִיגְט אִין דִי זַייט אוּן יֶעדֶער נֶעמְט זִיךְ אַלֵיינְס. בַּיי מִצְוָה טַאנְץ אִיז נִישְׁטָא קַיין לַאנְגֶע דְרָשׁוֹת פוּן הֶסְפֵּדִים, נָאר דֶער שַׁמָּשׁ רוּפְט אוֹיס צוּם טַאנְצְן, עֶר זָאגְט בְּקִיצוּר: "יַעֲמוֹד", "יַעֲמוֹד" פַּאר דִי זֵיידֶעס, מְחוּתָּנִים אוּן חָתָן כַּלָּה. מִשְׁפָּחָה טַאנְצְן נִישְׁט קַיין מִצְוָה טַאנְץ; מִצְוָה טַאנְץ אִיז נָאר פַּאר זֵיידֶעס, עֶלְטֶערְן אוּן חָתָן כַּלָּה.

**דֶער** וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם גֶעדַאנְק פוּן חֲתוּנָה מַאכְן אִין יְשִׁיבָה וְכוּ', אָבֶער דֶער וָואס הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אוּן אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט חוֹבוֹת - דֶער וֵוייסְט שׁוֹין גָאר גוּט דָאס חֲשִׁיבוּת דֶערְפוּן; עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא שִׂמְחָה אַז דִי מְחוּתָּנִים קֶענֶען זִיצְן אוּן עֶסְן רוּאִיג אוּן זֶענֶען זִיךְ מְשַׂמֵּחַ - ווִי וֶוען עֶס קָאסְט זֵיי גָארְנִישְׁט קַיין גֶעלְט.

**בַּיי** חֲתוּנוֹת זֶענֶען אַלֶע פְרֵיילִיךְ; דִי גֶעסְט זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, חָתָן כַּלָּה זֶענֶען מְשׁוּנֶה פְרֵיילִיךְ, דִי מְחוּתָּנִים זֶענֶען אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ - אָבֶער עֶס דְרוּקְט זֵיי דִי חוֹבוֹת. אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען רוּפְן 'הַצָּלָה' בַּיי אַ חֲתוּנָה צוּם מְחוּתָּן וֶוען עֶס

הוֹיבּט אִים אָן דְרוּקְן זַיין הַארְץ פוּן דִי חוֹבוֹת אִין וָואס עֶר אִיז אַריין. וֶוען דִי חֲתוּנָה עֶנְדִיגְט זִיךְ גֵייעֶן אַלֶע אַהֵיים, אַלֶע פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, חוּץ דִי מְחוּתָנִים - זֵיי דַארְפְן נֶעבֶּעךְ בְּלוּטִיגְן פוּן דִי חוֹבוֹת פוּן דִי חֲתוּנָה נַאכְט.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט: "וִוי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס אַריינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט וְכוּ'?" נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן דָאס אַלֶע נָאכְמַאכְן - צִי מֶען וִויל יָא צִי מֶען וִויל נִישְׁט; דֶער עוֹלָם הוֹיבּט אָן כַאפְּן וָואס דִי עֲשִׁירִים טוּעֶן נֶעבֶּעךְ מִיטְ'ן הֲמוֹן עַם, וִוי זֵיי טְרִינְקֶען אוֹיס דָאס בְּלוּט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. זֵיי זֶענֶען קְרַאנְק פַאר אַבִּיסְל כָּבוֹד הַמְּדֻמֶּה דֶערְפַאר וַוייזְן זֵיי בַּיי זֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת אַז זֵיי הָאבְּן גֶעלְט, נָאכְדֶעם דַארְפְן אַלֶע זֵיי נָאכְמַאכְן, וֶועט עֶס סַיי וִוי פְּלַאצְן; עַל כָּל פָּנִים אִיךְ דַארְף זֶען אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין חוֹבוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל לֶעבְּן פַאר זִיךְ, מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ בַּיי אַ שִׂמְחָה אוּן מֶען זָאל הַנָאָה הָאבְּן פוּן דִי שִׂמְחָה, עֶס זָאל זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אָן בָּארְגְן אוּן אָן גַנְבְ'עֶנֶען פוּן אַ צְוֵוייטְן.

# תקלט

## אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן וִוי נֵיי גֶעבּוֹירְן אִין אוּמַאן

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוּי, דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּמֶער הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן דָאס הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן, סְפֶּעצִיעֶל דָאס וָואס אִיר זָאגְט כְּסֵדֶר אַז יֶעדֶער קֶען מַצְלִיחַ זַיין, עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

אִיךְ בִּין שְׁוָוער מִיט עִבְרִי, אָבֶּער מִיט אַייעֶר חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תְּהִלִים יֶעדְן טָאג כָּאטְשׁ וָואס אִיךְ בִּין בִּכְלַל נִישְׁט דִי סָארְט מֶענְטְשׁ צוּ זָאגְן תְּהִלִים, אוּן אִיךְ גֵיי שׁוֹין יֶעצְט עֶנְדִיגְן תְּהִלִים צוּם דְרֵייסִיגְסְטְן מָאל.

דֶער עִיקָּר בִּין אִיךְ אָבֶּער יֶעצְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִין אוּמַאן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל. אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זָאל פָארְן צוּם צִיּוּן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז בִּין אִיךְ גֶעפָארְן אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ בִּין מַמָּשׁ גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דָארְט אַ נֵייעֶ לֶעבְּן. אִיךְ וֵויים אַז יֶעדֶער זָאגְט עֶס, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ וִוי אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶ נְשָׁמָה.

אִיךְ בִּין דֶער לֶעצְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס זָאל פָארְן קַיין אוּמַאן, אוּן אוֹיבּ אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מֵיינְט דָאס אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען אַהִין פָארְן.

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶע חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת אִין לֶעבְּן

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן גֶע'פּוּעֶלְ'ט אַלֶעס גוּטְס; פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְט אִיר אֵייבִּיג זַיין פְּרֵיילִיךְ.

**יֶעצְט** זֶענְט אִיר נַיי גֶעבּוֹירְן, דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אַייעֶר נְשָׁמָה; דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית"; דֶערְפַאר אַז אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן הָאט אִיר אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן זִיךְ אַייעֶר גַאנְצֶע עָבַר, פוּן יֶעצְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ נַייעֶ צַייט פַאר אַייךְ, יֶעצְט וֶועט אִיר זַיין עֶרְלִיךְ אוּן טַייעֶר.

# תקמ

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאן אִיז אַ פַארְשְׁלֶעפְּטֶער?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט וויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי טָאג טֶעגְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ הֶער אוֹיס אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' דֶערְמִיט.

אִיךְ מִיט מַיין מַאן קוּמֶען זִיךְ זֵייעֶר גוּט אוֹיס בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶער מַיין מַאן הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶר אִיז זֵייעֶר אַ פַארְשְׁלֶעפְּטֶער, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק. אִיךְ וויל נִישְׁט זַיין ווי זַיין מַאמֶע אוּן אִים זָאגְן וָואס צוּ טוּן, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַמָאל אִין אַ שִׁיעוּר, אַז אַמָאל מֶעג אַ פְרוֹי יָא זָאגְן פַארְ'ן מַאן "גֵיי לֶערְנֶען".

ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים מְעוֹרֵר זַיין זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִּיס, אָן דֶעם וָואס אִיךְ זָאל זַיין ווי אַ פָּאלִיצִיאַנְטְקֶע וָואס שְׁטֵייט אִים אוֹיפְ'ן קָאפּ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן נֶעמֶען דִי צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן שְׁאֵלוֹת, אוּן אִיךְ וויל בֶּעטְן אַז אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס דֶעם בְּרִיוו, זָאל מֶען שְׁרַייבְּן נָאר דִי עֶנְטְפֶער, נִישְׁט דִי שְׁאֵלָה, ווייל מַיין מַאן לֵיינְט דִי פְּרַאגֶעס אוּן אִיךְ וויל אִים נִישְׁט ווֵיי טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אַז אִיר לֶעבְּט גוּט מִיט אַייעֶר מַאן; וויסְן זָאלְט אִיר אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא**

קַיין חָשׁוּבֿ׳עֶרֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי אַז מַאן און ווַייבּ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עוּקְצִין ג, יב): ״לֹא מָצָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחֲזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָּא הַשָּׁלוֹם״, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער זַאךְ - שָׁלוֹם; ווֶען מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת.

**דָאס** ווָאס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זֶענְט מֶער פְּלִינְק, אָבֶּער אַייעֶר מַאן אִיז מֶער פַארְשְׁלֶעפְּט און דָאס שְׁטֶערְט אַיךְ זֵייעֶר וְכוּ׳; בֶּעט אִיךְ אַיךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט נִישְׁט מַאכְן פוּן דֶעם קַיין עֵסֶק נָאר לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט און שָׁלוֹם.

**מֶענְטְשְׁן** מֵיינֶען אַז מֶען קֶען נָאר זַיין בְּשָׁלוֹם ווֶען בֵּיידֶע הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע מֵיינוּנְגֶען און דִי זֶעלְבֶּע נַאטוּרְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט אָבֶּער פַּארְקֶערְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן פ) אַז שָׁלוֹם אִיז דַוְקָא ווֶען מֶען שְׁטֶעלְט צוּזַאם צְווֵיי פַּארְקֶערְטֶע נַאטוּרְן און מֶען לֶעבְּט אִינְאֵיינֶעם, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב כה, ב): ״עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם אִין הִימְל צְווִישְׁן דִי מַלְאָכִים. זָאגְט דֶער רֶבִּי: ״כִּי זֶה הַמַּלְאָךְ מֵאֵשׁ, וְזֶה מִמַּיִם״, ווַייל אֵיין מַלְאָךְ אִיז פֵייעֶר און אֵיין מַלְאָךְ אִיז ווַאסֶער, ״שֶׁהֵם תְּרֵי הֲפָכִים, כִּי מַיִם מְכַבָּה אֵשׁ״, ווָאס דָאס זֶענֶען צְווֵיי פַּארְקֶערְטֶע זַאכְן, ווַייל ווַאסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר, און פֵייעֶר טְרוּקְנְט אוֹיס ווַאסֶער, ״וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם וּמְחַבְּרָם יַחַד״, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי און עֶר בַּאהֶעפְט זֵיי צוּזַאמֶען; זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָּר שָׁלוֹם, מְחַבֵּר צוּ זַיין צְווֵיי פַּארְקֶערְט זַאכְן, עַיֵּין שָׁם.

אַזוֹי אוֹיךְ זֶעט מֶען אַז בַּיי אֵיין פַּארְפָאלְק אִיז דֶער מַאן פֵייעֶר, מֶער אַ שְׁטֶערְקֶערֶע נַאטוּר אוּן דִי וַוייבּ וַואסֶער - מֶער אַ וֵוייכֶערֶע נַאטוּר, ווִידֶער בַּיים צְוֵוייטְן אִיז פַּארְקֶערְט - זִי אִיז פֵייעֶר אוּן עֶר אִיז וַואסֶער; אָבֶּער שְׁלֵימוּת אִיז וֶוען בֵּיידֶע ווִילְן אֵיין זַאךְ: אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, קִינְדֶער אוּן קִינְדְ'ס קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

אַז אִיר וֶועט רֶעדְן מִיט אִים אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים וָואס עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ וֶועט עֶס נָאר הֶעלְפְן, דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען וֶוערְט ווִי אַ מַאמֶע אָדֶער אַ פָּאלִים לֶעידִי, נָאר פָּשׁוּט זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן - וָואס דָאס וֶועט נָאר מַאכְן בֶּעסֶער; זָאלְט אִיר מִיט אִים שְׁמוּעֶסְן אוּן אִים אוֹיפְמֶערְקְזַאם מַאכְן אוֹיף דִי זַאכְן וָואס בַּאדֶערְן אַייךְ - אָבֶּער נָאר מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם.

זַייט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ לֵייג דִי שְׁאֵלָה פַּארְ'ן רַבִּים, וַוייל אַזוֹי ווִי אִיר זֶענְט נִישְׁט דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מִיט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם וֶועלְן נָאךְ אִידְן הָאבְּן פוּן דֶעם הִתְחַזְקוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תקמא

## מֶעג אַ פְרוֹי זַיין נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג אִינְדֶערְהֵיים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ גֶעהֶער צוּ אַ חָשׁוּבְ'עֶ בַּארִימְטֶע קְהִלָּה וואוּ מֶען לֵייגְט אַרַיין פִיל כּוֹחוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת אוֹיף צְנִיעוּת פוּן פְרוֹיעֶן, אוּן מֶען זֶעט בָּרוּךְ הַשֵּׁם שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָבֶער פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דִי שִׁיעוּרִים אַז אִינְדֶערְהֵיים דַארְף אַ פְרוֹי זִיךְ יָא אַהֶערְשְׁטֶעלְן פַארְ'ן מַאן, אִיז דִי שְׁאֵלָה אוֹיבּ אַ פְרוֹי מֶעג זִיךְ טַאקֶע אָנְטוּן נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג אִינְדֶערְהֵיים אִין דִי צֵייט וֶוען עֶס אִיז דָא קְלֶענֶערֶע קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ, אוּן וָואס אִיז וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין דָא גְרוֹיסֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ? זֵיי הֵייבְּן אוֹיף פַארְוואוּנְדֶערְטֶע אוֹיגְן אַז דִי מַאמֶע טוּט זִיךְ אַזוֹי אָן, אִין קֶעגְנְזַאץ פוּן וִוי אַזוֹי אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי דַארְף אוֹיסְזֶען.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר גֶעבְּן אַ קְלָארֶע תְּשׁוּבָה, וַוייל אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ שׁוֹין מִיט דִי זַאךְ פַאר אַ שְׁטִיק צֵייט.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס אִיר הָאט גֶעהֶערְט, מִן הַסְּתָם הָאט אִיר נִישְׁט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.**

**וְוִיסְן** זָאלְט אִיר אַז צְנִיעוּת אִיז נִישְׁט נָאר אִין גַאס, צְנִיעוּת אִיז סַיי אִין גַאס און סַיי אִין שְׁטוּב, און אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף צְנִיעוּת וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הֵיילִיגֶע קִינְדֶער. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידֶל און צְנִיעוּת'דִיג וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער; דֶערִיבֶּער פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס אִיר זָאלְט אַרָאפְּנֶעמֶען אַייעֶר צְנִיעוּת אִין שְׁטוּב, בִּפְרָט וֶוען אִיר הָאט אַ שְׁטוּב מִיט בָּחוּרִים און גְרוֹיסֶע מֵיידְלֶעךְ און אִיר דַארְפְט זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל זֵיי צוּ וַוייזְן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן צְנִיעוּת.

**אַז** אִיר ווילְט זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶ פְרוֹי פַאר אַייעֶר מַאן זָאלְט אִיר אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן און אִים צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן וְכוּ', אִיר זָאלְט שְׁטֶענְדִיג זַיין גְרֵייט פַאר אִים וְכוּ'. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין עֵירוּבִין ק:) אַ פְרוֹי וָואס אִיז אַלֶעמָאל גְרֵייט פַאר אִיר מַאן וֶועט הָאבְּן אַזֶעלְכֶע וואוּלֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דִי צַייטְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי שְׂכַר פוּן אַ פְרוֹי וָואס אִיז אַלֶעמָאל גְרֵייט פַארְ'ן מַאן.

**נָאךְ** זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת יז.) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אַ גְרֶעסֶערֶע שְׂכַר פַאר פְרוֹיעֶן ווִי פַאר מֶענֶער, וַוייל דִי פְרוֹיעֶן וַוארְטְן אָפּ דִי מֶענֶער און רַאטֶעוֶועט זֵיי פוּן עֲבֵירוֹת.

**דֶערִיבֶּער** בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט וַוייטֶער זַיין שְׁטַארְק מִיט אַייעֶר צְנִיעוּת, אוֹיךְ זָאלְט אִיר שְׁטֶענְדִיג

גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען, דוּרְכְדֶעם וֶועט אִיר הָאבְּן חֵן אִין אַייעֶר מַאן׳ס אוֹיגְן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן בְּאַהֲבָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרע וֶועגְן.**

## תקמב

### זָאל אַ טַאטֶע לֶערְנֶען מִיט זַיינֶע בָּחוּרִים?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ ווִיל וויסְן וָואס צוּ טוּן וֶועגְן לֶערְנֶען מִיט מַיינֶע בָּחוּרִים. אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ בָּחוּר הָאב אִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט לִיב גֶעהַאט וֶוען מַיין טַאטֶע הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט מִיר, אֲפִילוּ עֶר אִיז אַן עֶכְטֶער נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל בֶּאֱמֶת נָאר דִי טוֹבָה פוּן דִי קִינְדֶער, אָבֶּער אִיךְ הָאב פָּשׁוּט נִישְׁט הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים, דֶערִיבֶּער ווִיל אִיךְ וויסְן אוֹיבּ אִיךְ מוּז טַאקֶע לֶערְנֶען מִיט מַיינֶע בָּחוּרִים, אָדֶער זָאל אִיךְ זֵיי לָאזְן אַלֵיין אוֹיפְוואַקְסְן.

אִיךְ רֶעד דַוְקָא פוּן בָּחוּרִים, ווַייל אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז מִיט קִינְדֶער פֶּעלְט יָא אוֹיס צוּ לֶערְנֶען.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וּבִפְרַט פַאר דִי הֶערְלִיכֶע בְּרִיוו

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח' אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**וְזִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז חִינוּךְ אִיז זַייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה, בִּפְרַט אִין אוּנְזֶער דוֹר וֶוען דִי וֶועלְט אִיז בְּרֵייט אָפְן וְכוּ'.

**אוֹיבּ** דוּ ווִילְסְט גֶעבְּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם כְּלַל: "מֶען דַארְף קוֹדֶם זִיךְ אַלֵיינְס מְחַנֵךְ זַיין"; וַוייז פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אִין שְׁטוּבּ וְכוּ' אוּן זִיכֶער נִישְׁט שְׁרֵייעֶן קַיין נִיבּוּל פֶּה - נִישְׁט דוּ אוֹיף דַיין וַוייבּ אוּן נִישְׁט דַיין וַוייבּ אוֹיף דִיר, כְּדֵי דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זֶען ווִי דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

**זֶע** אַז עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ; עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שׁוּם עַצְבוּת אוּן כַּעַס אִין שְׁטוּבּ וְכוּ' - דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ וָואס מֶען קֶען גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער. וַוייל קִינְדֶער מַאכְן נָאךְ זַייעֶר עֶלְטֶערְן, וָואס זֵיי זֶעעֶן בַּיי דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע וֶועלְן זֵיי נָאךְ טוּן, אוּן וָואס זֵיי הֶערְן רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ רֶעדְן זֵיי נָאכְדֶעם אוֹיפְ'ן גַאס. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נו:): "שׁוּתָא דִינוּקָא אוֹ דַאֲבוּהָ אוֹ דְאִימֵּיהּ", וָואס אַ קִינְד רֶעדְט - הָאט עֶר גֶעהֶערְט אָדֶער פוּן זַיין טַאטֶע אָדֶער פוּן זַיין מַאמֶע; דָאס אִיז דִי

עֶרְשְׁטֶע כְּלַל אִין חִינוּךְ צוּ זַיין אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל, וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. אַזוֹי אוֹיךְ, אַז מֶען וִויל דֶער קִינְד זָאל לֶערְנֶען דַארְף דֶער טַאטֶע לֶערְנֶען - וֶועט דֶער קִינְד שׁוֹין בְּמֵילָא לֶערְנֶען.

**בְּנוֹגֵעַ** דַיין פְרַאגֶע צִי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען בְּחַבְרוּתָא מִיט דַיינֶע בָּחוּרִים; עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דֶעם בְּאוֹפֶן כְּלָלִי וַוייל יֶעדֶע קִינְד אִיז אַ וֶועלְט פַאר זִיךְ. עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס הָאבְּן לִיבּ צוּ לֶערְנֶען מִיטְ'ן טַאטְ'ן, זֵיי ווילְן אַלֶץ לֶערְנֶען נָאךְ שִׁיעוּרִים, ווידֶערְאוּם זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן וְכוּ', עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין זֵייעֶר נַאטוּר, אָבֶּער דָאס אִיז זִיכֶער אַז אוֹיבּ דוּ ווילְסְט דַיין קִינְד זָאל לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ אַלֵיינְס לֶערְנֶען, וֶועט עֶר אוֹיךְ לֶערְנֶען.

**צְוֵוייטְנְס** דַארְף מֶען וויסְן, אַז אוֹיבּ מֶען וִויל עֶפֶּעס פּוֹעֵלְ'ן בַּיים קִינְד דַארְף מֶען דָאס אִין אִים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט, מִיט כֹּחַ קֶען מֶען נִישְׁט אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף זֵיי וַוייל דָאס מַאכְט אַז שְׁפֶּעטֶער זָאלְן זֵיי דָאס פַיינְט הָאבְּן וְכוּ', דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ בַּאצְווינְגֶען אַ קִינְד.

**אַמָאל** אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּיְ'ן אוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן וֶועג הָאט עֶר גֶע'חַזֶר'ט מִיט זַיין קִינְד: "אוֹיבּ דֶער רֶבִּי וֶועט דִיר מְכַבֵּד זַיין מִיט טְרִינְקֶען זָאלְסְטוּ זָאגְן סַבְרֵי מָרָנָן וְכוּ'", אַ גַאנְצֶע וֶועג הָאט עֶר אִים גֶעלֵייגְט לַחַץ

און גֶעזָאגְט: "גֶעדֶענְקְ'זְשֶׁע! גֶעדֶענְקְ'זְשֶׁע!" וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן פַּארְ'ן קִינְד דֶעם בֶּעכֶער, הָאט דָאס קִינְד - אַנְשְׁטָאט זָאגְן סַבְרֵי מָרָנָן - אָנְגֶעהוֹיבְּן: "גֶעדֶענְקְ'זְשֶׁע!"...

**הָאט** דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם טַאטְ'ן דִי שִׂיחָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תלב): "מַה שֶּׁהַמְלַמְּדִים דּוֹחֲקִים אֶת הַתִּינוֹק בְּיוֹתֵר, עַל יְדֵי זֶה אֵינוֹ יוֹדֵעַ הַתִּינוֹק כְּלָל", דָאס וָואס מֶען דְרוּקְט אוֹיפְ'ן קִינְד, דוּרְךְ דֶעם וֵוייסְט דֶער קִינְד גָארְנִישְׁט, "רַק צְרִיכִין לִהְיוֹת אֻמָּן גָּדוֹל בָּזֶה לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק בְּהַדְרָגָה בְּלִי אִיּוּם הַרְבֵּה, וּבְלִי דֹחַק יוֹתֵר וְכוּ', וְעַל יְדֵי זֶה יִתְפֹּס יוֹתֵר בְּנָקֵל", מֶען דַארְף זַיין אַ חָכָם צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט מִיטְ'ן קִינְד שְׁטַייטְלִיךְ, צוּבִּיסְלִיךְ, אָן לֵייגְן אוֹיפְ'ן קִינְד אַ פַּחַד און אָן לֵייגְן דְרוּק, אַזוֹי וֶועט עֶר בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶע'חַזֶר'ט מִיט דַיין זוּן אַבִּיסְל וֵויינִיגֶער מָאל און אָן קַיין דְרוּק וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט זָאגְן דֶעם 'סַבְרֵי מָרָנָן', נָאר פוּן אַזוֹיפִיל מָאל אִיבֶּערְזָאגְן 'גִידֶענְקְ'זֶע', 'גִידֶענְקְ'זֶע', גִידֶענְקְ'זֶע', פוּן גְרוֹיס פַּחַד גֶעדֶענְקְט עֶר נָאר דָאס וָוארְט 'גִידֶענְקְ'זֶע'".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

# תקמג

## עֶס קוּמְט מִיר נִישְׁט אוּנְטֶער קַיין בִּזְיוֹנוֹת, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ חָתָן, אִיךְ גְּרֵייט זִיךְ אוֹיף מַיין חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמְצְלַחַת אוּן אִיךְ ווִיל ווִיסְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית.

אִיךְ ווֵייס אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז יֶעדֶער קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה ווִיל אִיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען פַארְרֶעכְט דָאס. אִיךְ ווֵייס אוֹיךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז אָפְּשְׁווַיינְגְן אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת, ווָאס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז עֶס קוּמְט מִיר נִישְׁט אוּנְטֶער קַיין בִּזְיוֹנוֹת?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן, אַזוֹי ווִי אִיךְ זֶע אַז אַלְס חָתָן בִּין אִיךְ לֵיידֶער אוֹיךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן, ווִיל אִיךְ ווִיסְן צִי עֶס גֵייט זִיךְ טַאקֶע טוּישְׁן בַּיי מִיר נָאךְ דִי חֲתוּנָה? ווַייל אִיךְ זֶע בְּרִיוו פוּן אִינְגֶעלַייט ווָאס זָאגְן אַז זֵיי פַאלְן אוֹיךְ אַרָאפּ[כא].

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ח' אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מַזָל טוֹב חָתָן! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב.**

כא. מֶער אִיבֶּער דֶעם אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב תקטז, תקל.

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ גֵייסְט שׁוֹין צוּ דַיין חֲתוּנָה; דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז פַאר אַ חָתָן אִיז מֶען מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שְׁמוּאֵל יז, א; הוּבָא בְּרַשִׁ"י בְּרֵאשִׁית לו, ג): "שְׁלֹשָׁה מוֹחֲלִים לָהֶן עֲוֹנוֹתֵיהֶן - גֵּר שֶׁנִּתְגַּיֵּר, וְהָעוֹלֶה לִגְדוּלָה, וְהַנּוֹשֵׂא אִשָּׁה", פַאר דִי דְרֵיי מֶענְטְשְׁן אִיז מֶען מוֹחֵל זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, אַ גֵר וָואס אִיז זִיךְ מְגַיֵיר, וֶוען אֵיינֶער אִיז עוֹלֶה לִגְדֻלָּה אוּן אַ חָתָן וָואס הָאט חֲתוּנָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "מָחֲלַת" - שֶׁנִּמְחֲלוּ עֲוֹנוֹתָיו.

יֶעצְט וֶוען דוּ גֵייסְט חֲתוּנָה הָאבְּן - גֵייסְטוּ אָנְהוֹיבְּן אַ נֵייעֶ בְּלֶעטְל אִין לֶעבְּן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל נָאכְגֶעזָאגְט פַאר אַ חָתָן דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת טז:): "כֵּיצַד מְרַקְּדִין לִפְנֵי הַכַּלָּה", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען: "כֵּיצַד 'מְרַקְּדִין וּמְדַלְּגִין' עַל מַה שֶׁהָיָה לִפְנֵי הַכַּלָּה, הַיְנוּ לִפְנֵי הַחֲתֻנָּה", אַז מְרַקְּדִים אִיז טַייטְשׁ 'טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען'; מֶען דַארְף אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי חֲתוּנָה; דָאס הֵייסְט, אַז אַ חָתָן דַארְף פַארְגֶעסְן זַיין גַאנְצֶע עָבַר אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנַיי (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקפו).

אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרֶער חָתָן, שְׁלֶעפּ נִישְׁט מִיט מִיט דִיר דַיין גַאנְץ לֶעבְּן דַיינֶע אַלְטֶע חֲטָאִים. וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, יֶעצְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַלֶעס פוּנְדָאסְנַיי; אִיךְ וֵוייס אַז דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְגִינְט דִיר נִישְׁט אַז דוּ גֵייסְט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן דוּ גֵייסְט וֶוערְן הֵיילִיג אוּן רֵיין, דֶערְפַאר בְּרֶענְגְט

ער דיר אַריין כָּל מִינֵי פְּראגֶעס און עֶר צֶעבְּרֶעכְט דִיר מִיטְ'ן
דִיר מַאכְן טְרַאכְטְן אַז דוּ וֶועסְט אֵייבִּיג אַרָאפְּפַאלְן וְכוּ'.

**בֶּעט** אִיךְ דִיר חָתָן, פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען און הוֹיבּ אָן מִיט אַ נַייעֶ הַתְחָלָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "'בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה', וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער און אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז אַדוּרְךְ, און דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנַייעֶן און אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנַיי".

**מַאךְ** זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט דִיר אוֹיסְוַואשְׁן פוּן דַיינֶע חֲטָאִים; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט אִין אָנְהוֹיבּ וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, וַוייל וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - וֶוערְט אִים פַארְ'תַּמ'ט דִי קָאפּ, עֶר קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קָאנְצֶענְטְרִירְן און פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט. זָאלְסְט זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת וֶועסְטוּ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּוַואשְׁן פוּן דַיין עָבַר און דוּ וֶועסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אוֹיף וַוייטֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט גֵיין צוּ דַיין חֲתוּנָה מִיט מַזָל און בְּרָכָה.

# תקמד

**מַיין וַוייב אִיז צוּ שְׁטַארְק פְרוּם, וָואס טוּ אִיךְ?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם גְלִיקְלִיךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט, אָבֶער אִיךְ הָאבּ אֵיין פְּרָאבְּלֶעם, מַיין וַוייבּ אִיז גֶעגַאנְגֶען אַלְס כַּלָּה צוּ גָאר אַ פְרוּמֶע כַּלָּה טִיטְשֶׁער וָואס הָאט אִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַארְשִׁידֶענֶע חוּמְרוֹת יְתֵרוֹת, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק; אִיךְ וֵויְיס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיר אוֹיפְצוּקְלֶערְן אַז מֶען הָאט אִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאלְשֶׁע זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן תּוֹרָה'דִיג, וָואס קֶען אִיךְ טוּן וֶועגְן דֶעם?

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ וַוייטֶער גֶעבְן אַסַאךְ כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶעט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח' אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַנְשְׁטָאט** קְרֶעכְצְן וְכוּ' - זָאלְסְטוּ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַן עֶרְלִיכֶע אֵיידֶעלֶע צְנִיעוּת'דִיגֶע וַוייבּ.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי מַעֲלָה פוּן הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶע וַוייבּ וָואס וֶועט זַיין אַן עֶרְלִיכֶע מַאמֶע פַאר

דַיינֶע קִינְדֶער; נִישְׁט אַלֶע אִינְגֶעלַייט וֵוייסְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן אַן עֶרְלִיכֶע וַוייבּ, נָאר הֶערְשְׁט שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין קִינְדֶער, דֶעמָאלְט הוֹיבְּט מֶען אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה, אַז מֶען הָאט אַן עֶרְלִיכֶע וַוייבּ וָואס אִיז אַ גֶעטְרֵייעֶ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער.

**אַז** דַיין וַוייבּ פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ אִיז דָאס נָאר אַ מַעֲלָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה, מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידֶל אוּן צְנִיעוּת'דִיג וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער; דוּ ווִילְסְט דָאךְ אַוַדַאי עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ מְחַזֵק זַיין דַיין וַוייבּ אוּן אִיר אַרוֹיפְקוּקְן. שְׁלֶעפּ אִיר נִישְׁט אַרָאפּ אוּן זוּךְ נִישְׁט ווִי דוּ קֶענְסְט אַרָאפְּרַייסְן אִיר צְנִיעוּת אוּן עֶרְלִיכְקֵייט מִיטְ'ן אִיר בֶּעטְן זִי זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן מֶער אוֹיפְפַאלְנְד אוּן אוֹיפְרַייסְנְדִיג; עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי פָּאר יָאר וָואס מֶען אִיז יוּנְג וְכוּ' אוּן נָאכְדֶעם רַייסְט מֶען זִיךְ דִי הָאר פוּן קָאפּ אַז מֶען הָאט פַארְלוֹירְן דָאס אֵיידְלְקֵייט אוּן טַייעֶרְקֵייט וְכוּ'.

**בְּנוֹגֵעַ** דִי חוּמְרוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִיר וְכוּ'; עֶס אִיז כְּדַאי זִי זָאל דָאס אַלֵיינְס הֶערְן פוּן אַן עֶרְלִיכְן רַב. גֵיי מִיט אִיר צוּ דַיין דַיָין אָדֶער דַיין רַב, אַז זִי וֶועט רֶעדְן מִיט דַיין דַיָין וֶועט זִי עֶס בֶּעסֶער קֶענֶען נֶעמֶען ווִי אוֹיבּ זִי וֶועט עֶס הֶערְן פוּן דִיר, וַוייל אַז דוּ וֶועסְט אַוֶועק מַאכְן וָואס זִי הָאט גֶעהֶערְט וְכוּ' וֶועסְטוּ נָאר עֶרְגֶער מַאכְן.

**וּוַאוֹיל** אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס זוּכְט נָאר ווִי אַזוֹי עֶר קֶען הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶע וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ, אַן עֶרְלִיכֶע ווִינְקְל

פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, און עֶר איז מְחַזֵק זַיין וַוייבּ אַז זִי זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל און עֶרְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תקמה

### קֶען מֶען לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת פַאר עֶטְלִיכֶע נְשָׁמוֹת אוֹיפְאַמָאל?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וְכוּ' וָואס זֶענֶען בֶּאֱמֶת מְחַיֶּ' נְפָשׁוֹת, בִּפְרַט אִין דִי הַיינְטִיגֶע דוֹרוֹת; חִזְקוּ וְאִמְצוּ אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז, אִיךְ לֶערְן מִשְׁנַיּוֹת לְעִלּוּי נִשְׁמַת פַארְשִׁידֶענֶע יְדִידִים און מִשְׁפָּחָה, זֵיידֶעס און בַּאבֶּעס, אִיז דִי שְׁאֵלָה אוֹיבּ מֶען קֶען לֶערְנֶען פַאר עֶטְלִיכֶע נְשָׁמוֹת אוֹיף אֵיין מָאל, דְהַיְינוּ אִיךְ זָאג הֲרֵינוּ לוֹמֵד לְעִלּוּי נִשְׁמַת דֶעם און לְעִלּוּי נִשְׁמַת יֶענֶעם, און אַזוֹי וַוייטֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ח' אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת טוּט פַאר דִי נְשָׁמָה; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט** (מִדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת

אוֹת אל״ף, סוֹף עֲנַף "אֵפוֹד") אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִנוֹם אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער מֶען לֶערְנְט פַאר אִים מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט אַרַיין אִין גֵיהִנוֹם; דֶער חִידָ״א (מִדְבָּר קְדֵמוֹת מַעֲרֶכֶת א, אוֹת נא) טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, כ): "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ", 'שְׁמֵנָה' אִיז דִי אוֹתִיוֹת 'מִשְׁנָה', וֶוען 'אָשֵׁר' זֶעט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט 'מִשְׁנָה', "וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ", גֶעבְּט עֶר אִים גַן עֵדֶן; אַזוֹי אוֹיךְ נֶעמְט מִשְׁנַיוֹת אַרוֹיס דִי נְשָׁמָה פוּן אַלֶע קְלִיפּוֹת.

זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנַיוֹת פַאר דַיין נְשָׁמָה; דוּ דֶערְמַאנְסְט מִיר אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דֶער מַשְׁגִיחַ פוּן יְשִׁיבָה פְלֶעגְט אִים כְּסֵדֶר פְרֶעגְן: "וָואס, דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנַיוֹת?" אוּן כְּדַאי צוּ בַּאהַאלְטְן זַיין הִתְקַרְבוּת אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה וְכוּ' פְלֶעגְט עֶר עֶנְטְפֶערְן פַאר'ן מַשְׁגִיחַ: "יָא, אִיךְ לֶערְן מִשְׁנַיוֹת. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוּנְטֶער גֶענוּמֶען צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת פַאר אַ נְשָׁמָה וְכוּ'"; אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט, אָבֶער וֶוען דֶער מַשְׁגִיחַ הָאט גֶעזֶען אַז דֶער בָּחוּר לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת יֶעדֶע נַאכְט פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן שׁוֹין בַּאלְד אַ גַאנְצֶע יָאר הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶפֶּעס שְׁטִימְט נִישְׁט דָא, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם בָּחוּר: "זָאג מִיר דִי נָאמֶען פוּן דִי נְשָׁמָה פַאר וֶועם דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנַיוֹת", הָאט דֶער בָּחוּר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "פַאר מַיין אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה, אִיךְ ווִיל זִיךְ מְתַקֵן זַיין". וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער מַשְׁגִיחַ

פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין פַארְ׳ן מַשְׁגִּיחַ: ״אִיךְ מוּז שְׁטַארְבְּן אַז מֶען זָאל מִיךְ מְתַקֵּן זַיין? אִיךְ וִויל שׁוֹין יֶעצְט אַרוֹיסְנֶעמֶען מַיין נְשָׁמָה פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית...״ וֶוען דֶער מַשְׁגִּיחַ הָאט גֶעהֶערְט דִי פָּשׁוּט׳עֶ אֱמֶת׳עֶ וֶוערְטֶער פוּן דֶעם בָּחוּר הָאט עֶר אִים גֶעלָאזְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט זַיין לִימּוּד ח״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

זַיי וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ מִיטְ׳ן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת; דָאס וֶועט פַארְרֶעכְטְן סַיי דַיין נְשָׁמָה אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי נְשָׁמוֹת פוּן אַלֶע דַיינֶע זֵיידֶעס אוּן בָּאבֶּעס וְכוּ׳. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים (עַיֵּין בְּסֵפֶר קוֹל סוֹפֵר עַל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, חֵלֶק ב) אַז אֲפִילוּ אוֹיב מֶען אִיז נִישְׁט מַזְכִּיר דִי נֶעמֶען פוּן דִי זֵיידֶעס אוּן בָּאבֶּעס - וֶוערְן זֵיי אַלֶע פַארְרָאכְטְן וֶוען זֵייעֶר קִינְד אָדֶער אֵיינִיקְל לֶערְנְט אוּן טוּט גוּטֶע מַעֲשִׂים, עֶס וֶוערְט נִישְׁט אַרָאפְּגֶערֶעכְנְט פוּן קֵיינֶעם קַיין חֵלֶק פוּן דִי שְׂכַר; אוּנְזֶער מֹחַ אִיז בַּאגְרֶענִיצְט, דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵייט מֶען דָאס נִישְׁט, אָבֶּער אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַלֶעס רוּחָנִיוּת, דָארְט נֶעמֶען אַלֶע נְשָׁמוֹת גְלַייךְ שְׂכַר פוּן דִי מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מֶען טוּט פַאר זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תקמו

## אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ, אִיר הָאט גֶעראַטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן!

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיבֶּער אַ הַאלְבּ יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ קַארְטְל פוּן אַ בָּחוּר מִיט דִי נוּמֶער פוּן דִי "קוֹל בְּרֶסְלֶב" הַאטְלַיין, וואוּ מֶען קֶען הֶערְן שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעהֶערְט אַרוּם דְרַייסִיג טוֹיזְנְט מִינוּט פוּן עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶענוּמֶען דִי מִי צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל צוּ שְׁרַייבְּן אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ, צוּ דַאנְקֶען אוֹיף דֶעם וָואס אִיר הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶעגֶעבְּן לֶעבְּן.

דִי פִילֶע עֵצוֹת הָאבְּן מִיר אַזוֹיפִיל גֶעהָאלְפְן אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אוּן סְפֶּעצִיעֶל דִי עֵצָה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְט, אוּן דִי עֵצוֹת אוֹיף שְׁלוֹם בַּיִת הָאבְּן מִיר גָאר שְׁטַארְק גֶעהָאלְפְן אִין מַיין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

אַ חוֹדֶשׁ צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיים צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אִין יַבְנְאֵל אוּן מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן הָאבּ אִיךְ דָארְט גֶעדַאנְקְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַזַא תַּלְמִיד וָואס גֶעבְּט אִיבֶּער וַוייטֶער זַיינֶע לִימוּדִים, אוּן וָואס אִיז מְחַזֵק דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ וַוייטֶער גֶעבְּן פִיל כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, פּוּרִים קָטָן, י"ד אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶה' מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן מִיט תַּכְלִית. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שכ): "כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּת אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל, יִהְיֶ' מַה שֶּׁיִּהְיֶ'", וֶוער עֶס וֶועט מִיךְ פָּאלְגְן אוּן טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הֵייס וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק - זָאל עֶס זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

**אַיין** זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועט דַיין הִתְקַרְבוּת זַיין אַ זַאךְ וָואס וֶועט אָנְהַאלְטְן אוֹיף שְׁטֶענְדִיג. וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף מֶען אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זַיין מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן סֵפֶר הַמִּדּוֹת; אַזוֹי וֶועט דַיין הִתְקַרְבוּת זַיין שְׁטַארְק אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן

פוּן קֵיינֶעם וְכוּ'. וַוייל לֵיידֶער אִין בְּרֶסְלֶב דְרֵייעֶן זִיךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוּן זֶענֶען מַחְלִיש דַעַת פְּרִישֶׁע מְקוּרָבִים וְכוּ' מִיט שִׂיחוֹת וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעשְׁטוּיגְן אוּן נִישְׁט גֶעפְלוֹיגְן, אוּן דוּרְכְדֶעם זֶענֶען זֵיי מְרַחֵק פְּרִישֶׁע מְקוּרָבִים וָואס קֶענֶען נָאכְנִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת אוּן שִׂיחוֹת, אוּן מֵיינֶען אַז יֶעדֶער וָואס דְרֵיידְט זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד.

**אַזוֹי** ווִי דִי מַעֲשֶׂה גֵייט מִיט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה וָואס הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ הִיטְשׁ (טְרֶעמְפּ) מִיט אֵיינֶעם יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק; אַזוֹי שְׁמוּעֶסְנְדִיג זָאגְט עֶר פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן", אוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אִים מְקַנֵא גֶעוֶוען. נָאכְדֶעם וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר אִים דָאס דֶערְצֵיילְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ אִיד יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק וָואס הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן", זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק הָאט נִישְׁט 'גֶעקֶענְט' דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט 'גֶעזֶען' דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ 'קֶענְסְט' דֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל דוּ לֶערְנְסְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן", אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק גֶעפִוּנְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; קוּמְט אוֹיס אַז אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - דֶער קֶען דֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי סְפָרִים הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן.

דֶערִיבֶּער אַז אִיךְ זֶע אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיט אַזַא שִׂמְחָה אַז דַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ דִיר גֶעטוּישְׁט צוּם גוּטְן, בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - בִּפְרַט אִינֶעם סֵפֶר הַקָדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַחַל וָואס אִיז כָּלוּל פוּן אַלֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן - וֶועט דִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן רֶבִּי'ן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן שַׁייְכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים"; זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אִינֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תקמז

### מֶעג מֶען אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ וַוייל יֶענֶער אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין צְוֵויי מָאל בַּיים צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אִין יַבְנְאֵל אוּן דָארְט אוֹיסְגֶעזָאגְט צְוֵויי מָאל גַאנְץ תְּהִלִים, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ טְרֶעפְן מַיין רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

איך הֶער בַּיי דִי שִׁיעוּרִים ווי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט זַייעֶר אַסַאךְ וֶועגְן נִישְׁט אָפְּזָאגְן שִׁידוּכִים, מַיין שְׁאֵלָה אִיז, אַזוֹי ווי אִיךְ ווִיל זַייעֶר שְׁטַארְק הָאבְּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שִׁידוּךְ, אָדֶער כָאטְשׁ אַ בָּחוּר וָואס הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים אוּן פִּירְט זִיךְ לוֹיט דִי שִׁיעוּרִים; מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אוֹיךְ מַסְכִּים אוֹיף אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שִׁידוּךְ אָבֶּער דֶערְוַוייל הָאט מֶען נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעטְרָאגְן אַזַא שִׁידוּךְ, אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיבּ אִיךְ מֶעג אָפְּזָאגְן שִׁידוּכִים צוּלִיבּ דֶעם אַז דֶער בָּחוּר אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"א אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.**

**וֶוען מֶען ווִיל טוּן אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען דֶער עִיקָר קוּקְן אוֹיפְ'ן בָּחוּר צִי עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן גוּטֶע מִידוֹת.**

אַז מֶען אִיז זוֹכֶה, מֶען טְרֶעפְט אַ בָּחוּר מִיט גוּטֶע מִידוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם - הָאט מֶען אַ גוּט לֶעבְּן, מַה שֶׁאֵין כֵּן אַ בָּחוּר אָן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אָן גוּטֶע מִידוֹת אִיז אַ סַכָּנָה צוּ לֶעבְּן מִיט אַזַא אֵיינֶעם. אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן פַאר אַ טַאטֶע וָואס זוּכְט אַ שִׁידוּךְ פַאר זַיין טָאכְטֶער (פְּסָחִים מט:): זָאלְסְט נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן דַיין טָאכְטֶער מִיט אַן עַם הָאָרֶץ, "רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר כָּל הַמַּשִּׂיא בִּתּוֹ לְעַם הָאָרֶץ", וַוייל אוֹיבּ אַ טַאטֶע נֶעמְט פַאר זַיין טָאכְטֶער אַ מַאן אַן עַם

הַארץ, "כְּאִילוּ כּוֹפְתָהּ וּמַנִּיחָהּ לִפְנֵי אֲרִי", אִיז אַזוֹי ווי עֶר וָואלְט איר גֶעבִּינְדְן און גֶעלֵייגְט פַאר אַ לֵייבּ וָואס דַאן וָואלְט אִיר דֶער לֵייבּ זִיכֶער פַארְצִיקְט, אַזַא סַכָּנָה אִיז חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט אֵיינֶעם אָן יִרְאַת שָׁמַיִם; אַזוֹי אוֹיךְ זָאג אִיךְ אַייךְ, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ בַּאקוּמֶען אַ בָּחוּר וָואס פַארְרוּפְט זִיךְ אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, ווייל נִישְׁט יֶעדֶער בָּחוּר וָואס פַארְרוּפְט זִיךְ אַ "בְּרֶסְלֶבְ'עֶר" אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר בָּחוּר; לֵיידֶער בַּיים רֶבִּי'ן אַלֵיינְס דְרֵייעֶן זִיךְ כָּל מִינֵי מֶענְטְשְׁן וְכוּ' וְכוּ' הַשֵּׁם יְרַחֵם, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר דֶער עִיקָר נָאכְקוּקְן אוֹיף זַיינֶע מִידוֹת און אוֹיף זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

וְוִיסְן זָאלְט אִיר אַז אַ פְרוֹי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת - סַיי לְטוֹב און סַיי אוֹיף פַּארְקֶערְט, אַ פְרוֹי קֶען אוֹיפְהֵייבְּן אִיר מַאן עֶר זָאל וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק און חַס וְשָׁלוֹם אוֹיךְ אִים אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען. אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד שֶׁהָיָה נָשׂוּי לַחֲסִידָה אַחַת", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, "וְלֹא הֶעֱמִידוּ בָנִים זֶה מִזֶּה", און עֶס זֶענֶען אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, "אָמְרוּ אֵין אָנוּ מוֹעִילִים לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלוּם, עָמְדוּ וְגֵרְשׁוּ זֶה אֶת זֶה", צוּם סוֹף הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶע'גֶט, "הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע", דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי און זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ רָשָׁע, "הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִּיק",

און דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ רָשָׁע, און זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, פִּירְט אוֹיס דֶער מֶדְרָשׁ: "הֱוֵי שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי פְרוֹי; אַז אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן וִוי דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אִיר וֶועט זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיר דַארְפְט וֶועט אִיר זִיךְ נָאר וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, דַאן וֶועט אַייעֶר מַאן אַייךְ נָאכְגֵיין.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג וָואס זָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער גֶעזוּנְטֶער פְרֵיילִיכֶער בָּחוּר; אַ בָּחוּר וָואס לֶעבְט מִיט דִי תּוֹרָה, לֶעבְט מִיט אֱמוּנָה, גְלֵייבְּט אִין דִיר און גְלֵייבְּט אִין צַדִיקִים. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דוֹרוֹת עֶרְלִיכֶע אִידְן, און אִיךְ און מַיין מַאן זָאלְן לֶעבְן בְּשָׁלוֹם מִיט אַהֲבָה, מִיט אַחְוָה און מִיט פְרֵידְן"; אַזוֹי זָאלְט אִיר מִתְפַּלֵל זַיין און צוּלֵייגְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת אַלֶע פְּרָטִים און פְּרָטֵי פְּרָטִים וָואס אִיר דַארְפְט און ווִילְט הָאבְן אִין אַייעֶר לֶעבְן, וֶועט אַייךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם אַלֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן בְּקָרוֹב אַייעֶר זִיווּג און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב.

# תקמח[כב]

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ רַאטֶעוֶוען מַיין שְׁוֶועסְטֶער

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה וֶועגְן מַיין שְׁוֶועסְטֶער, אַ פוּפְצְן יֶערִיגֶע מֵיידְל פוּן אַ חֲסִידִי'שֶׁע שְׁטוּב וָואס גְלִיטְשְׁט יֶעדְן טָאג מֶער אוּן מֶער פוּן אִידִישְׁקֵייט, זִי הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אָן אַ פִילְטֶער אוּן זִי אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם טָאג אוּן נאכְט; וָואלְט אִיר מִיר גֶעקֶענְט גֶעבְן אַן עֵצָה צוּ וֶועמֶען צוּ גֵיין? צוּ וֶועלְכֶע עַסְקָנִים זִיךְ צוּ וֶוענְדְן? אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס אִיךְ קֶען טוּן אִיר צוּ רַאטֶעוֶוען?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַז דוּ ווִילְסְט הֶעלְפְן דַיין שְׁוֶועסְטֶער זִי זָאל נִישְׁט אַוֶועק גְלִיטְשְׁן פוּן אִידִישְׁקֵייט זָאלְסְטוּ אִיר רוּפְן צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ זִי זָאל פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִיר, מִיט דַיין ווַייבּ אוּן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; אַז זִי וֶועט זֶען דַיין ווַארֶעמֶע שְׁטוּבּ, דַיינֶע זִיסֶע קִינְדֶער אוּן דַיין שֵׁיינֶע אוֹיפְפִירוּנְג - ווִי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט מִיט דַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, דַאן וֶועט זִי מַחְלִיט זַיין אָפְּצוּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ.**

כב. מֶער אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב תקסד.

**לֵיידֶער** זֶענֶען דָא הַיינְט אַסאךְ בְּנֵי הַנְּעוּרִים וָואס גֵייעֶן אַוֶועק פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וַוייל זֵיי מֵיינֶען אַז דֶער 'נִישְׁט אִיד' הָאט אַ גוּט לֶעבְּן; עַל פִּי רוֹב זֶענֶען דָאס קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶערְבִּיטֶערְט אוּן צֶעקְלַאפְּט קוּמֶענְדִיג פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער, קִינְדֶער וֶועם מֶען טְשֶׁעפֶּעט, אָדֶער קִינְדֶער וָואס טְרֶעפְן זִיךְ נִישְׁט דָאס פְּלַאץ אִין שְׁטוּב, אַלְס רֶעזוּלְטַאט אַנְטְלוֹיפְן זֵיי צוּם סְמַארְטְפָאוֹן אוּן קוּמֶען אָן צוּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן הַשֵּׁם יְרַחֵם. דֶערִיבֶּער, וֶוען מֶען וַוייזְט זֵיי אַ וַוארֶעמֶע אִידִישֶׁע הֵיים אוּן זֵיי זֶעעֶן דָאס לֶעבְּנְסְשְׁטֵייגֶער פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, ווִי עֶר רֶעדְט שֵׁיין אוּן אֵיידְל מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, ווִי זִיס אַ שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה אִיז, דוּרְכְדֶעם ווִילְן זֵיי אַלֶע בְּלַייבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**לָאז** זִיךְ אָפּ פוּן עַסְקָנִים וְכוּ', גֶעדֶענְק וָואס דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה ב, כב): "חִדְלוּ לָכֶם מִן הָאָדָם אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְּאַפּוֹ כִּי בַמֶּה נֶחְשָׁב הוּא"; אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן אוּן זוּכְן עַסְקָנִים וָואס קֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן וֶוענְד זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דַיין שְׁוֶועסְטֶער אוּן אִין אַלֶע אִידְן אַ רוּחַ טָהֳרָה - אַ הֵיילִיגֶע גֵייסְט אוּן אַ רֵיינְקֵייט, מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ בִּיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וָואס דֶעמָאלְט וֶועט אַוֶועקְגֵיין דִי רוּחַ הַטֻּמְאָה אוּן עֶס וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (זְכַרְיָה יג, ב): "וְאֶת רוּחַ הַטֻּמְאָה אַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תקמט

## אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ פְּלִיקְן דִי בָּארְד?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, אִיר זָאגְט קְלָאר אוּן אָפְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן אִין לֶעבְּן, אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַ דְּרָשָׁה ווִי אִיר זָאגְט נָאךְ פוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז וֶוען מֶען שְׁנֵיידְט דִי בָּארְד, שְׁנֵיידְט מֶען דִי פַּרְנָסָה. אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ פְּלִיקְן דִי בָּארְד, ווייל אִיךְ ווִיסְן צִי דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיךְ אוֹיף דֶעם.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַריינְקוּקְן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן וָואס זָאגְט** (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִּילּוּחַ הֲלָכָה ג', אוֹת ב'): **"עִקַּר הַדָּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אִיז אַן עִיקָר פוּן אַ אִיד אוּן פוּן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, "וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בָּרֵךְ ה', מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל", אוּן מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד**

און פֵּאות אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד, "וּמִי שֶׁרוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְרוֹצֶה לְכַפֵּר, חַס וְשָׁלוֹם, בֵּאלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", און וֶוער עֶס וִויל לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "תְּחִלַּת הַכְּפִירָה הוּא, שֶׁמַּשְׁלִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מֵעָלָיו הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת", דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט - אַז עֶר נֶעמְט אַרָאפּ זַיין בָּארְד און פֵּאוֹת, "כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דַּת יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ הוּא תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", וַוייל דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם בָּארְד און פֵּאוֹת; קוּק נָאךְ דָארְט מֶער בַּאֲרִיכוּת.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין מִיט בָּארְד און פֵּאוֹת; עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן: "וָואס הָאט אַ מֶענְטְשׁ צוּ זָארְגְן אַז עֶר וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר (וֶוען עֶר וֶועט זַיין אַ נִפְטָר) מִיט זַיין בָּארְד און פֵּאוֹת"; עֶס אִיז דָאךְ דָא אוֹיבְן אִין הִימְל אַזוֹיפִיל עוֹנְשִׁים קָשִׁים וּמָרִים, דָאךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אוֹיבּ מֶען הָאט אַ בָּארְד און פֵּאוֹת דַארְף מֶען נִישְׁט זָארְגְן, וַוייל דָאס בַּאגְלֵייט און בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוֹיף דִי וֶועלְט הֶעלְפְט דָאס אוֹיךְ פַאר'ן מֶענְטְשׁ און מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם צוּ פַּרְנָסָה.

דִי בָּארְד בְּרֶענְגְט דִי שֶׁפַע פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (נָשֹׂא ק"ל עֲמוּד ב'; עַיֵּין טַעֲמֵי הַמִּצְוֹת פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים): 'צִינוֹרוֹת עֶלְיוֹנִים' - רֶערְן (פֵּייפְס) וָואס דוּרְךְ דֶעם קוּמְט אַרָאפּ פוּן הִימְל פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַלֶע בְּרָכוֹת, און אַז מֶען שְׁנַיידְט אָדֶער מֶען פְּלִיקְט דִי בָּארְד, שְׁנַיידְט

מֶען אָפּ אַלֶע רֶערְן (פֵּייפְּס) פוּן פַּרְנָסָה וָואס דַארְף קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תקנ

**פַארְוָואס זָאגְט מֶען נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן אוּם פְּרַייטָאג?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער מִנְהָג אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט צוּ זָאגְן תַּחֲנוּן פְּרַייטָאג בַּיי שַׁחֲרִית, אֵיינֶער פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס הָאט נִישְׁט קַיין מְקוֹר אִין הֲלָכָה, אוּן עֶס אִיז גָאר קֶעגְן דִי הֲלָכָה. ווייל אִיךְ ווייסְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר אָנְצֵייכֶענֶען דִי מְקוֹר צוּ דֶעם מִנְהָג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז אַ מִנְהָג בַּיי חֲסִידִים אוּן בַּיי אַנְשֵׁי מַעֲשֶׂה נִישְׁט צוּ זָאגְן קַיין תַּחֲנוּן פְּרַייטָאג עֶרֶב שַׁבָּת.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט נִישְׁט זָאגְן קַיין תַּחֲנוּן עֶרֶב שַׁבָּת, אַזוֹי הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעפִירְט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי צְבִי הִירְשׁ מִזִידִיטְשׁוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן נָאךְ צַדִיקִים (לִקוּטֵי מַהֲרִי"ח, סֵדֶר הִתְנַהֲגוּת עֶרֶב שַׁבָּת), וַוייל עֶרֶב שַׁבָּת הוֹיבְּט מֶען שׁוֹין אָן צוּ שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן שַׁבָּת אוּן אוֹיךְ דַארְף מֶען אַיינְקוֹיפְן אַלֶעס פַאר שַׁבָּת.

**מוֹהֲרַ"אשׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעפִירְט נִישְׁט צוּ זָאגְן קַיין תַּחֲנוּן עֶרֶב שַׁבָּת.

**עֶרֶב** שַׁבָּת דַארְף מֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם גְרוֹיסְן גַאסְט - דֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת - מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן מִיט הֵיילִיגְקֵייט. בַּיי צַדִיקִים הָאט מֶען גֶעשְׁפִּירְט אַ הֵיילִיגְקֵייט יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת; מֶען דֶערְצֵיילְט נָאךְ אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַזַא הֵיילִיגְקֵייט יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת אַז אֲפִילוּ דִי מְשָׁרְתוֹת (דִי פְרוֹיעֶן וָואס פְלֶעגְן הֶעלְפְן רוֹימֶען אוּן קָאכְן) פְלֶעגְן זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת, זֵיי הָאבְן אָנְגֶעהוֹיבְן שְׁפִּירְן אַזַא זִיסְקֵייט פוּנֶעם שַׁבָּת אַז אַלֶע מַחֲלֹקֶת'עֶר זֶענֶען בָּטֵל גֶעוָוארְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה.

# תקנא

## פַארְוָואס עֶסְט מֶען אוּמְשוּלְדִיגֶע בַּעֲלֵי חַיִים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט גֶעמוּזְט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוֹיף אַזַא וֶועג אַז מֶען זָאל מוּזְן הַרְגְ'עֶנֶען אוּמְשוּלְדִיגֶע בַּעֲלֵי חַיִים זִיךְ צוּ שְׁפַּייזְן אוֹיף זֵיי.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַז** דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוֹיף אַן אוֹפְן אַז מֶען זָאל עֶסְן פִישׁ אוּן פְלֵייש, אַז מֶען זָאל שֶׁחְטְ'ן בְּהֵמוֹת - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין צַעַר בַּעֲלֵי חַיִים, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֵוייסְט אוֹיךְ וָואס צַעַר בַּעֲלֵי חַיִים אִיז.

**אַנְטְלוֹיף** פוּן דִי אַלֶע נַארִישֶׁע שִׁיטוֹת פוּן דִי וֶועדְזְשֶׁעטֶערִיעֶנְס וָואס דָאס וֶועט דִיר נָאר מְשׁוּגָע מַאכְן, פַארְדְרֵייעֶן דַיין לֶעבְּן אוּן דוּ וֶועסְט גָארְנִישְׁט הָאבְּן דֶערְפוּן. עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין אֱמוּנָה; זָאלְסְט חַזֶר'ן טָאג אוּן נַאכְט אַז עֶס גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, אוּן

אַלֶעס וָואס מִיר זֶעעֶן אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין יֶעדֶע זַאךְ - אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר, אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן. ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס גֵייט בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, דֶער לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן בָּזֶה וּבַבָּא.

**אִיךְ** הָאף דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער - וֶועט דִיר גוּט זַיין.

## תקנב

**מַיין וַוייבּ הֶערְט נִישְׁט אוֹיף שְׁרֵייעֶן, זָאל אִיךְ אִיר אִיבֶּערְלָאזְן?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן מִיט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער קַיין עַיִן הָרָע, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע וַוייבּ. דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר הֶערְט זִי נִישְׁט אוֹיף צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג. וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים פוּן דִי אַרְבֶּעט, אַנְשְׁטָאט צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז אִיךְ דַארְף אַבִּיסְל מְנוּחָה נָאךְ אַ טָאג שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, הֶערְט זִי נִישְׁט אוֹיף צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר אַז אִיךְ זָאל אִיר הֶעלְפְן מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט.

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען מִיט אִיר צוּ אַ טֶערֶעפִּיסְט, אוּן עֶר זָאגְט אַז זִי הָאט "בָּארְדֶערְלַיין דִיסְאָרְדֶער" אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין רְפוּאָה פַאר דֶעם. זָאל אִיךְ אִיר אִיבֶּערְלָאזְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דַיין פְרַאגֶע! אַז דַיין וַוייבּ בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט אִיר הֶעלְפְן מֵיינְט דָאס אַז זִי הָאט מִיט דִי נֶערְוֶוען?! אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִיר אוּן אִיר פַארְשְׁטֵיין אַז זִי אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט נָאכְן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג - זִינְגְסְטוּ אַ נִיגוּן אַז זִי הָאט מִיט דִי נֶערְוֶוען?!

**עֶס** אִיז טַאקֶע אֱמֶת אַז דוּ בִּיסְט אוֹיךְ אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן אַ גַאנְצֶע טָאג אַרְבֶּעט אוּן דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן; קֶען מֶען דָאךְ טוּן בֵּיידֶע, קוֹדֶם הֶעלְפְט מֶען דִי וַוייבּ מִיטְ'ן לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער; קוֹדֶם דִי קְלֵיינֶע אוּן נָאכְדֶעם דִי עֶלְטֶערֶע, אוּן שְׁפֶּעטֶער בְּלַייבְּט אִיבֶּער צַייט פַאר אַבִּיסְל מְנוּחָה.

**דֶערִיבֶּער** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט פוּן הַיינְט אוּן ווַייטֶער רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דַיין וַוייבּ אוּן דוּ זָאלְסְט קוּקְן אוֹיף אִיר מִיט אַ גוּט אוֹיג; הֶער אוֹיף צוּ תַּהֶר'ן אַז זִי הָאט מֶענְטַל דִיסְאָרְדֶערְס וְכוּ'. ווִי מֶער דוּ וֶועסְט זִינְגֶען אוּן זָאגְן דִי נָאמֶען פוּן דִי מַחֲלָה וָואס דֶער טֶערֶעפִּיסְט זָאגְט אַז זִי לַיידְט דֶערוֹיף - וֶועסְטוּ אִיר וֵויי טוּן, בִּיז זִי וֶועט טַאקֶע כַאפְּן אַ נֶערְוֶוען צוּזַאמְבְּרָאךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. עֶנְדֶערְשׁ זִינְג אִיר אַ נִיגוּן אַז זִי אִיז גֶעזוּנְט, זָאג אִיר אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז אַ פְרוֹי שְׁרֵייט, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ - וֶוען מֶען אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט

- קֶען זיך פַארלִירְן; אַנְשְׁטָאט זוּכְן אִין אִיר חֶסְרוֹנוֹת זוּךְ אִין אִיר מַעֲלוֹת, וֶועסְטוּ זֶען וִוי שֵׁיין זִי וֶועט רֶעדְן צוּ דִיר.

**אִיךְ** וֵוייס נִישְׁט וואוּ דוּ דְרֵייסְט זִיךְ, וֶוער דַיין רֶבִּי אִיז אוּן וָואס פַאר אַ חָסִיד דוּ בִּיסְט, אָבֶּער אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד בִּיסְטוּ זִיכֶער נִישְׁט, ווייל צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אוּן זָארְגְן פַאר אִיר. אַזוֹי הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "לְכַבֵּד וּלְיַיקֵר אֶת אִשְׁתּוֹ", מִיר זָאלְן הַאלְטְן חָשׁוּב אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם", פְרוֹיעֶן גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צֵייטְן מִיט דִי קִינְדֶער. זֵיי לַיידְן אַסַאךְ צַעַר אוּן זֵיי הָאבְּן גְרוֹיסֶע יִסוּרִים פוּן דִי קִינְדֶער, "צַעַר הָעִבּוּר, וְהַלֵּידָה, וְהַגִּידוּל", דִי טֶעג וָואס זֵיי וַוארְטְן וְכוּ' אוּן דִי צַעַר פוּן גֶעבּוֹירְן אוּן פוּן אוֹיפְצִיעֶן, "כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֶצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם, בְּכַמָּה אוֹפַנִּים הַקָּשִׁים וּכְבֵדִים מְאֹד מְאֹד וְכוּ' וְכוּ'", וָואס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער וֵוייסְט וִוי שְׁטַארְק זֵיי לַיידְן; דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן אוּן גֶעוָוארְנְט אַז מִיר זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, דָאס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעלֶערְנְט מִיט אוּנְז פוּפְצִיג יָאר אִין אֵיין צִי, אַז מִיר זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע וַוייבֶּער.

**בֶּעט** אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אוֹיפְהֶערְן זִינְגֶען דֶעם אַלְטְן נִיגוּן מַאכְנְדִיג אִיר שְׁפִּירְן וִוי זִי אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, אוּן דוּ זָאלְסְט אִיר הֶעלְפְן מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן שֵׂכֶל צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ.

# תקנג

## ווי אַזוֹי קְרִיכְט מֶען אַרוֹיס פוּן שְׁמוּץ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין לֵיידֶער אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עֶדִיקְשְׁן [צוּגֶעבִּינְדְנְקֵייט] צוּ שְׁמוּץ, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַוַדַאי** הָאבּ אִיךְ אַן עֵצָה פַאר דִיר. נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, "עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְלָן", אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן דִי עֲבֵירוֹת אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּקְלֶעבְּן דֶערְפוּן, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם", מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אַזוֹי גְרוֹיס, "וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה,

בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין עֶדִיקְשְׁן, דִי כֹּחַ פוּן תוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

**זָאגְן** מִשְׁנָיוֹת אִיז דִי עֵצָה פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַריינְגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; נָאר דָאס קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְכִילְתָּא דְוַיִּסַּע, פָּרָשָׁה א) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר דִי אִידְן: "אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמֹשֶׁה, אֱמוֹר לָהֶם לְיִשְׂרָאֵל, 'דִּבְרֵי תּוֹרָה שֶׁנָּתַתִּי לָכֶם רְפוּאָה הֵם לָכֶם, חַיִּים הֵם לָכֶם', שֶׁנֶּאֱמַר, כִּי חַיִּים הֵם לְמוֹצְאֵיהֶם, וְאוֹמֵר, 'רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶּךָ וְשִׁקּוּי לְעַצְמוֹתֶיךָ'", אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת וְחֳלָאִים רָעִים.

**ווִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז עֶס נִישְׁט דָא קַיין מַחֲלָה וָואס עֶס זָאל נִישְׁט זַיין דֶערוֹיף אַ רְפוּאָה; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין 'עֶדִיקְשְׁן' פוּן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנְחוּמָא נֹחַ, ח): "אֵין מַכָּה בָעוֹלָם שֶׁאֵין לָהּ רְפוּאָה", פוּן יֶעדֶע קְרֶענְק קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן, וָואס אִיז דִי רְפוּאָה פַאר'ן יֵצֶר הָרָע? "רְפוּאָתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרַע, תְּשׁוּבָה", אַז מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ אָנְנֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן אוּן הוֹיבּ אָן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת. אֲפִילוּ דוּ

פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ טוּסְט גָארְנִישְׁט אוֹיף מִיט דֶעם, דָאךְ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אָן קַיין טַעַם, זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת, נָאר זָאלְסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "'תַּלְמוּד' גִּימַטְרִיָּא שֶׁל הַקְלִיפָּה הַמַחְטִאת אֶת הָאָדָם בִּפְגַם הַבְּרִית שֶׁנִּקְרֵאת 'לִילִית'", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט עֶר דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל.) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע", אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, "וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַ רְפוּאָה פַאר'ן יֵצֶר הָרָע, דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס אִיז אַ מֶעדִיצִין קֶעגְן אִים, "וְאִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אוֹיבּ לֶערְנְט אִיר תּוֹרָה וֶועט אִיר נִישְׁט זַיין אוּנְטֶער דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, "וְאִם אֵין אַתֶּם עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה, אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אָבֶּער אוֹיבּ לֶערְנְט מֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה אִיז מֶען אוּנְטֶער אִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

# תקנד

## וֶועט מִיר שָׁאטְן דִי הַקְפָּדָה פוּן מַיין לֶערֶערִין?

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם אַ דַאנְק פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים.

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל פוּן זִיבֶּעצְן יָאר. מַיין לֶערֶערִין שְׁרֵייט דִי גַאנְצֶע צַייט אַז זִי אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט מוֹחֵל וֶוער עֶס רֶעדְט אִינְמִיטְן אִיר שִׁיעוּר, אָבֶּער דִי מֵיידְלֶעךְ לַאכְן זִיךְ אוֹיס פוּן אִיר.

אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ זַיין וואוּיל און נִישְׁט רֶעדְן אָדֶער שְׁטֶערְן, אָבֶּער לֶעצְטְנְס הָאט זִי אֵיינְמָאל גֶעהֵייסְן עֶפֶּעס שְׁרַייבְּן אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט אַ בְּלֵיי, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן אֵיינֶעם אַ בְּלֵיי, אוּן דֶעמָאלְט אִיז מַיין לֶערֶערִין גֶעוָוארְן אַזוֹי שְׁטַארְק בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, זִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל אֲפִילוּ נִישְׁט פְּרוּבִּירְן צוּ קוּמֶען אִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן, וַוייל זִי אִיז מִיר נִישְׁט מוֹחֵל.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא אַז דָאס זָאל מִיר נִישְׁט שָׁאטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ, פַאר קִינְדֶער, אָדֶער מִיר בְּרֶענְגֶען אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהֶערְט אַסַאךְ אַזֶעלְכֶע סָארְט מַעֲשִׂיוֹת.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט צוּ מַיין מְנַהֶלֶת אוּן זִי מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג, אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אוֹיךְ נִישְׁט בַּאזָארְגְט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא; וָואס דַארְף אִיךְ טוּן אִין אַזַא מַצָּב?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וְוִיסְן זָאלְט אִיר אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעוֶועןן 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֵסָרִין אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוִויסְט וָואס פַּאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען בַּיי מִיר דֶרֶךְ אֶרֶץ"; וַוייל דֶער עִיקָר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז דִי מִידוֹת. אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ וַוייזְט דָאס אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ ווָאוילֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט חוּצְפָּה, מֶען שְׁטֶערְט דִי כִּתָּה, דֶעמָאלְט זֶעט מֶען גְלַייךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער מֶענְטְשׁ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חוּץ אַן עַזּוּת פָּנִים"; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, כ): "עַז פָּנִים לְגֵיהִנֹּם", פַּאר אַן עַזּוּת פָּנִים אִיז דָא אֵיין עֵצָה - אִים לֵייגְן אִין גֵיהִנוֹם; דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן צוּ אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט דֶעם וֶועט אִיר זִיךְ אַיינְקוֹיפְן אַ גוּטֶע נָאמֶען אוּן אִיר וֶועט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

זֶעט זִיךְ צוּ חַבֶר'ן נָאר מִיט עֶרְלִיכֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס פִירְן זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן צְנִיעוּת.

אִיר דַארְפְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וְכוּ'; אַז אִיר וֶועט זִיךְ אוֹיפְפִירְן אֵיידְל פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער - וֶועט אַייךְ אַייעֶר טִיטְשֶׁער מוֹחֵל זַיין אוּן לִיבּ הָאבְּן, עֶס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט שָׁאטְן - נִישְׁט פַאר אַייךְ אוּן נִישְׁט פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

## תקנה

**ווי אַזוֹי שְׁלָאפְט מֶען בִּצְנִיעוּת?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ בְּרִיווכג אַז מֶען קֶען שְׁלָאפְן אָן זָאקְן, וָואס טוּט מֶען אָבֶּער אַז דִי פִּיס דֶעקְט זִיךְ אוֹיף אִינְמִיטְן שְׁלָאף? אוֹיךְ ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ דִי הָאלְז פוּן דִי נַאכְט קְלֵייד דַארְף זַיין אִינְגַאנְצְן פַארְמַאכְט?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת, אִיךְ שֶׁעפּ דֶערְפוּן אַסַאךְ חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ צְנִיעוּת אוּן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן**

כג. עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ד, מִכְתָּב רפא.

הָאבְּן אִין דֶעם אַ גֶעפִּיל, זַיי זָאלְן וויסְן אַז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ בַּיי אוּנְז אִידְן אִיז צְנִיעוּת און דִי גְרוֹיסֶע שְׂכַר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט פַאר דִי וָואס פִירְן זִיךְ אֵיידְל. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ח, ט) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קכח, ג): "אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ", וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער: "בַּעֲלֵי מִקְרָא, בַּעֲלֵי מִשְׁנָה, בַּעֲלֵי מַעֲשִׂים טוֹבִים".

וֶוען מֶען שְׁלָאפְט הָאט מֶען נִישְׁט אָן זָאכְן נָאר מֶען דֶעקְט זִיךְ צוּ מִיט אַ דֶעק, דָאס אִיז צְנִיעוּת; מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין נד.): "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן פַאר מַלְאָכִים; מֶען שְׁלָאפְט צוּגֶעדֶעקְט, און אַז דִי פִּיס דֶעקְט זִיךְ אוֹיף - זָאגְן שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (נְדָרִים כז:): "אוֹנֶס רַחֲמָנָא פַּטְרֵיהּ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תקנו[כד]

## אֶפְשָׁר שָׁאט מִיר אַ שִׁידוּךְ וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים און חִיזּוּק, עֶס הָאט מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן מִיט אַלֶעם גוּטְס.

אִיךְ בִּין אַ וַוייבְּל, אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ טֵייעֶרֶע מַאן און מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ הֶערְלִיכֶע לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ וָואס לִיגְט מִיר אוֹיף דִי גֶעוִויסְן. פַאר אִיךְ בִּין אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן הָאט מֶען מִיר אָנְגֶעטְרָאגְן אַ צְוֵוייטֶע שִׁידוּךְ, לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן דֶערְפוּן, און נָאךְ עֶטְלִיכֶע בֶּעשָׁאוֹ'ס הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר'ן שַׁדְכָנְ'טֶע אַז אִיךְ וִויל נִישְׁט דֶעם שִׁידוּךְ, און דֶער שִׁידוּךְ אִיז טַאקֶע נִישְׁט גֶעוָוארְן.

דִי שַׁדְכָנְ'טֶע אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַ קָרוֹב מִיט דִי מִשְׁפָּחָה פוּנֶעם בָּחוּר, זִי הָאט מִיר זֵייעֶר פְּרוּבִּירְט צוּצוּרֶעדְן אִיךְ זָאל יָא טוּן דֶעם שִׁידוּךְ, זִי הָאט אַיינְגֶערֶעדְט דִי אַנְדֶערֶע זַייט אַז מֶען הַאלְט שׁוֹין אָט אָט בַּיים עֶנְדִיגְן דֶעם שִׁידוּךְ, און זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אֲפִילוּ גֶעקוֹיפְט צִירוּנְגֶען, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער שִׁידוּךְ נִישְׁט גֶעוָוארְן וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט.

דֶער בָּחוּר אִיז דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט קַיין חָתָן, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר אָנְגֶעוֵוייטָאגְט און אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז דָאס שָׁאט מִיר, אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער; אִיךְ הָאבּ שְׁוֶוערֶע שׁוּלְד גֶעפִילְן פוּן דֶעם.

---

כד. אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דֶעם בְּרִיוו, אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב תקעד.

אִיךְ בֶּעט זַייעֶר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר עֶנְטְפֶערְן וָואס אִיךְ קֶען יֶעצְט טוּן וֶועגְן דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אִיבֶּערְבֶּעטְן** דַארְף מֶען נָאר אֵיינֶעם וֶועם מֶען הָאט וֵויי גֶעטוּן, אָבֶּער אִין דֶעם פַּאל וָואס אֵיינֶער הָאט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אַ מַעֲשֶׂה אַז אִיר זֶענְט זַיין כַּלָּה אוּן עֶר אִיז פוּן דֶעם בְּצַעַר - הָאט דָאס גָארְנִישְׁט מִיט אַייךְ צוּטוּן.

**דָאס** אִיז דָאךְ דִי סִיבָּה פַּארְוָואס דֶער בָּחוּר אוּן מֵיידְל דַארְפְן זִיךְ טְרֶעפְן פַאר מֶען מַאכְט דֶעם שִׁידוּךְ - כְּדֵי זֵיי זָאלְן זֶען צִי זֵיי ווילְן גֵיין וַוייטֶער אָדֶער נִישְׁט; כָּל זְמַן מֶען פַארְמַאכְט נִישְׁט דֶעם שִׁידוּךְ הָאט קֵיינֶער נִישְׁט מִיט'ן צְוֵוייטְן. אַז דֶער שַׁדְכָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אַנְדֶערֶע זַייט אַז מֶען גֵייט וַוייטֶער מִיט'ן שִׁידוּךְ וְכוּ' - הָאט דָאס גָארְנִישְׁט מִיט אַייךְ וְכוּ'; אַסַאךְ שַׁדְכָנִים זוּכְן וִוי שְׁנֶעלֶער צוּ שְׁטוּפְּן שִׁידוּכִים אוּן גֶעבְן נִישְׁט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט פַאר'ן בָּחוּר אוּן מֵיידְל צוּ זָאגְן וָואס זֵיי שְׁפִּירְן, אוּן אַסַאךְ מָאל פַּאסִירְט נָאכְדֶעם נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, וֶוען אֵיינֶער שְׁפִּירְט אַז מֶען הָאט אִים אַרַיין גֶעצְווִינְגֶען וְכוּ'.

**דָאס** אִיז מַעֲשֶׂה שָׂטָן וָואס פַּארְגִינְט אַייךְ נִישְׁט אַייעֶר שֵׁיינֶע לֶעבְּן מִיט אַייעֶר מַאן, דֶערְפַאר בְּרֶענְגְט עֶר אַייךְ אַרַיין אַלְטֶע מַעֲשִׂיוֹת וְכוּ' וְכוּ'; קְלַאפְּט אַייךְ אַרוֹיס פוּן קָאפּ דֶעם גַאנְצְן סִיפּוּר, דָאס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אַייךְ צוּ טוּן.

**דַאנְקְט** אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס אִיר הָאט, אַז אִיר הָאט אַ מַאן אוּן אִיר לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן, דוּרְכְדֶעם וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן מִיט אַייךְ נָאךְ גְרוֹיסֶע נִסִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ נֵס, זָאל עֶר דָאס דֶערְצֵיילְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, דָאס וֶועט מַאכְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מַאכְן מִיט אִים נָאךְ נִסִים" (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ; עַיֵּין בְּסֵפֶר אוֹר אֱלִימֶלֶךְ, עַמּוּד סח).

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תקנז

### וָואס טוּט מֶען אַז פּוּנְקְט וֶוען אִיךְ ווִיל זַיין גוּט וֶוערְט מִיר שְׁוֶועֶרֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס מַאכְט זִיךְ בַּיי מִיר אַסַאךְ מָאל אַז אִיךְ ווִיל זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אַ גֶעווִיסֶער עִנְיָן, אִיךְ ווִיל זִיךְ פָּארְנֶעמֶען אַ גוּטֶע קַבָּלָה, אָבֶּער פּוּנְקְט דֶעמָאלְט הוֹיבְּט דֶער יֵצֶר הָרָע אָן נָאכְמֶער בְּרֶענֶען אִין מִיר, פּוּנְקְט

דֶעמָאלְט וֶועְרט עֶס מִיר שְׁוֶועֶרער. דָאס מַאכְט מִיר טְרַאכְטְן צוּמָאל אַז אֶפְשָׁר לוֹינְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אָנְצוּהוֹיבְּן פְּרוּבִּירְן אֲפִילוּ צוּ זַיין גוּט.

איךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין, יְיַשֵׁר כֹּחַ

---

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גַשְׁמִיוּת לָאזְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ בִּכְלַל נִישְׁט נַארְן, מֶען עֶסְט יֶעדְן טָאג צְוֵויי אָדֶער דְרֵיי מָאל, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט: 'וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ עֶסְן, אִיךְ וֶועל דָאךְ סַיי ווִי וֶוערְן שְׁפֶּעטֶער נָאכְאַמָאל הוּנְגֶערִיג?' מֶען טוּישְׁט זִיךְ דִי קְלֵיידֶער אוּן מֶען וַואשְׁט זִיךְ אָפּ יֶעדְן טָאג אֲפִילוּ מֶען וֵוייסְט קְלָאר אַז מָארְגְן וֶועט מֶען פוּנְדָאסְנַיי זִיךְ דַארְפְן טוּישְׁן דִי קְלֵיידֶער אוּן זִיךְ אָפְּוַואשְׁן. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ בְּגַשְׁמִיוּת, מֶען גְלִיטְשְׁט זִיךְ אוֹיס - בְּלַייבְּט מֶען נִישְׁט לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד וְכוּ', מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ פַּרְשָׁה מִיט בִּלְבּוּלִים; דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַּארְדְרֵיידְט דֶעם קָאפּ, צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם קוּמְט עֶר מִיט אַ פְּרִישֶׁע בִּלְבּוּל: 'פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין סַיי ווִי גָארְנִישְׁט זַיין', אָדֶער: 'וָואס הָאסְטוּ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דוּ וֶועסְט דָאךְ סַיי ווִי אַרָאפְּפַאלְן'.

**אוֹיף** דֶעם קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "כִּי צָרִיךְ עַקְשָׁנוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, לִהְיוֹת חָזָק וְאַמִּיץ לֶאֱחֹז עַצְמוֹ לַעֲמֹד עַל עָמְדוֹ, אַף אִם מַפִּילִין אוֹתוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, בְּכָל פַּעַם", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ נִישְׁט צוּ וֶוערְן גֶעפַאלְן וֶוען מֶען זֶעט אַז דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט אַרָאפּ חַס וְשָׁלוֹם, "כִּי לִפְעָמִים יֵשׁ שֶׁמַּפִּילִין אֶחָד מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, כַּיָּדוּעַ, אַף עַל פִּי כֵן עָלָיו לַעֲשׂוֹת אֶת שֶׁלּוֹ, לַעֲשׂוֹת מַה שֶׁיּוּכַל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם וְאַל יָנִיחַ עַצְמוֹ לִפֹּל לְגַמְרֵי, חַס וְשָׁלוֹם", וַוייל אֲפִילוּ מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אָפְּלָאזְן וְכוּ', נָאר מֶען דַארְף וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר, "כִּי כָל אֵלּוּ הַנְּפִילוֹת וְהַיְרִידוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה, צְרִיכִים בְּהֶכְרֵחַ לַעֲבֹר בָּהֶם קֹדֶם שֶׁנִּכְנָסִין בְּשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה", וַוייל דָאס וָואס מֶען פַאלְט אַרָאפּ - דָאס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם פַאר מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה, "וְגַם הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים עָבְרוּ בְּכָל זֶה", אוּן אַלֶע אֱמֶת'ֶע צַדִּיקִים זֶענֶען דָאס אַרִיבֶּער.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וַוארְפְט דִיךְ אַרָאפּ. זַיי וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, אוּן אֲפִילוּ דוּ שְׁפִּירְסְט בַּיי דִיר אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען דוּ הוֹיבְּסְט אָן זַיין גוּט פַאלְסְטוּ נָאכְדֶעם אַרָאפּ - אַזוֹי אִיז דָאס טַאקֶע, "כִּי כֵן דֶּרֶךְ הַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא,

כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁהָאָדָם סָמוּךְ סָמוּךְ מַמָּשׁ לְשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה, וְכִמְעַט שֶׁיִּכְּנֵס, אֲזַי הוּא מִתְפַּשֵּׁט עָלָיו בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, רַחֲמָנָא לִצְּלָן", ווייל ווען דער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זעט ווי אײנער איז שוין מַמָּשׁ אין די קְדוּשָׁה פַּארְלײגְט ער זיך זײער שְׁטַארְק אויף דעם מענְטְשׁ, אָבֶּער גֶעדֶענְק: "אַ פַּאטְשׁ פַּאר מִיר, אַ פַּאטְשׁ פַּאר דִיר, דער עִיקָר וועט מען זען ווער עס גֶעבְּט דעם לֶעצְטְן פַּאטְשׁ", זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, גֶעב אִים אַ פַּאטְשׁ, כָאטְשִׁיג ער וועט דיר צוּרִיק געבְּן אַ פַּאטְשׁ, אָבֶּער בַּיים סוֹף וועסְטוּ אוֹיסְפִירְן.

**בַּיים** סוֹף וועט זיך דיר עֶפֶענֶען די טוֹיעֶרְן פוּן די קְדוּשָׁה, דוּ וועסְט צוּרִיק קוּקְן און וויינֶען: 'ווי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט די כּוֹחוֹת צוּ בַּייקוּמֶען דעם יֵצֶר הָרָע?' אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נב.): "לֶעָתִיד לָבוֹא מֵבִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְיֵצֶר הָרַע וְשׁוֹחֲטוֹ בִּפְנֵי הַצַּדִּיקִים וּבִפְנֵי הָרְשָׁעִים", ווען מָשִׁיחַ וועט קוּמֶען וועט דער אײבֶּערְשְׁטֶער שֶׁחְטְ'ן דעם יֵצֶר הָרָע אין די אָנְוועזֶנְהײט פוּן די צַדִּיקִים און די רְשָׁעִים, "צַדִּיקִים נִדְמֶה לָהֶם כְּהַר גָּבוֹהַּ", פַּאר די צַדִּיקִים וועט דער יֵצֶר הָרָע אוֹיסְקוּקְן ווי אַ רִיזִיגֶער בַּארְג, "וּרְשָׁעִים נִדְמֶה לָהֶם כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה", און פַּאר די רְשָׁעִים - ווי אַ דִינֶע הָאר, בֵּיידֶע וועלְן וויינֶען - די צַדִּיקִים און די רְשָׁעִים; די צַדִּיקִים וועלְן וויינֶען און זָאגְן: "הֵיאַךְ יָכֹלְנוּ לִכְבֹּשׁ אֶת הָהָר הַגָּבֹהַּ הַזֶּה", ווי הָאבְּן מִיר גֶעהַאט די כֹּחַ אִים בַּייצוּקוּמֶען?! און די רְשָׁעִים וועלְן וויינֶען: "הֵיאַךְ לֹא יָכֹלְנוּ לִכְבֹּשׁ אֶת חוּט הַשַּׂעֲרָה הַזֶּה", הָאבְּן מִיר דָאס דען נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּייקוּמֶען?!

**מַאך זִיך אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועסְטוּ הָאבְּן כְּסֵדֶר חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער אִין תּוֹרָה תְּפִלָּה.**

# תקנח

### אִיר קֶענְט מִיר גֶעבְּן חִיזּוּק אוֹיף לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת, יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ אִיז נָאר אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק לֵיינֶען יֶעדֶע נַאכְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, אָבֶּער עֶס קוּמְט מִיר אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל דִּבְרֵי הִתְעוֹרְרוּת אוּן חִיזּוּק אוֹיף דֶעם עִנְיָן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע; דָאס גַאנְצֶע קְרִיאַת שְׁמַע לֵיינֶען נֶעמְט אִינְגַאנְצְן אַפָּאר מִינוּט.**

**וָוען** מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוִויסְט ווִי חָשׁוּב קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה אִיז, וָואלְט מֶען מֶער נִזְהָר גֶעוֶוען אִין דֶעם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ, מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק פוּן אִים; נָאךְ זָאגְן זֵיי (שָׁם): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ כְּאִילוּ אוֹחֵז חֶרֶב שֶׁל שְׁתֵּי פִּיּוֹת בְּיָדוֹ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר'ן גֵיין שְׁלָאפְן אִיז אַזוֹי ווִי עֶר הָאלְט אַ מֶעסֶער וָואס אִיז שַׁארְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן אוּן אַזוֹי הַרְג'עט עֶר אוֹיס אַלֶע מַזִּיקִים; זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָּה וֶועסְטוּ אַוֶועקְנֶעמֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פוּן דִיר. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין בַּיים לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע (אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִינֶעם נוּסַח הָאַרִיזַ"ל) וַוייל רֶבִּי נָתָן זָאגְט (עַיֵּין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, הֲלָכָה ב) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן אוּן עֶר אִיז זִיךְ דֶערְבֵּיי מִתְוַדֶּה - "אֵינוֹ זָז מִשָּׁם עַד שֶׁמּוֹחֲלִין לוֹ", אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

**בִּרְכַּת** הַמַּפִּיל זָאגְט מֶען גְלַייךְ פַאר מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין סִידוּר עֵת רָצוֹן.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין אוֹיף נֶעגֶל וַואסֶער, וַוייל נֶעגֶל וַואסֶער אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב; גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּגִיסְן דִי הֶענְט.

**עֶס** זֶענֶען דָא צְווֵיי טַעֲמִים פַארְוָואס מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּגִיסְן די הֶענְט וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, אֵיין טַעַם ווַייל בְּשָׁעַת מֶען שְׁלָאפְט כַאפְּט מֶען זִיךְ אָן וואוּ מֶען אִיז צוּגֶעדֶעקְט און מֶען וֶוערְט טָמֵא (רא"ש בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט, סִימָן כג), נָאךְ אַ טַעַם (תְּשׁוּבוֹת הָרַשְׁבָּ"א, חֵלֶק א', סִימָן קצא): ווַייל וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף וֶוערְט מֶען אַ בְּרִיָ' חֲדָשָׁה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אֵיכָה ג, כג): "חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ", און דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פַאר מִיר הוֹיבְּן אָן צוּ טוּן אוּנְזֶער עֲבוֹדָה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַארְפְן מִיר זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט, אַזוֹי וִוי דִי כֹּהֲנִים וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעדַארְפְט וַואשְׁן דִי הֶענְט בַּיים כִּיוֹר יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן פַאר זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

**מֶענְטְשְׁן** מֵיינֶען אַז נֶעגְל וַואסֶער אִיז אַ מִנְהָג וְכוּ' דֶערְפַאר אִיז מֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג זִיךְ צוּ וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (וַיֵּשֶׁב, קפד:) בְּשָׁעַת אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט און זַיין נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיף קוּמְט אַ רוּחַ טוּמְאָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף קוּמְט זַיין נְשָׁמָה צוּרִיק און דֶעמָאלְט גֵייט אַוֶועק דִי רוּחַ טוּמְאָה פוּן אִים, אָבֶּער עֶס בְּלַייבְּט אוֹיף זַיינֶע הֶענְט און טוּט זִיךְ נִישְׁט אָפּ נָאר דוּרְךְ נֶעגְל וַואסֶער.

**אִיךְ** שְׁרַייבּ דִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה, דָאס זָאלְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע פַּאר אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אַזוֹי וֶועל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, יֶעדֶע נַאכְט וֶוער אִיךְ אַזוֹי פוּיל, אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַהֶער אוּן אַהִין, אִיךְ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי נַאכְט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ אַרַיין אִין בֶּעט אָן קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אָן נֶעגְל וַואסֶער; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל מִיךְ קֶענֶען צוּזַאמְנֶעמֶען צוּ גֵיין שְׁלָאפְן צֵייטְלִיךְ, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין פַּאר אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט מִיר טְרַאכְטְן: 'מָארְגְן'; 'מָארְגְן וֶועל אִיךְ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע'; 'מָארְגְן וֶועל אִיךְ טוּן וָואס אִיךְ דַארְף יֶעצְט טוּן'; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית, אַז עֶס קֶען זַיין אַז הַיינְט אִיז מַיין לֶעצְטֶע טָאג בְּזֶה הָעוֹלָם, וֶועל אִיךְ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תקנט

## מֶעג מֶען עֶסְן אַ קֶענְדִי פַאר קִידוּשׁ אָדֶער הַבְדָלָה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים. אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעהֶערְט אִין אַ גְמָרָא שִׁיעוּר וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן עֶסְן פַאר הַבְדָלָה, אַז מֶען בַּאקוּמְט אַ מַחֲלָה אִין דִי הַאלְז רַחֲמָנָא לִיצְלָן. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אַ רִיקָאלַא קֶענְדִי מֶעג מֶען יָא, וַוייל אַסַאךְ מָאל קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ דַארְף וַוארְטְן זֵייעֶר לַאנְג בִּיז אִיךְ קֶען הֶערְן הַבְדָלָה.

דִי זֶעלְבֶּע ווִיל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ מֶען מֶעג נֶעמֶען אַ קֶענְדִי אִין מוֹיל פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס פַאר קִידוּשׁ, אוֹיבּ מֶען דַארְף וַוארְטְן אַ לַאנְגֶע צַייט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ, נִישְׁטָא גֶענוּג וֶוערְטֶער צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**פַאר** קִידוּשׁ טָאר מֶען נִישְׁט עֶסְן אוּן נִישְׁט טְרִינְקֶען - אֲפִילוּ וַואסֶער (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רעא, סְעִיף ד), **אַזוֹי אוֹיךְ** טָאר מֶען נִישְׁט עֶסְן פַאר מֶען מַאכְט הַבְדָלָה (שָׁם סִימָן רצט, סְעִיף א).

**אַז** דוּ בִּיסְט הוּנְגֶערִיג פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס זָאלְסְטוּ גְלַייךְ אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה, אַזוֹי וִוי דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ

פַּסְקְ'נְט (שָׁם סִימָן רעא, סְעִיף א): "כְּשֶׁיָּבֹא לְבֵיתוֹ יְמַהֵר לֶאֱכֹל מִיָּד", שַׁבָּת בַּיינַאכְט דַארְף מֶען גְלַייךְ אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה; אַנְשְׁטָאט שְׁמוּעֶסְן אִין שׁוּל פוּן דְבָרִים שֶׁל מַה בְּכַךְ, גֵיי אַהֵיים שְׁמוּעֶס מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פוּן דִי סֶדְרָה, פוּן צַדִיקִים; דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה.

**אַזוֹי** אוֹיךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶסְן גָארְנִישְׁט פַאר הַבְדָלָה, עֶס וֶוערְט גֶעבְרֶענְגְט פוּן אֲרִיזַ"ל (עַיֵּין לִקּוּטֵי מַהֲרִי"ח סֵדֶר הַבְדָּלָה מוֹצָאֵי שַׁבָּת; כַּף הַחַיִּים סִימָן רצט סְעִיף קָטָן ו) אַז אֲפִילוּ וַואסֶער זָאל מֶען נִישְׁט טְרִינְקֶען פַאר הַבְדָלָה.

**עֶס** אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין הֲלָכָה כְּדֵי מֶען זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט): "כָּל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי מְחֻיָּב לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם פּוֹסְקִים, וְלֹא יַעֲבֹר", יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה, "וְאִם הוּא אָנוּס וְאֵין לוֹ פְּנַאי, יִלְמַד עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה סְעִיף שֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהוּא, אֲפִילּוּ שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד עַתָּה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ", אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט וְכוּ' זָאל מֶען לֶערְנֶען בָּאטְשִׁיג אֵיין הֲלָכָה אֲפִילוּ נִישְׁט כְּסִדְרָן וואו מֶען הַאלְט וְכוּ', "כִּי צָרִיךְ לִלְמֹד אֵיזֶה דִּין בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו", וַוייל מֶען אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה.

**הֲלָכָה** אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן דֶער וִויכְטִיגְסְטֶער שִׁיעוּר. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם) הֲלָכָה קוּמְט פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים, "כִּי עַל יְדֵי חֲטָאִים נִתְעָרֵב טוֹב וָרָע", וַוייל דוּרְכְדֶעם

וָואס אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט מִישְׁט עֶר אוֹיס גוּטְס מִיט שְׁלֶעכְטְס; עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיז גוּט אוּן וָואס אִיז שְׁלֶעכְט, אוֹיף שְׁלֶעכְטְס זָאגְט עֶר אַז דָאס אִיז טוֹב, אוּן אוֹיף גוּטְס זָאגְט עֶר אַז דָאס אִיז רַע; דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז, צוּ לֶערְנֶען הֲלָכָה, "וְעַל יְדֵי לִמּוּד פּוֹסֵק, שֶׁמְּבָרֵר הַכָּשֵׁר וְהַפָּסוּל הַמֻּתָּר וְהָאָסוּר הַטָּהוֹר וְהַטָּמֵא, עַל יְדֵי זֶה נִתְבָּרֵר וְנִפְרַשׁ הַטּוֹב מִן הָרָע", ווייל וֶוען מֶען לֶערְנְט הֲלָכָה זֶעט מֶען גְּלַייךְ וָואס אִיז גוּט אוּן וָואס אִיז שְׁלֶעכְט, וָואס מֶען מֶעג טוּן אוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תקס

### אִיךְ הָאב אַ בִּיטֶער לֶעבְּן, וִוי אַזוֹי קְרִיךְ אִיךְ אַרוֹיס פוּן שְׁמוּץ?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס טוּ אִיךְ? אִיךְ פַאל אוּן אִיךְ זִינְק אִין שְׁמוּץ, אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן דֶערְפוּן. אִיךְ הַאלְט שׁוֹין נָאכְ'ן הֶערְן הוּנְדֶערְטֶער דְרָשׁוֹת, אִיךְ הַאלְט שׁוֹין נָאכְ'ן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת אוּן אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ גֵיין דַאוֶונֶען אוּן זִיבֶער נִישְׁט מִיט מִנְיָן, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ קֶען

אֲפִילוּ נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל אוֹיפְגֶעבְּן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן, אִיךְ זָאל אוֹיפְגֶעבְּן מַיין שְׁמוּץ, וַוייל אִיךְ וֵויס דֶעם אֱמֶת אַז אִיךְ וויל עֶס עֶכְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אִיךְ וויל לֵיידֶער יָא לִיגְן אִין דֶעם.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט פַארְשְׁטֵיין פוּן צְוִוישְׁן דִי שׁוּרוֹת וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר אוּן מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וַוארְף אַוֶועק דַיין סְמַארְטְפָאוֹן וַוייל דָאס וֶועט דִיר נָאר חָרוּב מַאכְן דַיין לֶעבְּן; אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן אוּן מֶען קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע, עֶקְלְדִיגֶע אוּן אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע קְלִיפִּס וְכוּ' בְּרֶענְגְט דָאס אַז מֶען זָאל פַארְלִירְן דִי אֱמוּנָה אוּן דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם - רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

**וָואס** זָאלְן מִיר טוּן אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ גְרִינְגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט אַרָאפְּוַוארְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ - אִין עֲבֵירוֹת; אַנְשְׁטָאט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט זֵיי צוּ שְׁלֶעפְּן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְלֶעצֶער, הָאט עֶר זִיךְ הַיינְט גֶעטְרָאפְן סַאךְ אַ גְרִינְגֶערֶע וֶועג. עֶר רֶעדְט צוּ דֶעם בָּחוּר עֶר זָאל זִיךְ קוֹיפְן אַ סְמַארְטְפָאוֹן אָדֶער אַ טֶעבְּלֶעט וְכַדּוֹמֶה לָזֶה, אַזוֹי דַארְף עֶר שׁוֹין נִישְׁט

גֵיין אִין עֶרְגֶעץ. עֶר זִיצְט בַּיי זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן קוּקְט אָפּ אַלֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט רַחֲמָנָא לִצְלָן. אִין אָנְהוֹיבּ זֶעט דָאס אוֹיס זֵייעֶר גוּט, עֶס גְלַאנְצְט אוּן עֶס שְׁמֵייכְלְט צוּם בָּחוּר, אָבֶּער וֶוען מֶען בַּייסְט אַרַיין אִין דֶעם, מֶען קוּקְט אָפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת - וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעבְּרָאכְן; מֶען וֶועט פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ וֶוערְן פְּרֵיילִיךְ, אָבֶּער גָארְנִישְׁט קֶען צוּרִיק פְּרֵיילִיךְ מַאכְן וְכוּ' וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּפְגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן.

בְּנוֹגֵעַ דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעפִּיל צוּ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען; אַוַדַאי הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין גֶעפִּיל, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נ): "כִּי כָּל הַפּוֹגֵם בַּבְּרִית", וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, "אֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל", קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, עֶר שְׁפִּירְט אַ בִּיטֶערֶע טַעַם אִינֶעם דַאוֶוענֶען; דָאס דַאוֶוענֶען הָאט בַּיי אִים אַ טַעַם פוּן "מַיִין מְרִירִין" - בִּיטֶערֶע וַואסֶער. עֶר ווִיל נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט שׁוֹין יָא אִין שׁוּל הָאט עֶר נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד אֲפִילוּ נָאר צוּ עֶפֶענֶען דֶעם סִידוּר, אוּן וֶוען עֶר עֶפְנְט שׁוֹין דֶעם סִידוּר קוּמְט אִים אָן אַזוֹי שְׁוֶוער דָאס דַאוֶוענֶען; דָאס קוּמְט פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית. דִי עֲבֵירוֹת מַאכְן אִים דֶערְפְּרֶעסְט אוּן צֶעבְּרָאכְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְזֶה בְּחִינַת חוֹלַאַת שֶׁקּוֹרִין בְּרֶעכֶנִישׁ, רַחֲמָנָא לִצְלָן, שֶׁשּׁוֹבֵר עֲצָמוֹת שֶׁל אָדָם", דִי עֲבֵירָה בְּרֶענְגְט דִי מַחֲלָה וָואס הֵייסְט 'בְּרֶעכֶענִישׁ'

- דֶער מֶענְטְש וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ דַאוֶונֶען.

**אַז** דוּ וֶועסְט אַוֶועק וַוארְפְן דַיין סְמַארְטְפָאוֹן אוּן אוֹיפְהֶערְן טוּן עֲבֵירוֹת - וֶועסְטוּ שׁוֹין אֵיינְמָאל הָאבְן אַ גֶעפִיל צוּ דַאוֶונֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְאֵין יָכוֹל לִטְעֹם מְתִיקוּת בַּתְּפִלָּה, אֶלָּא כְּשֶׁתִּקֵּן פְּגַם הַבְּרִית", אַ מֶענְטְש קֶען נִישְׁט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דַאוֶונֶען נָאר אַז עֶר פַארְעֶכְט זַיינֶע פְּגָמֵי הַבְּרִית, עֶר טוּט תְּשׁוּבָה אוּן עֶר הִיט זִיךְ אָפּ פוּן שְׁלֶעכְטְס; דֶערִיבֶּער אוֹיב מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן אִין קְדוּשָׁה, מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן אוּן דִי מַחֲשָׁבָה - דַאן אִיז דָאס דַאוֶונֶען אַ זִיסֶע זַאךְ, עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי "מַיִם מְתוּקִים" - זִיסֶע וַואסֶער, מֶען וִויל נָאךְ אוּן נָאךְ דֶערְפוּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן שֵׂכֶל זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

## תקסא

### וָואס עֶנְטְפֶער אִיךְ אוֹיף דִי טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶערֶךְ הַלִימוּד?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פוּן טִיפְן הַארְצְן פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, עֶס הָאט מִיר בֶּאֱמֶת גֶעטוֹישְׁט דָאס לֶעבְּן צוּם גוּטְן; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג וֶוערְטֶער צוּ קֶענֶען אַרָאפְּשְׁרַייבְּן מַיינֶע גֶעפִילְן וִוי אַזוֹי אִיךְ בִּין מַמָּשׁ

גֶעוָואֹרְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ פוּן דִי שִׁיעוּרִים, בִּפְרַט פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, לוֹיט וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט עֶס עֶרְקְלֶערְט, וָואס דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

לֶעצְטְנְס הָאט מִיר אָבֶער אֵיינֶער מְבַלְבֵּל גֶעוֶוען אִיבֶּער דֶעם, אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען, עֶר הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ רַאְיָ' פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס שְׁרַייבְּט אִין כּוֹכְבֵי אוֹר אַז מֶען מוּז יָא פַארְשְׁטֵיין פָּשׁוּט פְּשַׁט פוּן וָואס מֶען לֶערְנְט, אוֹיבּ נִישְׁט הֵייסְט עֶס נִישְׁט גֶעלֶערְנְט.

אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דֶעם, וִויל אִיךְ פְּרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וָואס אִיז בֶּאֱמֶת מַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט מִיר גֶעלֶערְנְט אַ וֶועג אִין לֶעבְּן - וָואס אִיז טַאקֶע פְּשַׁט דֶערְפוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ' מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, אוּן אַז דַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט, דוּ בִּיסְט מַמָשׁ גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ. בִּפְרַט אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶענוּמֶען דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן אוּן דוּרְךְ דֶעם לֶערְנְסְטוּ תּוֹרָה יֶעדְן טָאג.

**דֶער** סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַזַא שֵׁיינֶע מַתָּנָה, אוּן וֶוער עֶס נֶעמְט דָאס אָן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת קֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ צוּ גֵיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אָן אַ שִׁיעוּר מָאל. עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ. רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט - זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר

כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען וִויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת סג.; עֲבוֹדָה זָרָה יט.) "לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר, שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים קיט, כ): 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן, אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לִגְמָרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטַייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי ווִי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְמָרָא מִיט אַלֶע פוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע

מֶדְרָשִׁים, און זוהַר הַקָדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. עַיֵּין שָׁם.

**אַנְשְׁטָאט** רֶעדְן און זִיךְ טַעְנָה'ן מִיט חֲבֵרִים וְכוּ' קֶענְסְטוּ אִין דִי צַייט עֶנְדִיגְן נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא און נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא. אַ שָׁאד צוּ טַעְנָה'ן מִיט מֶענְטְשְׁן בִּכְלָל, בִּפְרַט אִינֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יג): "וּכְשֶׁתַּגִּיעוּ לְעוֹלָם הָאֱמֶת, אָז תִּיוָכְחוּ צִדְקַת 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד' שֶׁל רַבֵּינוּ זַ"ל", וֶוען אִיר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן דִי וָוארְהֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, "וְעַל כֵּן מַה וְלָמָּה לָכֶם לְהִתְוַכֵּחַ?!" אוֹיב אַזוֹי פַארְוָואס זָאלְט אִיר זִיךְ טַעְנָה'ן מִיט מֶענְטְשְׁן? "טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם, הַרְגִּילוּ עַצְמְכֶם לָזֶה וְאָז תִּרְאוּ וְתַרְגִּישׁוּ כָּל מִינֵי טְעָמִים בְּחַיֵּיכֶם", גֶעוואוֹינְט אַייךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען לוֹיט דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זֶען און שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אוֹיף דִי וֶועלְט, "כִּי הַתּוֹרָה הִיא חִיּוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, חִיּוּת גַּשְׁמִי וְחִיּוּת רוּחְנִי", וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת און סַיי בְּרוּחָנִיּוּת, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁאֵינוֹ מַטְעֶה עַצְמוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, וְיוֹדֵעַ אֲשֶׁר עִיקַּר הַלִּימּוּד הוּא רַק לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרֵךְ וְלוֹמֵד עַל מְנָת לְקַיֵּים מִצְווֹתָיו יִתְבָּרֵךְ וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לוֹ יִתְבָּרֵךְ", וואוֹיל

אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָר לִימּוּד הַתּוֹרָה אִיז צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תקסב

**וָואס טוּט מֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס הַאלְט מִיךְ בַּיי אִידִישְׁקֵייט אוּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נָאר דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע לֶעבְּן, אִיךְ בִּין פוּל מִיט יְסוּרִים אוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע כְּסֵדֶר, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם גֶעפִיל צוּ לֶעבְּן, אִיךְ וֵויים נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ לֶעבּ, אִיךְ וֵויים נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַרָאפְּגֶעקוּמֶען דָא זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען מִיט אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן יְסוּרִים?

פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ אַזוֹי פַארְלֵייגְט אוֹיף מִיר? אִין דִי מַצָּב אִין וָואס אִיךְ בִּין, ווִי אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן? ווִי אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן קִינְדֶער? אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט, אִיךְ בִּין אַזוֹי פוּל מִיט נֶעגֶעטִיוֶוע גֶעפִילְן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר וַוארְשֵׁיינְלִיךְ עֶנְטְפֶערְן צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרָע לָאזְט מִיר נִישְׁט

אָפּ, אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מויל און אַרוֹיסְרֶעדְן אֲפִילוּ אֵיין אות צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אִיךְ וִויל אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוער אִיךְ מַמָּשׁ שְׁטוּם, דִי מויל אִיז מִיר פַארְקְלֶעבְּט.

בִּיטֶע הֶעלְפְט מִיר, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אִיר זָאלְט אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דוּרְכְדֶעם וֶועט אַייךְ בֶּעסֶער וֶוערְן. וַוייל ווי מֶער אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה; עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, - דַאן לֶעבְּט עֶר אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט פַארְפַאסְט אַ נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער אַלְס בָּחוּר וֶוען עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אַלֵיינְס אִין וַואלְד, צוּלִיבּ דִי חַיּוֹת וְכוּ', הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל

עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", עֶר הָאט דָאס גֶע'חַזֶר'ט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם פַּחַד פוּן קֵיינֶעם; פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי שֵׁיינֶע נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער.

**אַז** אִיר ווילְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייעֶר דֶעפְּרֶעסְיֶע דַארְפְט אִיר אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס אִין זִיךְ; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן, מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה): דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס. אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט.

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד מִיטְ'ן נָאמֶען ר' אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (דֶער שְׁוֶוער פוּן הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה), דֶער ר' אַהֲרֹן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עָנִי וְאֶבְיוֹן אוּן עֶס אִיז מַמָשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין מוֹיל בַּיי אִים אִין שְׁטוּב. זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים כְּסֵדֶר פְרֶעגְן:

"אַהֲרֹן, פַּארְוָואס בִּיסְטוּ פְרֵיילִיךְ, מִיר הָאבְּן דָאךְ גָארְנִישְׁט?!" פְלֶעגְט עֶר אִיר שְׁטֶענְדִיג עֶנְטְפֶערְן: "דוּ גְלֵייבְּסְט דָאךְ עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גוּט אַמָאל, נוּ, אִיךְ בָּארְג אוֹיס שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט אוֹיף יֶעצְט; יֶעצְט הָאבְּן מִיר טַאקֶע גָארְנִישְׁט, אָבֶּער עֶס וֶועט נָאךְ גוּט זַיין, אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר הָאבְּן מִיט וָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן, דֶערְפַּאר בָּארְג אִיךְ שׁוֹין אוֹיס אַבִּיסְל פוּן דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט".

**אִיר** שְׁרַייבְּט אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט עֶפֶּענֶען דָאס מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז וַוייל אִיר טְרַאכְט נָאר פוּן אַייעֶר שְׁלֶעכְטְס, אַז אִיר וֶועט אָנְהוֹיבְּן זוּכְן דָאס גוּטְס אִין זִיךְ, אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ, אוֹיךְ אַז אִיר וֶועט גְלֵייבְּן אַז אִיר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוּן אִיר וֶועט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ - דַאן וֶועט אִיר שׁוֹין קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט קוּקְן גוּט אוֹיף אַייעֶר לֶעבְּן.

# תקסג

## אֶפְשָׁר עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען וֶוייניגֶער, אָבֶער בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט וויל אִיךְ זִיךְ הֶערְצְלִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע חִיזּוּק שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מַמָּשׁ כַּמַּיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה.

אִיךְ וויל פְרֶעגְן, אַזוֹי ווִי אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם יֶעדְן טָאג גְמָרָא מִיט תוֹסְפוֹת, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי בָּרוּךְ הַשֵּׁם וָואס אִיךְ לֶערְן, אָבֶער אַ חָבֵר זָאגְט מִיר אַז פוּן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זֶעט מֶען אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען מֶען עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס אִין אַ קוּרְצֶע צַייט. אִיךְ מֵיין אָבֶער אַז עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ לֶערְנֶען וֶוייניגֶער אָבֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, אֲפִילוּ עֶס וֶועט נֶעמֶען לֶענְגֶער בִּיז עֶנְדִיגְן אֲפִילוּ אֵיין מַסֶּכְתָּא.

מִיר הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן אַז מִיר וֶועלְן פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א'ס מֵיינוּנְג אִיבֶּער דֶעם.

אִיךְ וַוארְט אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער, אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד אִיז אַ דֶרֶךְ הַלִּימוּד פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם - מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל, פוּנֶעם שְׁוַואכְסְטְן קָאפּ**

בִּיזְן טִיפְסְטְן קָאפּ. מִמָה נַפְשָׁךְ - דֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט לֶערְנֶען, פַאר אִים זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ. וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן פַאר דֶעם וָואס וֵוייסְט גָארְנִישְׁט - נִיטְאַמָאל דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת - פַאר אִים זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד, רַק הָאֲמִירָה לְבַד; לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין".

דֶער רֶבִּי ווִיל אֵיין זַאךְ: "מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן לֶערְנֶען, צוּלִיב דֶעם וָואס מֶען ווִיל בֶּעסֶער לֶערְנֶען"; דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן מִיט דַיין שִׁיעוּר בִּגְמָרָא רַשִׁ"י תּוֹסְפוֹת, חוּץ מִזֶּה זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אִיז גוּט אוּן אַז נִישְׁט אִיז וַוייטֶער גוּט. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ז, יח): "טוֹב אֲשֶׁר תֶּאֱחֹז בָּזֶה, וְגַם מִזֶּה אַל תַּנַּח אֶת יָדֶךָ כִּי יְרֵא אֱלֹקִים יֵצֵא אֶת כֻּלָּם"; עֶס אִיז דָא צַייט פַאר בֵּיידֶע, סַיי פַאר לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן סַיי פַאר לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, אַדְּרַבָּה - זֶע צוּ לֶערְנֶען וַוייטֶער דַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין גְמָרָא תּוֹסְפוֹת וְכוּ', אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, שָׁם): "גַּם צְרִיכִין לִלְמֹד אֵיזֶה שִׁעוּר בַּיּוֹם בִּקְצָת עִיּוּן", אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ הָאבְן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל בְּעִיּוּן יֶעדְן טָאג.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן אַסַאךְ דַפִּים גְמָרָא - אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן בְּמֶשֶׁךְ הַיָּמִים וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי הֵיילִיגֶע תוֹרָה, דַיין קָאפּ

וֶועט זיךְ דִיר עֶפֶענֶען און דו וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס דו לֶערְנְסְט.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אַז דו וֶועסְט אָנֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ מְטַיֵיל זַיין בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ און דו וֶועסְט הָאבְּן אָנְגֶעפִילְטֶע טֶעג; יֶעדְן טָאג וֶועט דִיר זַיין אָנְגֶעפִילְט מִיט תוֹרָה און צום סוֹף וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין נָאךְ מֶער ווי דִי וָואס לַאכְן אָפּ פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תקסד[כה]

### וָואס טוּ אִיךְ וֶועגְן מַיין שְׁוֶועסְטֶער וָואס גְלִיטְשְׁט לֵיידֶער אַוֶועק?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, און אִיךְ שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיךְ הֶער בַּיי דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוֶועסְטֶער וָואס הָאט לֵיידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן גְלִיטְשְׁן פוּן אִידִישְׁקֵייט, זִי חַבֶר'ט זִיךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע חַבֶר'טֶעס, זִי הָאט זִיךְ פַארְשַׁאפְט

כה. מֶער אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תקמח.

אַ סְמַארְטְפָאוֹן און אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם אַ גַאנְצְן טָאג, און לַייְדֶער אויך אום שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צו זֶען אַז מַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז מְחַלֵל שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, מַיינֶע עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט דֶערְפוּן און אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיב אִיךְ זָאל זֵיי דֶערְצֵיילְן אִיבֶּערְדֶעם אָדֶער נִישְׁט.

אִיךְ אַלֵיין וויל נִישְׁט וֶוערְן אָפְּגֶעקִילְט דוּרְךְ אִיר, אִיךְ וויל זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין נָאר וואויל און עֶרְלִיךְ, און אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵק זַיין און גֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין אַזַא מַצָב.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרָשַׁת פְּקוּדֵי, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אַייעֶר** בְּרִיוו הָאט מִיר זֵייעֶר בַּארִירְט; דִי צַעַר פוּן וָואס אִיר דֶערְצֵיילְט אִינֶעם בְּרִיוו, פוּן אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער וְכוּ', הַשֵׁם יְרַחֵם - הָאט מִיר גֶעשְׁטָאכְן בִּיז מַיין הַארְץ.

**הַדָּבָר** הָרִאשׁוֹן זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן זִיךְ וַוייטֶער צוּ פִירְן בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, וַוייל נָאר מִיט דִי תּוֹרָה הָאט מֶען אַ לֶעבְּן; עֶס אִיז אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי וָואס לָאזְן אָפּ דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, וַוייל אוֹיב מֶען לָאזְט אָפּ דִי תּוֹרָה - אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, אָבֶּער אַז מֶען הִיט דִי תּוֹרָה, בִּפְרָט אַז מֶען

הַיט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְעַנֵּג מִיט'ן שַׁבָּת, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן גֶעבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ גוּטְס אָן קַיין עֶנְדֶע. אַזוֹי וְוִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קיח:): "כָּל הַמְשַׁמֵּר שַׁבָּת כְּהִלְכָתוֹ - אֲפִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה כְּדוֹר אֱנוֹשׁ, מוֹחֲלִין לוֹ", אוּן (שָׁם קיח.): "כָּל הַמְעַנֵּג אֶת הַשַּׁבָּת נוֹתְנִין לוֹ נַחֲלָה בְּלִי מְצָרִים".

**צְוֵוייטְנְס** בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט בְּרֶענְגֶען נַחַת פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; אִיר זָאלְט זִיךְ וַוייטֶער פִירְן אֵיידֶל אוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל - וֶועט אִיר גֶעזוּנְט מַאכְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי צוּגֶעבְּן יָארְן צוּם לֶעבְּן. אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן מב): "בָּנִים הַטּוֹבִים, רְפוּאָה גְּדוֹלָה לָאָבוֹת", גוּטֶע קִינְדֶער הֵיילְן אוֹיס דִי עֶלְטֶערְן; זָאגְט גָארְנִישְׁט פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בֶּעסֶער מַאכְן, עֶס וֶועט זֵיי נָאר מַאכְן שִׁבְרוֹן לֵב. זֵיי וֶועלְן דָאס נִישְׁט קֶענֶען אַרִיבֶּערְטְרָאגְן, וַוייל דִי גְרֶעסְטֶע צַעַר פַאר עֶלְטֶערְן אִיז צוּ זֶען וְוִי אַ קִינְד גֵייט אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, הַשֵּׁם יְרַחֵם.

**אַז** אִיר ווִילְט הֶעלְפְן אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר אִיר אַז עֶר זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין אִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה, אַ רֵיינְקֵייט - אַז זִי זָאל אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵר'טֶעס, זִי זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זָאגְט אִיר גָארְנִישְׁט קַיין מוּסָר; אַייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג אוּן אַייעֶרֶע מַעֲשִׂים וֶועט אִיר צוּרִיק שְׁלֶעפְּן, וֶוען זִי וֶועט זֶען וְוִי שֵׁיין אִיר רֶעדְט, אַייעֶר שְׁטֶענְדִיגֶע שְׁמֵייכְל אוּן אַייעֶר אֱמוּנָה

וּבִטָחוֹן - וֶועט דָאס בְּרֶענְגֶען אַז זִי זָאל צוּרִיקְקוּמֶען. שְׁמוּעֶסְט מִיט אִיר, דֶערְצֵיילְט אִיר מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה וָואס אִיר הָאט גֶעבֶּעטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעהָאלְפְן.

מִיר דַארְפְן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וֶוער עֶס וֵוייסְט וָואס טוּט זִיךְ אָפּ הַיינְט... עֶס פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַוֶועק בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע שְׁטוּבֶּער, בִּפְרַט דוּרְךְ דִי צָרָה וָואס מִיר הָאבְּן אִין אוּנְזֶער דוֹר - דִי אִינְטֶערְנֶעט, וָואס אֵיינְמָאל מֶען פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּרִיק צוּ קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער זָאל תְּשׁוּבָה טוּן בְּקָרוֹב.

## תקסה

**וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ אִיז מִיךְ נִישְׁט גֶענוּג מְכַבֵּד?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים צוּרִיק אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז מַיין וַוייבּ אִיז מִיךְ נִישְׁט מְכַבֵּד, זִי גֶעבְּט דִי עֶרְשְׁטֶע פְּלַאץ קוֹדֶם פַאר אִירֶע חַבֵרְ'טֶעס, פַאר אִיר מִשְׁפָּחָה, אוּן עֶרְשְׁט דֶערְנָאךְ קוּם אִיךְ.

אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטְן אוּן וָואס צוּ טוּן וֶועגְן דֶעם, אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דַיין וַוייבּ שֶׁעצְט דִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אוּן אַז אִירֶע חַבֶר'טֶעס אוּן מִשְׁפָּחָה זֶענֶען בַּיי אִיר פַאר דִיר, אוּן דָאס שְׁטֶערְט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט גֵייעֶן דָאס אַרִיבֶּער נָאךְ דִי חֲתוּנָה, עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ נָאנְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן אוּן מֶען וֶוערְט בַּאקְוֶועם אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.

**אַז** דַיין וַוייבּ לוֹיפְט צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן אוּן צוּ אִירֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער - דַארְף דָאס דִיךְ נִישְׁט בַּאדֶערְן; אַדְרַבָּה, פְרֵיי זִיךְ אַז זִי הָאט מִשְׁפָּחָה, אַז זִי הָאט לִיבּ אִירֶע עֶלְטֶערְן אוּן גֶעשְׁווִיסְטֶער, עֶס אִיז נָאר אַ מַעֲלָה פַאר דִיר אַז זִי הַאלְט זִיךְ גוּט מִיט אִיר מִשְׁפָּחָה, דוּ וֶועסְט נָאךְ אַסַאךְ מַרְוִיחַ זַיין פוּן דֶעם.

**דֶער** עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זַיין אַ מַשְׁפִּיעַ; דוּ זָאלְסְט זַיין דֶער וָואס גֶעבְּט כָּבוֹד, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אַלֵיינְס וֶוערְן מְכוּבָּד. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, א): "אֵיזֶהוּ מְכֻבָּד? הַמְכַבֵּד אֶת הַבְּרִיּוֹת", אַז דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ אוּן דוּ וֶועסְט אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן וֶועט דָאס צוּרִיקְקוּמֶען צוּ דִיר, וַוייל (עֵירוּבִין יג:): "כָּל הַמְחַזֵּר עַל הַגְּדוּלָּה", וֶוער עֶס זוּכְט צוּ זַיין גְרוֹיס, "גְּדוּלָּה בּוֹרַחַת מִמֶּנּוּ", וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם, אָבֶּער "וְכָל הַבּוֹרֵחַ מִן הַגְּדוּלָּה",

דֶער וָואס זוּכְט נִישְׁט קַיין כָּבוֹד, עֶר אַנְטְלוֹיפְט גָאר פוּן כָּבוֹד, "גְדוּלָה מְחַזֶּרֶת אַחֲרָיו", דֶער וֶועט וֶוערְן גְרוֹיס, אַלֶע וֶועלְן אִים מְכַבֵּד זַיין; אַז דוּ וֶועסְט זוּכְן וואוּ דוּ קֶענְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ אוּן אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן וֶועט זִי דִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן דִיךְ הַאלְטְן מֶער פוּן אַלֶעמֶען.

**נָאכְאַמָאל,** עֶס זָאל דִיר נִישְׁט בַּאדֶערְן וֶוען זִי רֶעדְט צוּ אִירֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער אוּן צוּ אִירֶע חַבֶר'טֶעס, דָאס מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז זִי דַארְף דִיךְ נִישְׁט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תקסו

**זָאל אִיךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן כּוֹלֵל אוּן גֵיין אַרְבֶּעטְן?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶרְשְׁטְנְס וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים פוּן חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה. אִיךְ הֶער אוֹיס יֶעדֶע נַייֶע שִׁיעוּר, אוּן נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי צֶעבְרָאכְן אִיךְ בִּין - וֶועט דִי שִׁיעוּר מִיךְ אַלֶץ מְחַזֵק זַיין אוּן אוֹיפְהֵייבְן, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין מִיר אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה אוּן חִיזוּק וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם אָנְגֶעהוֹיבְן אַ שִׁיעוּר אִין נַ"ךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט יְהוֹשֻׁעַ אוּן שׁוֹפְטִים, אוּן אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן סֵפֶר שְׁמוּאֵל.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה. אִיךְ לֶערְן אִין כּוֹלֵל פַארְמִיטָאג, אוּן נָאכְמִיטָאג אַרְבֶּעט אִיךְ. לְמַעֲשֶׂה אָבֶּער, זֶע אִיךְ נִישְׁט קַיין תַּכְלִית אִין זִיצְן אִין כּוֹלֵל פַארְמִיטָאג, אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען דָארְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים - אַ בְּלַאט גְמָרָא מִיט חוּמָשׁ רַשִׁ"י, תְּהִלִּים אוּן נַ"ךְ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אִיךְ מוּז לֶערְנֶען דִי שִׁיעוּרֵי הַכּוֹלֵל; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צוּפִיל גֶעדוּלְד דֶערְצוּ אוּן אִיךְ שְׁמוּעֶס אַסַאךְ אִינְמִיטְן לֶערְנֶען. אִיךְ מֵיין אַז דָאס בֶּעסְטֶע וָואלְט גֶעוֶוען פַאר מִיר צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן גֶעהֶערִיג אוּן הָאבְּן מַיינֶע אֵייגֶענֶע שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג.

פַאר מַיין שְׁוֶוער וֶועט אָבֶּער לִכְאוֹרָה אַבִּיסְל שְׁטֶערְן אַז אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פוּן כּוֹלֵל, וְוייל אִיךְ ווייסְן וָואס עֶס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ טוּן.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וִויסְן** זָאלְסְטוּ אַז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ גֵיין לֵיידִיג; אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען פוּן גֵיין לֵיידִיג. אַז מֶען גֵייט לֵיידִיג קוּמְט מֶען צוּ טוּן עֲבֵירוֹת אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פַארְ'ן מֶענְטְשׁ. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:): "הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי זִמָּה וְלִידֵי שִׁעֲמוּם", אַז מֶען בַּטְלְ'ט דִי צַייט קוּמְט מֶען צוּ עֲבֵירוֹת אוּן מֶען וֶוערְט דֶעפְּרֶעסְט.

**עֶס** אִיז זִיכֶער אַז דוּ זָאלְסְט זֶען אָנְצוּפוּלְן דַיין טָאג; זָאלְסְט לֶערְנֶען דַיינֶע אֵייגֶענֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן נֶעמֶען אַן

אַרְבֶּעט, ווייל (אָבוֹת ב, ב): "יָפֶה תַלְמוּד תּוֹרָה עִם דֶּרֶךְ אֶרֶץ", עֶס אִיז גוּט פַאר'ן מֶענְטְש עֶר זָאל לֶערְנֶען אוּן אַרְבֶּעטְן, "שֶׁיְּגִיעַת שְׁנֵיהֶם מְשַׁכַּחַת עָוֹן"; 'מְשַׁכַּחַת' אִיז דֶער זֶעלְבֶּער לָשׁוֹן פוּן 'שִׁכְחָה', אַז מֶען אַרְבֶּעט אוּן מֶען לֶערְנְט - פַארְגֶעסְט מֶען צוּ זִינְדִיגְן, אוּן מֶען הָאט נִיטְאָמָאל קַיין צַייט צוּ זִינְדִיגְן.

**בְּנוֹגֵעַ** דַיין שְׁוֶוער וְכוּ'; אַ שְׁוֶוער קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּנַארְן, יֶעדֶער שְׁוֶוער ווייסְט פִּינְקְטְלִיךְ דֶער מַצָּב מִיט זַיין אֵיידֶעם - צִי עֶר לֶערְנְט אָדֶער עֶר גֵייט לֵיידִיג, מִיט דֶעם וָואס דוּ זִיצְט אִין כּוֹלֵל אוּן דוּ בַּטְלְ'סְט צַייט וְכוּ' - וֶועסְטוּ אִים נִישְׁט מַאכְן קַיין נַחַת. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ שׁוֹין זוּכְן עֶפֶּעס מִיט וָואס אָנְצוּפוּלְן דַיינֶע שָׁעוֹת.

**אַז** דוּ וֶועסְט גֵיין אַרְבֶּעטְן, זִיךְ פִּירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דוּ וֶועסְט אוֹיסְנוּצְן דַיין צַייט; יֶעדֶע אִיבֶּעריגֶע מִינוּט וֶועסְטוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְ'ן טָאג: זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי אוֹיךְ וֶועסְטוּ זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דַפִּים גְּמָרָא אוּן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - וֶועסְטוּ מַאכְן נַחַת פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן פַאר דַיין ווייבְ'ס עֶלְטֶערְן; אַלֶע וֶועלְן הַאלְטְן פוּן דִיר.

**כּוֹלֵל** אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַאר אִינְגֶעלַייט וָואס נַפְשָׁם חָשְׁקָה בַּתּוֹרָה, זֵיי לֶערְנֶען אָן קַיין הֶפְסֵק אַ גַאנְצְן טָאג.

# תקסז

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ וַואלְגֶער זִיךְ אַרוּם פוּן אֵיין יְשִׁיבָה צוּם צְווייטְן. אִין שִׁיעוּר א׳ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין אֵיין יְשִׁיבָה, אִין שִׁיעוּר ב׳ אִין אַ צְווייטֶע יְשִׁיבָה, אוּן יֶעצְט אִין אַ דְרִיטֶע יְשִׁיבָה; אִיךְ שְׁפִּיר אַז מִיר גֵייט עֶס נִישְׁט.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, קַיין חֵשֶׁק צוּ דַאוְונֶען אוּן תְּפִלִּין לֵייגְן, אוּן בִּכְלַל הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין סִיפּוּק פוּן קַיין שוּם זַאךְ אִין לֶעבְּן. וֶוען אִיךְ וִויל שׁוֹין גֵיין רֶעדְן אַבִּיסְל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפִּיר אִיךְ וַוייטֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן.

עֶס אִיז נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין אַ לֵיידִיגְגֵייעֶר אוּן אִיךְ הַאלְט נִישְׁט בַּיי גָארְנִישְׁט, וַוייל בֶּאֱמֶת צִיט מִיר מַיין הַארְץ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֶועלְן זַיין גוּט, צוּ וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן צוּ הָאבְּן עֶפֶּעס אַ תַּכְלִית אִין לֶעבְּן, אָבֶּער עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס פּוּנְקְט אִיךְ בִּין אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן גֶעוָוארְן צוּ זַיין דֶער לֹא יִצְלַח, צוּ זַיין דֶער וָואס טוֹיגְט צוּ גָארְנִישְׁט, וָואס מוּז נָאכְלוֹיפְן דִי וִוינְט, דֶער וָואס מוּז קוּקְן כָּל דָּבָר אָסוּר.

אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר הָאבְּן וָואס צוּ זָאגְן, עֶפֶּעס אַן עֵצָה אוּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אוֹיךְ אִיךְ זָאל קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, ד' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַז** דוּ ווילְסְט מַצְלִיחַ זַיין און אויסְנוּצְן דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין זָאלְסְטוּ אָנְנֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְ'ן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד. דֶער וָואס לֶערְנְט אוֹיפְ'ן 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד' פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) וֶוערְט מִיט דִי צַייט מְיוּשָּׁב; מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ רוּאִיגֶער מֶענְטְשׁ, מֶען שְׁפִּירְט אַ טַעַם אִין לֶעבְּן און מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין נִישְׁט ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן ווִי מֶען אִיז יָא וֶוערְד.

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין לִימּוּד מִשְׁנָיוֹת; מִשְׁנָיוֹת וֶועט דִיר אוֹיסְרֵיינִיגְן און דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט שְׁפִּירְן בַּיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד. "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "מְשַׁנֶּה"; מִשְׁנָיוֹת אִיז מְשַׁנֶּה דֶעם מֶענְטְשׁ און מַאכְט אִים רֵיין. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט מִשְׁנָיוֹת אַ סְגוּלָה אַז עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע; הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי (תְּהִלִּים ל, ד), אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: 'מִשְׁנָה', מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרַיינְגֶעפַאלְן.

**פְּרוּבִיר** צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; אַז מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת מַאכְט דָאס

לוּיטֶער דֶעם מֶענְטְשׁ און עֶס גֶעבְּט אִים צוּרִיק דֶעם מֹחַ. ווייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶוערְט אִים אוֹיסְגֶערִיסְן זַיין מֹחַ-מַחֲשָׁבָה, וַוייל דִי זֶרַע קוּמְט פוּנֶעם מֹחַ, דֶערִיבֶּער אַז מֶען זִינְדִיגְט וֶוערְט דֶער מֹחַ אוֹיסְגֶעטְרִיקְנְט וְכוּ', און אַז מֶען זָאגְט אַסאַך פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק אַ קְלָארֶע מֹחַ.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ זָאגְן אַסאַך דַפִּים גְמָרָא יֶעדְן טָאג; וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", תַלְמוּד בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע ווִי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית; אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה, זֵיי וֶוערְן כְּעַפְרָא בְּעַלְמָא.

**אַז** דוּ וֶועסְט טוּן וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם בְּרִיוו וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן חָשׁוּב בַּיי דִיר.

# תקסח

## וֶוען און וויפִיל דַארְף מֶען גֶעבְּן מַעֲשֵׂר?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צום עֶרְשְׁט מוז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר מַיין לֶעבְּן, מַיין מַאן'ס לֶעבְּן און אונְזֶער מִשְׁפָּחָה'ס לֶעבְּן, וַוייל נָאר דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען אונְזֶער חִיזוּק אִין לֶעבְּן, דָאס גֶעבְּט אוּנְז דִי כֹּחַ און דִי שֵׂכֶל אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן און מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה וֶועגְן מַעֲשֵׂר גֶעלְט. אַלְס מֵיידְל פְּלֶעג אִיךְ אַלְץ גֶעבְּן מַעֲשֵׂר פוּן דִי גֶעלְט וָואס אִיךְ הָאבּ פַארְדִינְט, אָבֶער נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט מַיין מַאן מִיר גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן דַארְף מֶען נִישְׁט גֶעבְּן, און אַזוֹי אִיז עֶס גֶעבְּלִיבְּן אַז מִיר נֶעמֶען נִישְׁט אַרָאפּ קַיין מַעֲשֵׂר, נָאר מִיר גֶעבְּן סְתַּם צְדָקָה וֶוען עֶס קוּמְט אוּנְטֶער אַ צְוֶועק. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, און וָואס אִיז אֱמֶת'דִיג דֶער עִנְיָן וֶוען און ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף גֶעבְּן מַעֲשֵׂר.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר מִיט אַייעֶר מַאן און אַייעֶר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' און מְחַזֵּק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער.

**וָ**וען די וועלט וואלט געוואוּסט וואס דער רבי געבּט אוּנז וואלטן אַלע געקוּמען צוּם רבי'ן און אַלע וואלטן געלערנט די ספרים פוּן רבי'ן; ווער וויל דען נישט האבּן אַ גוּט לעבּן? יעדער וויל דאך האבּן אַ חַיִים טוֹבים. נאר די סִיבּה פאַרוואס מענטשן שטייען אַוועק פוּן רבי'ן און פוּן בּרסלבֿ'ער חסידים איז ווייל מען רעדט אוֹיף אוּנז אַסאך לשוֹן הרע, דעריבּער האבּן מענטשן מוֹרא פוּן 'בּרסלבֿ'. אָבּער ווען מען וואלט ווען געוואוּסט דעם אמת וואס טוּט זיך אין בּרסלבֿ וואלטן אַלע געקוּמען צוּם רבי'ן.

**בּנוֹגֵעַ** מַעֲשֵׂר וְכוּ'; דאס איז אַ שאלה וואס איז נוֹגֵעַ פאַר אַייער מַאן. עס ווענדט זיך צי ער האט חוֹבוֹת וְכוּ' צי ער האט פּרנסה וְכוּ', אוֹיבּ מען האט חוֹבוֹת און מען האט נישט קיין פּרנסה וְכוּ' - איז מען פּטוּר פוּן געבּן מַעֲשֵׂר, דעמאלט איז מען יוֹצא די מִצְוָה פוּן צדקה מיט אַפּאר פּרוּטוֹת, וואס אין דעם איז יעדער איד מְחוּיָבֿ, אֲפילוּ מען האט נישט קיין געלט.

**אַז** איר ווילט מַצליחַ זיין און האבּן פּרנסה בּשֶפע זאלט איר מיט אַייער מַאן און קינדער זיך פאַרנעמען צוּ בּענטשן בּרכּת הַמָּזוֹן אין אַ בּענטשער פוּן אינעווייניג, דוּרכדעם וועט איר ווערן רייך. מוֹהרא"ש פלעגט זאגן אַז ער האט זוֹכה געווען צוּ אַ גרוֹיסע עֲשירוּת וויבּאלד ער האט זיך צוּגעוואוֹינט צוּ בּענטשן נאר אינעווייניג אין אַ בּענטשער; דאס וועט אַייך געבּן גרוֹיס שֶפע, אַז איר וועט האבּן צוּ געבּן מַעֲשֵׂר און נאך מער ווי מַעֲשֵׂר.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע אֵייעֶרֶע כּוחוֹת צוּ זַיין פְּרֵייליךְ און פְרֵייליךְ מַאכְן אֵייעֶר מַאן און קִינְדֶער.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִיקַר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה"; אַז דִי פְרוֹי אִיז פְּרֵייליךְ וֶוערְט דֶער מַאן פְּרֵייליךְ, וַוייל עֶס וֶוערְט אִים נִתְרַחֵב זַיין דַּעַת, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען מַצְלִיחַ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב', סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תקסט

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ ווִיסְן אוֹיף זִיכֶער אַז מַיין תְּשׁוּבָה אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי, און אִיךְ מוּז זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים און דִי נִיגוּנִים, זֵיי רֶעדְן צוּ מַיין נְשָׁמָה, זֵיי גֶעבְּן מִיר חִיזוּק אִין לֶעבְּן און זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן מִיר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָנְגֶעהוֹיבְּן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן הִיטְן שַׁבָּת און אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ זַיין עֶרְלִיךְ און וואוּיל. אָבֶּער ווִי מֶער אִיךְ שְׁטַארְק זִיךְ אִין מִצְוֹת און זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אַלְץ מֶער הוֹיבּ אִיךְ אָן שְׁפִּירְן שְׁלֶעכְט אִין הַארְץ צִי אִיךְ גֵיי אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

דִי סִיבָּה וָואס הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט תְּשׁוּבָה טוּן אִיז נָאר וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין סִיפּוּק אִין לֶעבְּן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז דָאס קוּמְט וַוייל דִי נְשָׁמָה אִיז הוּנְגֶעריג, אוּן אַז מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין וֶוערְט מֶען דֶעפְּרֶעסְט, דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי שְׁטוּפּ צוּ אָנְהוֹיבְּן זַיין ווָאוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, נָאר כְּדֵי צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן.

יֶעצְט הוֹיבּ אִיךְ אָן טְרַאכְטְן צִי דָאס אִיז טַאקֶע רִיכְטִיג, אֶפְשָׁר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט קַיין נַחַת רוּחַ פוּן מִיר - אַז דִי גַאנְצֶע סִיבָּה וָואס אִיךְ הַאלְט זִיךְ ווָאוּיל אוּן עֶרְלִיךְ אִיז נָאר פַאר מַיין אֵייגֶענֶע הֲנָאָה צוּ קֶענֶען הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען קְלָארְשְׁטֶעלְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**ווָאוּיל** אִיז אַייךְ אוּן ווָאוּיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט אַייעֶרֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים, אִיר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וָואס** זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן תְּשׁוּבָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (בְּרָכוֹת לד:): "מָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִין

אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִין יְכוֹלִין לַעֲמֹד בּוֹ", צַדִיקִים קֶענֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען אַזוֹי הוֹיךְ וואו דִי מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן תְּשׁוּבָה קוּמֶען אָן; נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא): "גָּדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה, שֶׁכֵּיוָן שֶׁאָדָם מְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, מִיַּד הִיא עוֹלָה לֹא עַד עֲשָׂרָה יָמִים, וְלֹא עַד עֶשְׂרִים וְלֹא עַד מֵאָה, אֶלָּא עַד מַהֲלַךְ חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנִים; וְלֹא עַד רָקִיעַ רִאשׁוֹן וְשֵׁנִי, אֶלָּא שֶׁהִיא עוֹמֶדֶת לִפְנֵי כִּסֵּא הַכָּבוֹד", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט בְּלוֹיז פוּן תְּשׁוּבָה - עֶר ווִיל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט עֶר גְלַייךְ אָן צוּם כִּסֵּא הַכָּבוֹד.

כָּל שְׁכֵּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן הִיטְן שַׁבָּת אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה אָפְּצוּמֶעקְן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קיח:): "כָּל הַשּׁוֹמֵר שַׁבָּת כְּהִלְכָתוֹ, אֲפִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה כְּדוֹר אֱנוֹשׁ מוֹחֲלִין לוֹ", וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת; אֲפִילוּ עֶר אִיז זֵייעֶר זִינְדִיג אוּן עֶר הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - מֶעקְט מֶען אָפּ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן.

אִיךְ זֶע אוּן פַארְשְׁטֵיי אַז דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל אַייךְ צוּרִיקְשְׁלֶעפְּן צוּ אִים; עֶר הָאט נִישְׁט לִיבּ וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן, דֶערִיבֶּער בְּרֶענְגְט עֶר אַרַיין אִין אַייךְ סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, אִיר טְרַאכְט: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ יָא? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט?' 'עֶס הֵייסְט אֱמֶתְ'עֶ תְּשׁוּבָה?

אָדֶער אֶפְשָׁר אִיז עֶס אַ פַאלְשֶׁע תְּשׁוּבָה?׳ דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן קָאפְּדְרֵייעֶנִישְׁן גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס טוּט תְּשׁוּבָה, דִי קְלִיפּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָכִים לוֹיפְן נָאךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן פְּרוּבִּירְן אִים צוּרִיק צוּ שְׁלֶעפְּן, זָאלְט אִיר וִויסְן קְלָאר אַז דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת קוּמֶען נִישְׁט פוּן קְדוּשָׁה, עֶס קוּמְט פוּן דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס פַארְגִינְט אַייךְ נִישְׁט אַז אִיר זֶענְט אַן עֶרְלִיכֶע פְּרוּי וְכוּ׳. בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ זַייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט אַייעֶרֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים, וַוייל אִיר זֶענְט יֶעצְט זַייעֶר נָאנְט בַּיים הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

**גֶעוואוֹינְט** אַייךְ צוּ זִיךְ אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעם וָואס אִיר זֶענְט אַרִיבֶּער.

אִיר זָאלְט נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן מִיט קֵיינֶעם פוּן אַייעֶר עָבַר, נָאר פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְט אִיר עֶס דֶערְצֵיילְן, דָאס וֶועט מַאכְן עֶס זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ד) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְן דִי עֲבֵירוֹת אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לב, כז): ״וַתְּהִי עֲוֹנֹתָם עַל עַצְמוֹתָם״, אוּן דָאס הַרְגְ׳עֶט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לד, כב): ״תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה״, דִי עֲבֵירוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ טוּעֶן אִים הַרְגְ׳עֶנֶען; אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, דַאן גֵייעֶן אַרוֹיס אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער. דֶערִיבֶּער, אַז אִיר וֶועט דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע אַייעֶרֶע אַלְטֶע

מַעֲשִׂים וֶועט דָאס צוּשְׁטַייטְלִיךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייךְ בִּיז אִיר וֶועט עֶס אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן, וָואס דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַייךְ מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעמֶען; וַוייל אִיר זֶענְט נִישְׁט שׁוּלְדִיג, מֶען הָאט אַייךְ דָאךְ בַּאצְווּאוּנְגֶען וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תקע

### ווי אַזוֹי אִיז מֶען מְחַנֵךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק וָואס אִיר גֶעבְּט פַאר דִי וֶועלְט.

מַיין זוּן אִיז אֵיין יָאר אַלְט, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס חִינוּךְ אִיז; אִיךְ וָואלְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין קִינְדֶער.

לְמָשָׁל אַז מַיין זוּן וִויל נִישְׁט עֶסְן פְלֵייש, וָואס טוּט מֶען אִין אַזַא צַייט? אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַנְדֶערֶע זַאכְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**בְּנוֹגֵעַ** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַז דַיין קִינְד וִויל נִישְׁט עֶסְן קַיין פְלֵייש וְכוּ'; דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף פַארְלַאנְגֶען פוּן קִינְדֶער. אֲפִילוּ זֵיי ווילְן נִישְׁט עֶסְן קַיין פְלֵייש וְכַדוֹמֶה, זָאלְן זֵיי עֶסְן גֶעזוּנְטֶע עֶסְן.

**מֶען** דַארְף דָאס מַאכְן מִיט חָכְמָה, וָואס דָאס טוּעֶן גֶעוֶועגְלִיךְ דִי מַאמֶעס; זֵיי וֵוייסְן שׁוֹין וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּשְׁפִּילְן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער מִיט אַ מַעֲשֶׂה'לֶע וְכַדוֹמֶה. מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה בִּיז זֵיי פַארְגֶעסְן אַז זֵיי ווילְן נִישְׁט עֶסְן, אַזוֹי נַארְט מֶען אַרַיין אִין זֵיי דָאס עֶסְן, בִּיז זֵיי גֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ צוּ קֶענֶען עֶסְן גֶעזוּנְטֶע עֶסְן.

**נָאךְ** אַ וִויכְטִיגֶע כְּלַל אִיז דָא אִין חִינוּךְ, אַז עֶלְטֶערְן טָארְן נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען דִי קִינְדֶער וֵויינֶען אָדֶער בְּלָאזְן; אַז עֶלְטֶערְן זָאגְן 'יָא' אָדֶער 'נֵיין' קֶען מֶען נִישְׁט צוּרִיקְצִיעֶן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעט וִוי דִי קִינְדֶער בְּלָאזְן אוּן וֵויינֶען וְכוּ'. וַוייל אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע דַארְף זַיין אַ וָוארְט, אַ 'יָא' אִיז אַ 'יָא' אוּן אַ 'נֵיין' אִיז אַ 'נֵיין'.

**עֶס** אִיז נִישְׁט פַארְהַאן אַ גֶעזוּנְטֶערֶע זַאךְ פַאר קִינְדֶער וִוי אַ שְׁטַארְקֶע וָוארְט פוּן עֶלְטֶערְן; אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן וֶוערְן

דֶערשְׁרָאקְן וֶוען די קִינְדֶער וֵויינֶען, מִיט דֶעם צֶעוַואְרפְן זֵיי די גַאנְצֶע חִינוּךְ און עָתִיד פוּן זֵייעֶרע קִינְדֶער. מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוירְן וֶוען דָאס קִינְד וויל נִישְׁט עֶסְן, מֶען דַארְף הָאבְן אַסַאךְ גֶעדולְד און זַיין שְׁטַארְק בִיז דָאס קִינְד פָאלְגְט און עֶסְט אוֹיף.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע און עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, וַוייל אֲפִילוּ די וָואס וֵוייסְן ווי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין די קִינְדֶער דַארְפְן אוֹיךְ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר די קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ - זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אַ תְּהִלִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט און אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, אַז דוּ דַארְפְסְט גוּטֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּהִלִים און וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער אִיז נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תקעא

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אִידִישְׁקֵייט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד. רוֹב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ מִיט זֵייעֶר אִידִישְׁקֵייט, אָבֶער לֵיידֶער אַרְבֶּעט דָאס נִישְׁט בַּיי מִיר, אִיךְ זֶע נִישְׁט דִי גְלִיק דֶערְפוּן; אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר הֶעלְפְן זֶען דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אִידִישְׁקֵייט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ד' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**מִיר** דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיטְ'ן "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער. מִיר זֶעעֶן זֵייעֶר גוּט וָואס גוֹיִם זֶענֶען; דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק אִיז אַזוֹי ווִי אַ קְלֵיינֶע שֶׁעפֶעלֶע צְווִישְׁן זִיבֶּעצִיג וֶועלְף אוּן מִיר וֵוייסְן דָאךְ וָואס דִי זִיבֶּעצִיג פֶעלְקֶער - פַארְצִיקְנֶדֶע חַיוֹת - הָאבְּן גֶעטוּן דוּרְכְאוֹיס דִי אַלֶע יָארְן פַאר דָאס קְלֵיינֶע שֶׁעפֶעלֶע - נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל. זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ אַרוֹיס אַז זֵיי ווִילְן

נָאר 'שָׁלוֹם' אוּן זֵייעֶר וֶועג אִיז 'אַהֲבָה', אָבֶּער שׁוֹין צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר וָואס זֵיי הַרְגְ'נֶען אוּנְז אִידְן מִיט אַלֶע מִיתוֹת מְשֻׁנּוֹת - סְקִילָה, שְׂרֵפָה, הֶרֶג אוּן חֶנֶק, אַלֶעס מִיטְ'ן פַּאלְשְׁן פָּנִים מִיט וָואס זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ אַהֶער אַז זֵייעֶר וֶועג אִיז צוּ גֵיין מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

וֶוער הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט אוּן גֶעלֵיינְט וָואס דִי עֲמָלֵקִים - דִי דֵייטְשֶׁע רְשָׁעִים יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם - הָאבְּן גֶעטוּן מִיט מִילְיָאנֶען אִידְן; זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִידְן - מֶענֶער, פְרוֹיעֶן אוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן גֶע'הַרְגְ'עט מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס רְצִיחָה, אִיבֶּער זֶעקְס מִילְיָאן אִידְן הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶע'הַרְגְ'עט בִּשְׁעַת אַלֶע פֶעלְקֶער הָאבְּן זֵיי אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט דִירֶעקְט גֶעהָאלְפְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין דִי זַייט אוּן גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז נִיטְאַמָאל דָא אַ סְכוּם וְויפִיל מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי רוּסְן - דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע קַאמוּנִיסְטְן - הָאבְּן אוֹיסְגֶע'הַרְגְ'עט בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן!

מִיט דֶעם אַלֵיינְס דַארְפְן מִיר זִיךְ פְרֵייעֶן, אַז מִיר זֶענֶען אִידְן אוּן מִיר זֶענֶען נִישְׁט מְסוּגָל צוּ טוּן אַזֶעלְכֶע רְצִיחוֹת; מִיר זֶענֶען אַן אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פָאלְק, אַ פָאלְק פוּן רַחְמָנוּת, אַ פָאלְק וָואס טוּט חֶסֶד. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת עט.): "שְׁלשָׁה סִימָנִים יֵשׁ בְּאוּמָה זוֹ", דְרֵיי סִימָנִים זֶענֶען דָא בַּיי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, - "הָרַחְמָנִים, וְהַבַּיישָׁנִין וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים", אִידְן הָאבְּן רַחְמָנוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים

יג, יח): "וְנָתַן לְךָ רַחֲמִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז גֶעבְּן רַחְמָנוּת; אִידְן שֶׁעמֶען זִיךְ, זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ דִי מִדָה פוּן בּוּשָׁה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת כ, יז): "וּבַעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם", אוּן אִידְן הָאבְּן דִי מִדָה פוּן טוּן חֶסֶד, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית יח, יט): "לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת בָּנָיו וְאֶת בֵּיתוֹ" וְגוֹ'; מִיט דֶעם אַלֵיינְס דַארְפְן מִיר זִיךְ פְרֵייעֶן.

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אִין דִי אַרְבֶּעטְס לַאגֶערְן אוּנְטֶער דִי רוֹצְחִים - דִי נַאצִים יִמַח שְׁמָם וְזִכְרָם בַּיי דִי צְווייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה, הָאבְּן זֵיי אֵיין תְּקוּפָה גֶעאַרְבֶּעט עֲבוֹדַת הַפֶּרֶךְ אִין דִי וַוארְשָׁא גֶעטָאוֹ, זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט בּוֹיעֶן אַ וַואנְט. דִי בְּרוּטַאלֶע נַאצִים יִמַח שְׁמָם זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען מִיט אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְטֶע בִּיקְסְן אוּן וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט פְלַייסִיג הָאבְּן זֵיי דֶערְשָׁאסְן צוּם טוֹיט רַחֲמָנָא לִצְלָן. אֵיין טָאג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ גָאס רֶעגְן אַזוֹי אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען צוּ בּוֹיעֶן דֶעם וַואנְט וַוייל דִי רֶעגְן הָאט אָפְּגֶעווָאשְׁט דִי לֵיים (צֶעמֶענְט), דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע אִידְן הָאבְּן גֶעלֵייגְט צֶעמֶענְט אוּן דִי רֶעגְן הָאט דָאס אָפְּגֶעוַואשְׁן; עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער קַאלְט אוּן דִי אִידְן זֶענֶען גֶעפַאלְן פוּן דִי כּוֹחוֹת בִּשְׁעַת דִי נַאצִים שְׁטֵייעֶן אוּן לַאכְן זִיךְ אוּנְטֶער פוּן דִי אִידְן, נֶעבְּן דֶעם קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ פְרֵייעֶר אִיד וָואס הָאט אוֹיךְ גֶעדַארְפְט הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם וַואנְט אִינֶעם גָאס רֶעגְן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט מִיט גֶעשְׁפֶּעט דֶעם רֶבִּי'ן: "רֶבִּי, מָארְגְן וֶועט אִיר נָאכְאַלְץ מַאכְן

דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי'?" מֵיינֶענְדִיג צוּ זָאגְן: 'וָואס הָאבְּן מִיר אַז מִיר זֶענֶען אִידְן? וָואס אִיז דִי שִׂמְחָה מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי' אַז מֶען פַּיינִיגְט אוּנְז?' הָאט דֶער קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רָב גֶעזָאגְט: "מָארְגְן וֶועל אִיךְ מַאכְן דִי בְּרָכָה מִיט אַ גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה וִוי פְרִיעֶר, זֶעעֶנְדִיג וָואס גוֹיִם זֶענֶען מְסוּגָל צוּ טוּן; נֶעמֶען אַן אוּמְשׁוּלְדִיג פָאלְק אוּן אוּנְז אַזוֹי רַצְחְ'עֶנֶען אוּן פַּיינִיגְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע פַּיינִיגוּנְגֶען וָואס אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט דוּרְכְטְרָאגְן, מִיט דֶעם אַלֵיינְס פְרֵיי אִיךְ זִיךְ, אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אַ גוֹי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת; מָשִׁיחַ זָאל אוּנְז נֶעמֶען צוּרִיק קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.

## תקעב[כו]

**מֶעג מֶען זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן מִיט תְּפִלָּה, אָדֶער נִישְׁט?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט אַסַאךְ פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר פִיל, מֶען דַארְף בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוֹיף אַלֶע מִינֵי וֶועגְן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם

כו. נָאךְ אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ה', מִכְתָּב שעט.

אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁנְ'ען; ווי אַזוֹי אַרְבֶּעטְן דִי צְוֵויי זַאכְן אִינְאֵיינֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת צַו, י' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצו): "אָסוּר לְאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִילָּתוֹ - שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וְכוּ'", אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז מִיט אִים טוּן אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל, "רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יִתֵּן, וְאִם לָאו לָאו", נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, אַזוֹי ווִי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְן; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווֶעט אִים הֶעלְפְן אִיז גוּט, אוּן אַז עֶר ווֶעט אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְן אִיז נִישְׁט. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי ווָאס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, יג): "אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע", קֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְזֵילָה אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "'וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ', הַיְנוּ שֶׁכָּל מַה שֶּׁהוּא מְבַקֵּשׁ, הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָּנִים אוֹ שְׁאָר צְרָכִים, אָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ

וְלַעֲמֹד עַצְמוֹ בִּתְפִילָּתוֹ, שֶׁדַּוְקָא יַעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת תְּפִילָּתוֹ", װען מֶען בֶּעט דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אויף פַּרְנָסָה, אויף קִינְדֶער אָדֶער אויף אַנְדֶערֶע גֶעבְּרוּיכְן, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אײנ'עַקְשְׁנֶ'ען אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, "כִּי זֶה הוּא תְּפִלַּת קֶבַע, שֶׁלּוֹקֵחַ הַדָּבָר בְּחָזְקָה בִּגְזֵלָה, רַק יִתְפַּלֵּל רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים כַּנַּ"ל".

**דָאס** אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "וְצָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן װען מֶען רֶעדְט צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן מְיוּאָשׁ װען מֶען זֶעט וִוי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צֵייט אוּן מֶען בַּאקוּמְט נִישְׁט וָואס מֶען בֶּעט; מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוֹיסְצוּוַוארְטְן אויף דִי יְשׁוּעָה פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אוּן וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל זַיין צוּ אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן שִׁיקְן דִי יְשׁוּעָה, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט טָאר מֶען נִישְׁט דוֹחֵק זַיין דִי שָׁעָה אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ וִויל וְכוּ' אוּן דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער מוּז טוּן וָואס אִיךְ וִויל וְכוּ', וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "כָּל הַמַּאֲרִיךְ בִּתְפִלָּתוֹ וּמְעַיֵּין בָּהּ, סוֹף בָּא לִידֵי כְאֵב לֵב", וֶוער עֶס זָאגְט: 'אִיךְ בֶּעט אַזוֹי סַאךְ דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ זֶע נָאךְ נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה!' דֶער בַּאקוּמְט הַארְץ וֵוייטָאג, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יג, יב): "תּוֹחֶלֶת מְמוּשָּׁכָה מַחֲלָה לֵב", אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט (שָׁם, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל "וּמְעַיֵּן בָּהּ"): "מְצַפֶּה שֶׁתֵּעָשֶׂה בַּקָּשָׁתוֹ עַל יְדֵי הַאֲרָכָתוֹ, סוֹף שֶׁאֵינָהּ נַעֲשֵׂית, וְנִמְצֵאת תּוֹחֶלֶת

מִמְּשֶׁכֶת חִינָם, וְהִיא כְּאֵב לֵב כְּשֶׁאָדָם מְצַפֶּה וְאֵין תַּאֲוָתוֹ בָּאָה"; עַיֵּין שָׁם.

**דָאס** זָאגְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף טְרַאכְטְן: פוּן אֵיין זַייט בִּין אִיךְ אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, אִיךְ וֶועל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בֶּעט אִיךְ אִים בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר! אִיךְ דַארְף אַ יְשׁוּעָה; אִיךְ וֵויים אַז עֶס קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט וֶוערְד דוּ זָאלְסְט מִיר אוֹיסְהֶערְן, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעב מִיר אַ מַתְּנַת חִנָּם אוּן נֶעם אָן מַיין גֶעבֶּעט".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תקעג

### ווִי אַזוֹי פַארְרֶעכְט אִיךְ דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי יוּנְגֶע יָארְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

רֵאשִׁית כָּל מוּז אִיךְ גֶעבְּן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע גֶעוַואלְדִיגֶע דְרָשׁוֹת אוּן שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר אַסַאךְ חִיזּוּק אוּן חָכְמַת הַחַיִּים אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה וָואס בַּאדֶערְט מִיר שׁוֹין לַאנְג. אִיךְ הָאב שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר אִיבֶּער צְוָואנְצִיג יָאר, אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ

חָשׁוּבֶ'ע אֵשֶׁת חַיִל און אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער, גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אַלֶע זַיינֶע חֲסָדִים.

לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ אָבֶּער נִישְׁט קַיין מְנוּחָה אוֹיף מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן וֶוען אִיךְ בִּין לֵיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט פַארְשִׁידֶענֶע עֲבֵירוֹת, סְפֶּעצִיעֶל אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן; אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ דַארְף אַ רִיכְטִיגֶע הַדְרָכָה וִוי אַזוֹי תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוֹיף יֶענֶע יָארְן.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוּנְג, מַיין שֵׂכֶל אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג רֵייף צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי הַארְבְּקֵייט פוּן דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת, און יֶעצְט ווִיל אִיךְ אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה טוּן. אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר צוּ גֶעבְּן אַ קְלָארֶע וֶועג ווִי אַזוֹי פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע חֲטָאוֹת נְעוּרִים.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ ווַייטֶער גֶעבְּן כֹּחַ און מֹחַ צוּ מְזַכֶּה זַיין אֶת הָרַבִּים מִיט אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, און מֵפִיץ זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים און שִׂמְחַת תָּמִיד

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, י"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**בָּאפּ** זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אִין אוּמַאן און זָאגְן דָארְט דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי - דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל - טז,

לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] און גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה לִזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג און אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית"; דֶערְפַאר אַז דוּ ווִילְסְט פַארְרֶעכְטְן וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרִיבֶּערְכַאפְּן קַיין אוּמַאן צוּ זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, און דוּ זָאלְסְט זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אוֹיב מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל. דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א) יֶעדֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה, סַיי אַ מִצְוַת עֲשֵׂה סַיי אַ מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה, אוֹיב מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי מִצְוֹת, סַיי בְּשׁוֹגֵג, סַיי בְּמֵזִיד; וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"; וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶה? מֶען זָאל אַזוֹי זָאגְן: "אָנָּא הַשֵּׁם", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "חָטָאתִי, עָוִיתִי, פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ", אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי און דִי עֲבֵירָה, "וַהֲרֵי נִחַמְתִּי", אָבֶּער אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, "וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי", אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, "וּלְעוֹלָם

אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", און איך נעם זיך פָאר אַז איך גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן; "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה", וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

**אַז** דוּ ווילְסְט פַארְרֶעכְטְן דַיינֶע זִינְד פוּן דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעווָאוֹינֶען צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן און אִים בֶּעטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין.

**וֶוען** מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחוּקוֹתַי) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מִיָּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיָּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת בִּין אִיךְ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל און אִיךְ פִיר זִיךְ מִיט אִים מִיט רַחְמָנוּת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תקעד

## אָפְּלָאזְן אַ שִׁידוּךְ שָׁאט דֶען נִישְׁט?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיווּ[כז] וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן לֶעצְטְנְס צוּ אַ פְרוֹי וָואס הָאט מוֹרָא אַז עֶס שָׁאט אִיר דִי קְפֵּדָה פוּן אַ בָּחוּר וָואס אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעטְרָאגְן פַאר אִיר אוּן דִי שִׁידוּךְ אִיז לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט גֶעוָוארְן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אִיר אַז זִי דַארְף בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם, דָאס אִיז נָאר דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל אִיר צֶעבְּרֶעכְן.

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (עַיֵּין אִגְּרוֹת קוֹדֶשׁ, כְּרַךְ י"ד עַמּוּד שמ, סט; כְּרַךְ י"ג עַמּוּד ח') אַז אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער אוּן נָאךְ - קֶען קוּמֶען פוּן אַ קְפֵּדָה פוּן אֵיינֶעם אַז מֶען הָאט אָפְּגֶעלָאזְט אַ שִׁידוּךְ, אָדֶער אַז מֶען הָאט צוּגֶעזָאגְט אוּן מֶען הָאט נִישְׁט אַיינְגֶעהַאלְטְן וְכַדּוֹמֶה, אוּן מֶען הָאט יֶענֶעם נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן. עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אוֹיפְגֶערָאכְטְן גֶעוָוארְן וֶוען זֵיי הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן יֶענֶעם וָועמֶען מֶען הָאט מְצַעֵר גֶעוֶוען.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

---

כז. אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב תקנו.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, י"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָא** רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן אָפְּלָאזְן אַ שִׁידוּךְ וְכוּ'; דָא רֶעדְט מֶען פוּן דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין מא.): "אָסוּר לְאָדָם שֶׁיְּקַדֵּשׁ אֶת הָאִשָּׁה עַד שֶׁיִּרְאֶנָּה", מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן אַ שִׁידוּךְ פַּאר מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אוּן מֶען זֶעט צִי דָאס אִיז פַּאסִיג, "שֶׁמָּא יִרְאֶה בָּהּ דָּבָר מְגוּנֶּה וְתִתְגַּנֶּה עָלָיו", וַוייל אוֹיבּ מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן וֶועט מֶען עוֹבֵר זַיין אוֹיף (וַיִּקְרָא יט, יח): "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ"; מִמֵּילָא אַז מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן אוֹיף צוּ זֶען צִי מֶען ווִיל מַאכְן אַ שִׁידוּךְ - אִיז נִישְׁט דָא קַיין מָקוֹם וָואס חוֹשֵׁשׁ צוּ זַיין אוֹיף יֶענֶעמְ'ס הַקְפָּדָה.

**דָאס** וָואס דוּ צֵייכְנְסְט צוּ אַז מֶען דַארְף אִיבֶּערְבֶּעטְן וְכוּ' דָאס אִיז וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין גֶעמַאכְט דֶעם שִׁידוּךְ; אַז מֶען הָאט שׁוֹין מְקַבֵּל גֶעוֶוען אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן צוּ מַאכְן דִי שִׁידוּךְ אוּן מֶען צֶעטֵיילְט זִיךְ אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן - קֶען עֶס רַחֲמָנָא לִצְלָן שָׁאטְן פַּאר דִי קִינְדֶער. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפוּנֶען אִין דִי גְמָרָא (תַּעֲנִית ח.; עַיֵּין רַשִׁ"י דִּבּוּר הַמַּתְחִיל "מֵחֻלְדָּה וּבוֹר", וְתוֹסְפוֹת דִּבּוּר הַמַּתְחִיל "בְּחֻלְדָּה וּבוֹר") עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ מֵיידְל וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ, אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דָארְט אַ בָּחוּר אוּן אִיר גֶעפְרֶעגְט: "אוֹיבּ אִיךְ וֶועל דִיר אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן וֶועסְטוּ מִיט מִיר חֲתוּנָה הָאבְּן?" הָאט דִי מֵיידְל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא",

און זיי הָאבְּן גֶענוּמֶען פָּאר עֵדוּת דִי גְרוּבּ און אַ קַאץ וָואס אִיז בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה דָארְט אַרִיבֶּער. דֶער בָּחוּר הָאט אִיר אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן גְרוּבּ, עֶר אִיז אַהֵיים צוּ זַיין שְׁטוּבּ און זִי אִיז אַהֵיים צוּ אִיר שְׁטוּבּ. דִי מֵיידְל הָאט גֶעוַוארְט פַּאר דֶעם בָּחוּר אַז עֶר זָאל מִיט אִיר חַתוּנָה הָאבְּן, אָבֶער דֶער בָּחוּר הָאט גֶענוּמֶען אַ צְוֵויטֶע שִׁידוּךְ, עֶר הָאט חַתוּנָה גֶעהַאט און גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד. אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ קַאץ און גֶעבִּיסְן דָאס קְלֵיין קִינְד און דָאס קִינְד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעבּוֹירְן נָאךְ אַ קִינְד און דָאס קִינְד אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ גְרוּבּ און אוֹיךְ גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאט אִים זַיין ווַייבּ גֶעפְרֶעגְט: "מַה זֶּה הַמַּעֲשֶׂה שֶׁהִגִּיעַ לָנוּ שֶׁלֹּא כִּשְׁאָר בְּנֵי אָדָם", וָואס אִיז דָאס אַז עֶס פַּאסִירְט צוּ אוּנְז אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מֶען הֶערְט נִישְׁט בַּיי אַ צְוֵויטְן? מִיר דַארְפְן מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, אֶפְשָׁר הָאבְּן מִיר אֵיינֶעם ווַיי גֶעטוּן? בִּיז דֶער מַאן הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעשְׁלָאסְן אַ שִׁידוּךְ מִיט אַ צְוֵויטֶע, אִיז דָאס זִיכֶער אַ שְׁטְרָאף פַאר'ן ווַיי טוּן יֶענֶע מֵיידְל, הָאט אִים זַיין ווַייבּ גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, גֶעבּ מִיר אַ גֶט און גֵיי הָאבּ חַתוּנָה מִיט אִיר".

זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה דִי הַארְבְקֵייט פוּן ווַיי טוּן וְכוּ' און אָפְּלָאזְן אַ שִׁידוּךְ, אָבֶער אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט אָפְּגֶעמַאכְט אַז דִי שִׁידוּךְ זָאל וֶוערְן, אֲפִילוּ דִי אַנְדֶערֶע זַייט מֵיינְט אַז דָאס אִיז דִי שִׁידוּךְ - און עֶס וֶוערְט נִישְׁט, דַארְף מֶען גָארְנִישְׁט זָארְגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תקעה

### וָואס טוּ אִיךְ אַז שִׂמְחָה הֶעלְפְט מִיר נִישְׁט?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת אוּן חִיזּוּק.

אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אַמָאל אַ בְּרִיוו פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז אִיךְ פָאל דוּרְךְ מִיט מִקְרֶה לַיְלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט[כח] אַז אִיךְ זָאל זַיין פְרֵייליךְ, אַזוֹי וֶועל אִיךְ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

לְמַעֲשֶׂה פְּרוּבִּיר אִיךְ טַאקֶע צוּ זַיין פְרֵייליךְ, אָבֶּער אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז עֶס זָאל מִיר הֶעלְפְן; אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרוֹיסְהֶעלְפְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, י"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַ** אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז עֶר וֶוערְט נִכְשָׁל נַאכְט נָאךְ נַאכְט מִיט דִי עֲבֵירָה פוּן מִקְרֶה לַיְלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּם הֵיילִיגְן מַגִּיד עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אַן עֵצָה, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה. דֶער אִיד אִיז

כח. אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב תקו.

צוּרִיקְגֶעקוּמֶען נָאךְ אַפָּאר טֶעג צוּם מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז דִי עֵצָה הֶעלְפְט נִישְׁט, הָאט אִים דֶער טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִיד גֶעגֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה, אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעקוּמֶען זָאגְן אַז דִי עֵצָה הֶעלְפְט אוֹיךְ נִישְׁט, אוּן עֶר וֶוערְט וַוייטֶער נִכְשָׁל בְּמִקְרֶה לַיְלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַ סְגוּלָה וָואס דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן צוּרִיקְקוּמֶען צוּ מִיר, וַוייל דִי סְגוּלָה וֶועט דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן", עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן אִים גֶעזָאגְט: "לֶערְן יֶעדֶע נַאכְט פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן אַבִּיסְל פוּן דֶעם סֵפֶר, וֶועסְטוּ זִיכֶער וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן פוּן מִקְרֶה לַיְלָה".

**נֶעם** דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; אַנְשְׁטָאט לִיגְן אִין בֶּעט מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאוֹן וְכוּ' אוּן קוּקְן זַאכְן וָואס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם - זָאלְסְטוּ אַיינְשְׁלָאפְן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. נֶעם דִי סְפָרִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי'ן; נֶעם דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בְּנַחַל וָואס אִיז אֵיין שְׁטִיק חִיזּוּק, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין שִׂמְחָה אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שִׁבְרֵי שְׁבָרִים; דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת ל:): "אָמַר רָבָא, וְכֵן לַחֲלוֹם טוֹב", אַז מֶען ווִיל גוּטֶע עֶרְלִיכֶע חֲלוֹמוֹת - זָאל מֶען אַיינְשְׁלָאפְן מִיט שִׂמְחָה; פַארְ'ן גֵיין שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ אַרַיינְקוּקְן אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

# תקעו

## מֶעג אִיךְ נֶעמֶען אַ זִינְגֶער אוֹיפְ'ן חֲתוּנָה וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי עֶרְלִיךְ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם מוּז אִיךְ זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע שִׁיעוּרִים, בְּרִיוו אוּן דִי נִיגוּנִים וָואס אִיךְ הֶער אַ גַאנְצְן טָאג, וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק.

אִיךְ בִּין אַ חָתָן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוּן אִיךְ גְרֵייט זִיךְ אוֹיף דִי חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַ בָּחוּר אִין מַיין יְשִׁיבָה וָואס קֶען שֵׁיין זִינְגֶען אוּן עֶר אִיז מַסְכִּים צוּ קוּמֶען זִינְגֶען אוֹיף מַיין חֲתוּנָה פַאר אוּמְזִיסְט, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז עֶר אִיז נִישְׁט אַזַא עֶרְלִיכֶער, עֶר אִיז נִישְׁט אַזַא יְרֵא שָׁמַיִם, עֶר קֶען רֶעדְן אַמָאל מִיאוּס וְכוּ'. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶערֶעדְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן נִיגוּנִים פוּן אַ מְנַגֵּן רָשָׁע.

אוֹיבּ וֶועל אִיךְ נֶעמֶען אַ זִינְגֶער אַ יְרֵא שָׁמַיִם, וֶועט עֶס מִיר קָאסְטְן אַפָּאר טוֹיזְנְט דָאלֶער, וָואס זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ טוּן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, י"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דוּ קֶענְסְט נֶעמֶען דֶעם בָּחוּר צוּ זִינְגֶען בַּיי דַיין חֲתוּנָה; מִיר ווייסְן נִישְׁט וֶוער עֶס אִיז אַ מְנַגֵּן רָשָׁע, אֲפִילוּ דִי וָואס**

זֶעעֶן אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן ווי עֶרְלִיכֶע אִידְן וֵוייסְט מֶען נִישְׁט בֶּאֱמֶת זֵייעֶר פְּנִימִיּוּת, אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קטז): "מֶען קֶען נִישְׁט דֶערְקֶענֶען אַ צַדִּיק פוּן אִינְדְרוֹיסְן", אוּן זִיכֶער וֵוייסְן מִיר נִישְׁט וֶוער אִיז דֶער רָשָׁע וָואס מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן פוּן אִים קַיין נִיגּוּנִים.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוֹיף דֶעם אַן עֵצָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ג) אַז מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא בַּיינַאכְט הֶעלְפְט דָאס פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט שָׁאטְן דִי נִיגּוּנִים פוּן אַ מְנַגֵּן אַ רָשָׁע; בַּיינַאכְט מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן וֶוען עֶס אִיז נַאכְט פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶעמָאלְט זָאל מֶען אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועט דִי תּוֹרָה רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ עֶס זָאל אִים נִישְׁט שָׁאטְן דִי אַלֶע נִיגּוּנִים.

**אַז** דוּ גֵייסְט יֶעצְט צוּ דַיין חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען גְּמָרָא יֶעדְן טָאג פוּן דַיין לֶעבְּן; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְּמָרָא. נֶעם דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**עֶס** אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט זֶען וָואס דֶער הֵיילִיגְן זוֹהַר זָאגְט (פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים, פה:) וָואס עֶס וֶוערְט אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, אוּן אֲפִילוּ עֶר זָאגְט דָאס מִיט טָעוּתִים.

מוֹהֲרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט נָאכְדֶערְצֵיילְט פוּן הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה,

עֶר הָאט גֶעקֶענְט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעוְוִיסְט פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן צוּ זָאגְן פַאר זֵיי זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פּוֹסְטֶע יוּנְגֶען, לֵיידִיגֶע מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער וֶוען זֵיי זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוּן סִימָנִים שֻׁלְחָן עָרוּךְ - זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן שְׁפֶּעטֶער גְרוֹיסֶע גְּאוֹנִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

## תקעז

### פַארְוָואס שְׁפִּיר אִיךְ נִישְׁט קַיין טַעַם אִין גְמָרָא?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קַיין טַעַם וֶוען אִיךְ זָאג גְמָרָא; אִיז דָאס נָארְמַאל, עֶס קוּמְט אַזוֹי? אָדֶער אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ז אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

## וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - בִּפְרַט לִימוּד גְמָרָא.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כד.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אֵיכָה ג, ו): "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם, זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי"; פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ: ווִי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף תַּלְמוּד בַּבְלִי, דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, אַז דָאס אִיז אַ טוּנְקְלְקֵייט, אַ טוֹיטְקֵייט? נָאר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה מֵיינֶען צוּ זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאקְלָאגְט זִיךְ: 'מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר טוּנְקְל, מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר טוֹיט', אַז עֶס אִיז דָא אַן עֵצָה פַאר אִים: נֶעם דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אוּן לֶערְן דָאס, 'בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי' - דֶער לֶעבְּן אִיז דִיר פִינְסְטֶער? 'כְּמֵתֵי עוֹלָם' - דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ? עֶס אִיז דָא פַאר דִיר אַן עֵצָה, 'זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי' - נֶעם דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר לִיכְטִיג מַאכְן אוּן דִיר מַאכְן לֶעבְּן.

**אַז** דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט קַיין טַעַם וֶוען דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר עֶפֶענֶען דַיינֶע אוֹיגְן אוּן דַיין הַארְץ אַז דוּ זָאלְסְט שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקֵייט אוּן לִיכְטִיגְקֵייט וָואס לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה. בִּפְרַט בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן אַהֲבָה רַבָּה - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט - זָאל מֶען מַאֲרִיךְ זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מֶען הָאט אִים אַנְטְפְּלֶעקְט פוּן הִימְל אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מִיר זֶענֶען אַזוֹי לַאנְג אִין גָלוּת אִיז וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט מַאֲרִיךְ בַּיי דִי בְּרָכָה (כַּמּוּבָא בְּתוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף פָּרָשַׁת וָאֵרָא); דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן אַהֲבַת עוֹלָם: "וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי תּוֹרָה, אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקֵייט וָואס לִיגְט אִין דִי גְמָרָא", וֶועסְטוּ זֶען אַז בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן - נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט - נָאר דִי תּוֹרָה אַלֵיינְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תקעה

**ווִי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען מִיט קִנְאָה צוּ מַיין שְׁוֶועסְטֶעְר'ס שָׁלוֹם בַּיִת?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ דִי שִׁיעוּרִים אוּן דִי בְּרִיוו, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי אוּן אִיךְ בִּין גֶע'גֶט. אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוֶועסְטֶער וָואס זִי מִיט אִיר מַאן הֶעלְפְן מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ אַרוֹיס, אָן זֵיי וָואלְט אִיךְ מַמָּשׁ

נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרִיבֶּערְטְרָאגְן מַיינֶע צָרוֹת, זֵיי גֶעבְּן זִיךְ אָפּ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט, אוּן זֶענֶען אֵייבִּיג גְרֵייט צוּ הֶעלְפְּן מִיט וָואס מֶען דַארְף.

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר מְקַנֵא מַיין שְׁוֶועסְטֶער, אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אִיךְ אַז אִיךְ דַארְף אוֹיךְ דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס זִי בַּאקוּמְט פוּן אִיר מַאן, אוּן דֶערְוַוייל בִּין אִיךְ אַלֵיין אוּן אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט מִיר אוֹיךְ צוּ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ'.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ז אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ בֶּעט אַייךְ מִיט רַחֲמָנוּת: גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַייעֶר לֶעבְּן! רֶעדְט נִישְׁט מֶער מִיט אַייעֶר שְׁוָואגֶער, וַוייל אִיר וֶועט בַּיים סוֹף אַלֶעס פַארְלִירְן.**

**אַז אִיר דַארְפְט הִילְף זָאלְט אִיר רֶעדְן מִיט אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער; אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף מְסַדֵר זַיין בְּנוֹגֵעַ אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאל גֵיין דוּרְךְ אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער, אָבֶּער נִישְׁט מִיט אַייעֶר שְׁוָואגֶער.**

**עֶם** אִיז נִישְׁטָא קַיין שֶׁענֶערֶע זַאךְ פַאר אַ פְרוֹי ווִי צְנִיעוּת; אַ פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת, זִי רֶעדְט נִישְׁט מִיט פְרֶעמְדֶע מֶענֶער - אִיז זוֹכָה צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוּנְז דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן רוּת ווִי זִי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּצְנִיעוּת, און אַדאנְק דֶעם הָאט זִי חַתוּנָה גֶעהַאט מִיט בֹּעַז, און פוּן אִיר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דָוִד הַמֶּלֶךְ. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפוּנֶען (רוּת רַבָּה ד, ח): "כָּל הַנָּשִׁים מְשַׂחֲקוֹת עִם הַקּוֹצְרִים, וְזוֹ מַצְנַעַת עַצְמָהּ", בֹּעַז הָאט גֶעזֶען ווִי אַלֶע פְרוֹיעֶן לַאכְן מִיט דִי מֶענֶער וָואס שְׁנַיידְן דִי תְּבוּאָה אָבֶער רוּת הָאט זִיךְ צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן פוּן רֶעדְן מִיט פְרֶעמְדֶע מֶענֶער, הָאט עֶר גֶעוְויסְט אַז זִי אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי.

**אַ** פְרוֹי טָאר נִישְׁט רֶעדְן מִיט פְרֶעמְדֶע מֶענֶער בְּשׁוּם אֵין פָּנִים וְאוֹפָן; מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ אִיסוּר יִחוּד וָואס אִיז אַן אִיסוּר דְאוֹרַיְיתָא, בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ און מֶען וֶוערְט נִכְשָׁל רַחֲמָנָא לִצְלָן וְכוּ'.

**אִין** זְכוּת וָואס אִיר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַייעֶר צְנִיעוּת, אִיר וֶועט זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ עוֹמֵד צוּ זַיין בְּנִסָּיוֹן וְכוּ' - וֶועט אַייךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן בְּקָרוֹב אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, און אִיר וֶועט שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין וְכוּ', אִיר וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין אַלֵיין, אִיר וֶועט לֶעבְּן אַייעֶר לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָמֵן.

# תקעט

## פַארְוָואס קֶען אַ פְּרוּי נִישְׁט טוּן אַלֶע מִצְוֹת אַזוֹי ווִי דִי מֶענֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוּי, אוּן אִיךְ ווִיל דַאוֶוענֶען דְרַיי מָאל אַ טָאג, לֵייגְן טַלִית אוּן תְּפִלִּין, אוּן טוּן אַלֶע מִצְוֹת פּוּנְקְט ווִי דִי מֶענֶער. אִיךְ קוּם פוּן זֵייעֶר אַ פְרוּמֶע שְׁטוּבּ, מַיין טַאטֶע הָאט אַלֶעמָאל גֶעטוּן אַלֶע מִצְוֹת מִיט גְרוֹיס בְּרֶען אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ ווִיל אוֹיךְ הָאבְּן דִי הֶעכֶערְקֵייט וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִין דֶעם. אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אִיךְ אַוֶועקְצוּלֵייגְן גֶעלְט אוּן זִיךְ קוֹיפְן שְׁטִילֶערְהֵייט תְּפִלִּין אוּן עֶס אָנְטוּן אִינְדֶערְהֵיים וָוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּ מַיין מַאן וֶועגְן דֶעם; אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ז אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוער לָאזְט אַייךְ נִישְׁט דַאוֶוענֶען אוּן טוּן אַלֶע מִצְוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן?! פְּרוֹיעֶן זֶענֶען אוֹיךְ מְחוּיָב צוּ דַאוֶוענֶען; אַדְרַבָּה, אַז עֶס בְּרֶענְט אַייךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ טוּן דֶעם רְצוֹן הַשֵּׁם זָאלְט אִיר דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן. מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַזַא דִיבּוּר: "וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען מְבַטֵּל זַיין אַלֶע וַוייבֶּער שׁוּלְן", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס גֶעזָאגְט; פּוּנְקְט פַארְקֶערְט! מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי דַאוֶונֶען אוּן בֶּעטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי שְׁטַארְק דֶער רֶבִּי הָאט מַחְשִׁיב גֶעוֶוען דִי תְּפִילוֹת פוּן פְרוֹיעֶן.

**פְרוֹיעֶן** זֶענֶען גָארְנִישְׁט ווֵיינִיגֶער ווִי דִי מֶענֶער; אוֹיב עֶפֶּעס זֶענֶען דִי פְרוֹיעֶן חָשׁוּבְ'עֶר ווִי דִי מֶענֶער, וַוייל אִין זֵייעֶר זְכוּת צִיט זִיךְ וַוייטֶער כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז פְרוֹיעֶן זֶענֶען פָּטוּר פוּן מִצְוֹת עֲשֵׂה מֵיינְט דָאס נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען ווֵיינִיגֶער וְכוּ', נָאר דָאס אִיז דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דִי מִצְוֹת וָואס הָאט צוּטוּן מִיט אַ צַייט זֶענֶען מֶענֶער מְחוּיָב אוּן פְרוֹיעֶן פָּטוּר.

**נֶעמְט** אַרוֹיס פוּן אַייעֶר קָאפּ דִי זַאךְ פוּן תְּפִילִין. פְרוֹיעֶן זֶענֶען פָּטוּר פוּן אָנְטוּן תְּפִילִין, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (הָרַמְ"א בְּאוֹרַח חַיִים סִימָן לח, סְעִיף ג) אַז אוֹיבּ אַ פְרוֹי ווִיל אָנְטוּן תְּפִילִין דַארְף מֶען אִיר צוּרִיקְהַאלְטְן דֶערְפוּן; טַלִית וּתְפִילִין אִיז נָאר פַאר אַ מַאן.

**אַנְשְׁטָאט** זוּכְן מִצְוֹת וָואס זֶענֶען נִישְׁט שַׁייךְ פַאר פְרוֹיעֶן זָאלְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר פְרוֹיעֶן - מְגַדֵל זַיין קִינְדֶער לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): "גְּדוֹלָה הַבְטָחָה שֶׁהִבְטִיחָן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַנָּשִׁים יוֹתֵר מִן הָאֲנָשִׁים", דֶער אייבֶּערשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט שְׂכַר פַאר פְרוֹיעֶן מֶער ווי פַאר די מֶענֶער ווייל אִין זֵייעֶר זְכוּת אִיז דָא תּוֹרָה בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל; זֵיי שִׁיקְן די קִינְדֶער אִין חֵדֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן וַוארְטְן אָפּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה.

**דֶער** עִיקָר זָאלְט אִיר זֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס אִיר הָאט, וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

# תקפ

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוּטֶע לֶעבְּן מִיט אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אֵיין זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיר דִי שָׁלוֹם בַּיִת; דָאס אִיז, אַז עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְּרִי. וִויפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר אַלֶע מִיטְלֶען - וֶועט עֶס הֶעלְפְן אֶפְשָׁר פַאר אֵיין טָאג, אָבֶּער נָאכְדֶעם גֵייט עֶס צוּרִיק צוּם אַלְטְן.

אִיךְ הָאבּ אַן אַרְבֶּעט דֶערִיבֶּער מוּז אִיךְ אוֹיפְשְׁטֵיין אִין צַייט צוּ דִי אַרְבֶּעט, וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף לוֹיף אִיךְ גְלַייךְ צוּ דִי אַרְבֶּעט אוּן שְׁפֶּעטֶער בַּיי הַפְסָקָה גֵיי אִיךְ שְׁנֶעל דַאוֶונֶען.

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּן עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק אִיבֶּער דֶעם?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, י״ז אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דַיין** עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט פְרֵייליךְ, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵייליךְ טַאנְצְט עֶר אַרוֹיס אִינְדֶערְפְרִי פוּן בֶּעט אוּן לוֹיפְט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען אִיז בְּעַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה׳דִיג דֶעמָאלְט ווִיל מֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין, מֶען בְּלַייבְּט שְׁלָאפְן בִּיז שְׁפֶּעט אִין טָאג אַרַיין. נָאכְדֶעם וֶוען מֶען וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט וֶוערְט מֶען נָאךְ מֶער בְּרוֹגֶז אוֹיף זִיךְ אוּן מֶען לֵייגְט זִיךְ צוּרִיק שְׁלָאפְן וְכוּ׳.

**זָאלְסְטוּ** זֶען מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵייליךְ, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם. מוֹהֲרַ״ש זָאגְט אַז דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס מֶען דַארְף מִתְפַּלֵל זַיין אוּן אַרְבֶּעטְן - אִיז אוֹיף צוּ זַיין פְרֵייליךְ, וַוייל אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵייליךְ גֵייט אַלֶעס ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען אִיז בְּעַצְבוּת אִיז דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן נִישְׁט וֶוערְד.

**אִיךְ** שִׁיק דִיר דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן יֶעדְן טָאג:

״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי׳ - אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד אוּן נִישְׁט קַיין גּוֹי! אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אוּן פַאר מַיין

גֶעזוּנְט. אִיךְ דַאנְק דִיר בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט בַּאזוּנְדֶער;
פַאר מַיין וַוייבּ, פַאר מַיינֶע קִינְדֶער; דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ
מִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין
פְרֵיילִיךְ אַז עֶס זָאל מִיר אָנְקוּמֶען גְרִינְג אוֹיפְצוּשְׁטֵיין;
עֶס אִיז מִיר מַמָּשׁ אוּמְמֶעגְלִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי. אִיךְ
הָאבּ נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק אַרוֹיס צוּ קוּמֶען פוּן בֶּעט, אוּן נָאכְדֶעם
וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי שׁוֹין אוֹיף הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ גֵיין
דַאוֶונֶען, אִיךְ לוֹיף גְלַייךְ אַרְבֶּעטְן; דָאס אַלֶעס אִיז אַ שְׁפִּיל
פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס וִויל מִיר צוּנֶעמֶען מַיין אִידִישְׁקֵייט,
מַיין טַלִּית וּתְפִילִין. עֶר וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ אִין עַצְבוּת, עֶר
רֶעדְט מִיר אַיין אַז דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אוּן עֶר בְּרֶענְגְט
אַרַיין אִין מִיר מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת כְּאִילוּ אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְפַאלְן,
אַז אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אַז מַיין תּוֹרָה אוּן
מִצְוֹות גֵייעֶן צוּ דִי סִטְרָא אַחֲרָא. דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר
צֶעבְּרָאכְן אוּן אִיז גוֹרֵם אַז אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן אִין בֶּעט שְׁלָאפְן.

הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וִויסְן אַז דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר
הָרָע, וַוייל בֶּאֱמֶת הָאסְטוּ מִיר זֵייעֶר לִיבּ אוּן דוּ
וַוארְטְסְט אוֹיף מַיין תּוֹרָה וּתְפִילָה; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער
אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט
קֶען אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי וֶועל אִיךְ אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי, אִיךְ
וֶועל לוֹיפְן אִין מִקְוֶה אוּן נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ גֵיין לֶערְנֶען אוּן
דַאוֶוענֶען.

נֶעם אָן מַיין גֶעבֶּעט און הֶעלְף מִיר אִין זְכוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים; אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [און אִין זְכוּת פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה], יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תקפא

### אִיךְ הָאבּ בִּזְיוֹנוֹת אִין מַיין שׁוּל, זָאל אִיךְ גֵיין עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ חַבַּ"דְ'סְקֶער חָסִיד, און אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶ' מִיט אַייעֶרֶע גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אִיר זָאגְט נָאךְ פוּן דִי מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן דִי חֲסִידִים אִין רוּסְלַאנְד, און פוּן דִי רֶבִּיִים פוּן חַבַּ"ד נִשְׁמָתָם עֵדֶן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַזוֹי, אִיךְ דַאוֶוען אִין אַ חַבַּ"ד שׁוּל, דֶער רַב דָארְט אִיז זֵייעֶר אַ נֶערְוֶועזֶער און עֶר פַארְשֶׁעמְט מִיר אַסַאךְ מָאל, אִיךְ לַייד אַסַאךְ בִּזְיוֹנוֹת פוּן אִים, עֶס אִיז מִיר אָבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוער אַוֶועקְצוּגֵיין דַאוֶוענֶען עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, וַוייל דָארְט הָאבּ אִיךְ מַיינֶע חֲבֵרִים און מֶען דַאוֶונְט מַיין נוּסַח.

אִיךְ ווייס אָבֶּער נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ נֶעמֶען דִי בִּזְיוֹנוֹת; עֶר פַארְשֶׁעמְט מִיר אַסַאךְ מָאל בָּרַבִּים. פוּן אֵיין זַייט אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ צוּ הָאבְּן בִּזְיוֹנוֹת, מֶען קוּמְט אָפּ מִיט דֶעם דִי עֲבֵירוֹת, מַיין נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִיוֹת וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן,

אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט שְׁטֶערְט מִיר דָאס אוֹיךְ זֵייעֶר אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶס צֶעבְּרֶעכְט אוֹיךְ מַיין נֶפֶשׁ אֱלֹקִי, אִיךְ וֶוער זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט, אִיךְ בִּין זִיךְ מִתְרַשֵּׁל פוּן דַאוְוענֶען, פוּן דִי אַרְבֶּעט אוּן פוּן מַיין הוֹיז, עֶס רוֹיבְּט צוּ מַיין זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט.

אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט בַּיי חֲסִידִים, אוּן זֵיי אַלֶע זָאגְן מִיר אַז מֶען דַארְף נֶעמֶען בִּזְיוֹנוֹת אָן קַיין פְּשָׁרוֹת. אִיךְ וִויל אָבֶער וִויסְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דֶעם, צִי עֶס לוֹינְט זִיךְ טַאקֶע צוּ וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט יֶעדְן טָאג אוּן פַארְלִירְן דִי עֲבֵירוֹת, אָבֶער אוֹיךְ דִי מִצְוֹת.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶע חִיזּוּק אוּן דְרָשׁוֹת

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ז אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶנְדֶערְשׁ** זָאלְסְטוּ וַוייטֶער דַאוְונֶען דָארְט וואוּ דוּ בִּיסְט צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ דַאוְונֶען וְכוּ', וַוייל עֶס וַוייזְט זִיךְ אוֹיס אַז דִי אַלֶע וָואס לוֹיפְן אַוֶועק פוּן אֵיין שׁוּל צוּם צְוֵוייטְן - דִי לוֹיפְן נָאכְדֶעם וַוייטֶער אַוֶועק צוּ אַ דְרִיטֶע שׁוּל וְכוּ'.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "כָּל הַקּוֹבֵעַ מָקוֹם לִתְפִלָּתוֹ, אֱלֹקֵי אַבְרָהָם בְּעֶזְרוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ דַאוְונֶען בִּקְבִיעוּת, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט גֶעהָאלְפְן אַבְרָהָם אָבִינוּ - אִים אוֹיךְ הֶעלְפְן, "וּכְשֶׁמֵּת, אוֹמְרִים לוֹ, אִי עָנָיו, אִי חָסִיד, מִתַּלְמִידָיו

שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", און וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט זָאגְט מֶען אוֹיף אִים בַּיים הֶסְפֵּד: וַויי פַאר דֶער עָנָיו וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, וַויי פַאר דֶער חָסִיד וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ; וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ אִין אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ קֶען זִיךְ מַאכְן וִויכּוּחִים און אוּמְבַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן, בִּפְרָט בַּיי חֲסִידִים וְכוּ'; מִמֵּילָא, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ וואוּ עֶר דַאוֶוענְט און עֶר גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָארְט, עֶר בְּלַייבְּט דָארְט דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם און אֲפִילוּ מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים וְכוּ', אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן "עָנָיו" און אַ "חָסִיד", "מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ"; וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עָנָיו וָואלְט עֶר שׁוֹין לַאנְג אַוֶועקְגֶעלָאפְן פוּן דָארְט און נָאכְדֶעם וָואלְט עֶר אַוֶועקְגֶעלָאפְן פוּן דֶעם אַנְדֶערְן שׁוּל און אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן עָנָיו, עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ: 'אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט און אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט; אִיךְ קוּם נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם דָא אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִיךְ קוּם נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**אַז** דוּ וֶועסְט זִיצְן אִין דַיין וִוינְקְל אוּנְטֶער דַיין טַלִית וֶועט דִיר דֶער רָב נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט זוּכְן צוּ הָאבְּן צוּטוּן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם וֶועט דִיר דֶער רָב דַארְפְן פַארְשֶׁעמֶען וְכוּ'.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן צֶמַח צֶדֶק פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ טְרֶעט אוֹיף אִים - מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִים אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, וואוּ עֶר גֵייט אוּן וואוּ עֶר שְׁטֵייט שְׁפְּרִינְגְט אֵיינֶער אַרוֹיף אוֹיף אִים; עֶר דַארְף אַן עֵצָה. הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וֶוער הֵייסְט דִיר זִיךְ אוֹיסְלֵייגְן אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דִי בְּרֵייט אוּן אַזוֹי טְרֶעט יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף דִיר, בֶּעסֶער זִיץ אִין דִי זַייט אִין דַיין ווִינְקֶעלֶע, וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט טְרֶעטְן אוֹיף דִיר".

**נֶעם** אַרַיין אִין דִיר דֶעם דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן צֶמַח צֶדֶק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

סוֹד ה' לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ לְהוֹדִיעָם
זֶה שְׁמוֹ נָאֶה לוֹ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

תִּקּוּן נוֹרָא וְנִפְלָא מְאֹד מְאֹד
לִכְלָלִיּוּת הַחֲטָאִים
וְהוּא פְּגַם הַבְּרִית, רַחֲמָנָא לִיצְלָן

וּמְסֻגָּל מְאֹד גַּם לְפַרְנָסָה וּלְהַצְלָחָה
בְּכָל הָעִנְיָנִים בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת
אַשְׁרֵי מִי שֶׁיֹּאמְרֵם בְּכָל יוֹם

יִסְּדוֹ תִּקְּנוֹ וְגִלּוֹ, וְצִוָּה לְפַרְסְמוֹ לְכָל יִשְׂרָאֵל
רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא אוֹר הַגָּנוּז וְהַצָּפוּן
בּוּצִינָא קַדִּישָׁא עִלָּאָה, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
## זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

קרן הדפסה
היכל הקודש

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

טוב לומר זאת לפני אמירת העשרה מזמורים:

הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי בַּאֲמִירַת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים אֵלּוּ לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וּבִפְרָט לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, רַבֵּנוּ **נַחְמָן בֶּן פֵיגָא**, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שֶׁגִּלָּה תִּקּוּן זֶה.

לְכוּ נְרַנְּנָה לַיהוָה נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ: נְקַדְּמָה פָנָיו בְּתוֹדָה בִּזְמִירוֹת נָרִיעַ לוֹ: כִּי אֵל גָּדוֹל יְהוָה וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים:

קודם שיתחיל תהלים יאמר זה:

הֲרֵינִי מְזַמֵּן אֶת פִּי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וּלְשַׁבֵּחַ אֶת בּוֹרְאִי לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ עַל־יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעֱלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

## טז.

**מִכְתָּם** לְדָוִד שָׁמְרֵנִי אֵל כִּי־חָסִיתִי בָךְ: אָמַרְתְּ לַיהוָה אֲדֹנָי אָתָּה, טוֹבָתִי בַּל־עָלֶיךָ: לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ הֵמָּה, וְאַדִּירֵי כָּל־חֶפְצִי־בָם: יִרְבּוּ עַצְּבוֹתָם אַחֵר מָהָרוּ, בַּל־אַסִּיךְ נִסְכֵּיהֶם מִדָּם, וּבַל־אֶשָּׂא אֶת־שְׁמוֹתָם עַל־שְׂפָתָי: יְהוָה מְנָת חֶלְקִי וְכוֹסִי, אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי: חֲבָלִים נָפְלוּ־לִי בַּנְּעִמִים, אַף־נַחֲלָת שָׁפְרָה עָלָי: אֲבָרֵךְ אֶת־יְהוָה אֲשֶׁר יְעָצָנִי, אַף לֵילוֹת יִסְּרוּנִי כִלְיוֹתָי: שִׁוִּיתִי יְהוָה לְנֶגְדִּי תָמִיד, כִּי מִימִינִי בַּל־אֶמּוֹט: לָכֵן שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי, אַף־בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח: כִּי לֹא־תַעֲזֹב

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל, לֹא־תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת: תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת־פָּנֶיךָ נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח:

## לב.

לְדָוִד מַשְׂכִּיל, אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה: אַשְׁרֵי־אָדָם, לֹא יַחְשֹׁב יְהֹוָה לוֹ עָוֹן, וְאֵין בְּרוּחוֹ רְמִיָּה: כִּי הֶחֱרַשְׁתִּי בָּלוּ עֲצָמָי, בְּשַׁאֲגָתִי כָּל־הַיּוֹם: כִּי יוֹמָם וָלַיְלָה תִּכְבַּד עָלַי יָדֶךָ, נֶהְפַּךְ לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ סֶלָה: חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ, וַעֲוֹנִי לֹא־כִסִּיתִי, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַיהֹוָה, וְאַתָּה נָשָׂאתָ עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה: עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל־חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא, רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ: אַתָּה סֵתֶר לִי*) מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה: אַשְׂכִּילְךָ וְאוֹרְךָ בְּדֶרֶךְ זוּ תֵלֵךְ אִיעֲצָה עָלֶיךָ עֵינִי: אַל תִּהְיוּ כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין בְּמֶתֶג־וָרֶסֶן עֶדְיוֹ לִבְלוֹם בַּל קְרֹב אֵלֶיךָ: רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע, וְהַבּוֹטֵחַ בַּיהֹוָה חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ: שִׂמְחוּ בַיהֹוָה וְגִילוּ צַדִּיקִים וְהַרְנִינוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב:

## מא.

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל־דָּל בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ יְהֹוָה: יְהֹוָה יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ וְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ, וְאַל תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו: יְהֹוָה יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי. כָּל מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ בְחָלְיוֹ: אֲנִי־אָמַרְתִּי יְהֹוָה חָנֵּנִי, רְפָאָה נַפְשִׁי כִּי חָטָאתִי לָךְ: אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת וְאָבַד שְׁמוֹ: וְאִם־בָּא לִרְאוֹת,

---

אחר ’אתה סתר לי’ - צריך להפסיק מעט (עיין בלקו”מ ח”א סי’ רי”ג)

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

שָׁוְא יְדַבֵּר, לִבּוֹ יִקְבָּץ־אָוֶן לוֹ, יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר: יַחַד עָלַי יִתְלַחֲשׁוּ כָּל־שֹׂנְאָי, עָלַי יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי: דְּבַר־בְּלִיַּעַל יָצוּק בּוֹ, וַאֲשֶׁר שָׁכַב לֹא־יוֹסִיף לָקוּם: גַּם־אִישׁ שְׁלוֹמִי אֲשֶׁר־בָּטַחְתִּי בוֹ, אוֹכֵל לַחְמִי, הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב: וְאַתָּה יְהֹוָה חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי, וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם: בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי־חָפַצְתָּ בִּי, כִּי לֹא־יָרִיעַ אֹיְבִי עָלָי: וַאֲנִי, בְּתֻמִּי, תָּמַכְתָּ בִּי, וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם: בָּרוּךְ יְהֹוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

# מב.

לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי קֹרַח: כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל־אֲפִיקֵי־מָיִם, כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹהִים: צָמְאָה נַפְשִׁי לֵאלֹהִים לְאֵל חָי, מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹהִים: הָיְתָה לִּי דִמְעָתִי לֶחֶם יוֹמָם וָלָיְלָה בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל הַיּוֹם, אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: אֵלֶּה אֶזְכְּרָה וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי נַפְשִׁי, כִּי אֶעֱבֹר בַּסָּךְ, אֶדַּדֵּם עַד־בֵּית אֱלֹהִים בְּקוֹל־רִנָּה וְתוֹדָה, הָמוֹן חוֹגֵג: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִלִי לֵאלֹהִים כִּי עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו: אֱלֹהַי, עָלַי נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח עַל־כֵּן אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן, וְחֶרְמוֹנִים, מֵהַר מִצְעָר: תְּהוֹם־אֶל־תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ, כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ: יוֹמָם יְצַוֶּה יְהֹוָה חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי, תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי: אוֹמְרָה לְאֵל סַלְעִי לָמָה שְׁכַחְתָּנִי, לָמָּה־קֹדֵר אֵלֵךְ, בְּלַחַץ אוֹיֵב: בְּרֶצַח בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי, בְּאָמְרָם אֵלַי כָּל הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וּמַה־תֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ, יְשׁוּעֹת פָּנַי וֵאלֹהָי:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

## נט.

לַמְנַצֵּחַ אַל תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם, בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ אֶת־הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ: הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי אֱלֹהָי, מִמִּתְקוֹמְמַי תְּשַׂגְּבֵנִי: הַצִּילֵנִי מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי: כִּי הִנֵּה אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים, לֹא־פִשְׁעִי וְלֹא־חַטָּאתִי יְהֹוָה: בְּלִי־עָוֹן יְרֻצוּן וְיִכּוֹנָנוּ, עוּרָה לִקְרָאתִי וּרְאֵה: וְאַתָּה יְהֹוָה־אֱלֹהִים צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל, הָקִיצָה לִפְקֹד כָּל־הַגּוֹיִם אַל־תָּחֹן כָּל־בֹּגְדֵי אָוֶן סֶלָה: יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הִנֵּה יַבִּיעוּן בְּפִיהֶם, חֲרָבוֹת בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם, כִּי־מִי שֹׁמֵעַ: וְאַתָּה יְהֹוָה תִּשְׂחַק־לָמוֹ, תִּלְעַג לְכָל־גּוֹיִם: עֻזּוֹ, אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה, כִּי אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי: אֱלֹהֵי חַסְדִּי יְקַדְּמֵנִי אֱלֹהִים יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי: אַל־תַּהַרְגֵם פֶּן־יִשְׁכְּחוּ עַמִּי, הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ, מָגִנֵּנוּ אֲדֹנָי: חַטַּאת־פִּימוֹ דְּבַר־שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם, וּמֵאָלָה וּמִכַּחַשׁ יְסַפֵּרוּ: כַּלֵּה בְחֵמָה, כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ וְיֵדְעוּ כִּי־אֱלֹהִים מֹשֵׁל בְּיַעֲקֹב, לְאַפְסֵי הָאָרֶץ סֶלָה: וְיָשֻׁבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הֵמָּה יְנִיעוּן לֶאֱכֹל, אִם־לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ: וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ, וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, כִּי־הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי, וּמָנוֹס, בְּיוֹם צַר־לִי: עֻזִּי אֵלֶיךָ אֲזַמֵּרָה, כִּי־אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי אֱלֹהֵי חַסְדִּי:

## עז.

לַמְנַצֵּחַ עַל־יְדוּתוּן לְאָסָף מִזְמוֹר: קוֹלִי*) אֶל־אֱלֹהִים וְאֶצְעָקָה, קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים וְהַאֲזִין אֵלָי: בְּיוֹם צָרָתִי אֲדֹנָי דָּרָשְׁתִּי,

---

באמרך 'אל אלהים' תכוון המילוי כזה: אל"ף למ"ד אל"ף למ"ד ה"י יו"ד מ"ם

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יָדִי לַיְלָה נִגְּרָה וְלֹא תָפוּג מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי: אֶזְכְּרָה אֱלֹהִים וְאֶהֱמָיָה, אָשִׂיחָה, וְתִתְעַטֵּף רוּחִי סֶלָה: אָחַזְתָּ שְׁמֻרוֹת עֵינָי, נִפְעַמְתִּי וְלֹא אֲדַבֵּר: חִשַּׁבְתִּי יָמִים מִקֶּדֶם, שְׁנוֹת עוֹלָמִים: אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה, עִם־לְבָבִי אָשִׂיחָה, וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי: הַלְעוֹלָמִים יִזְנַח אֲדֹנָי וְלֹא־יֹסִיף לִרְצוֹת עוֹד: הֶאָפֵס לָנֶצַח חַסְדּוֹ, גָּמַר אֹמֶר לְדֹר וָדֹר: הֲשָׁכַח חַנּוֹת אֵל, אִם־קָפַץ בְּאַף רַחֲמָיו סֶלָה: וָאֹמַר חַלּוֹתִי הִיא, שְׁנוֹת יְמִין עֶלְיוֹן: אֶזְכּוֹר מַעַלְלֵי יָהּ, כִּי אֶזְכְּרָה מִקֶּדֶם פִּלְאֶךָ: וְהָגִיתִי בְכָל־פָּעֳלֶךָ וּבַעֲלִילוֹתֶיךָ אָשִׂיחָה: אֱלֹהִים בַּקֹּדֶשׁ דַּרְכֶּךָ, מִי־אֵל גָּדוֹל כֵּאלֹהִים: אַתָּה הָאֵל עֹשֵׂה פֶלֶא הוֹדַעְתָּ בָעַמִּים עֻזֶּךָ: גָּאַלְתָּ בִּזְרוֹעַ עַמֶּךָ, בְּנֵי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף סֶלָה: רָאוּךָ מַּיִם אֱלֹהִים, רָאוּךָ מַּיִם יָחִילוּ אַף יִרְגְּזוּ תְהֹמוֹת: זֹרְמוּ מַיִם עָבוֹת קוֹל נָתְנוּ שְׁחָקִים, אַף־חֲצָצֶיךָ יִתְהַלָּכוּ: קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל, הֵאִירוּ בְרָקִים תֵּבֵל, רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ: בַּיָּם דַּרְכֶּךָ וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים, וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ: נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ, בְּיַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן:

## צ.

**תְּפִלָּה** לְמֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲדֹנָי מָעוֹן אַתָּה הָיִיתָ לָּנוּ בְּדֹר וָדֹר: בְּטֶרֶם הָרִים יֻלָּדוּ וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל, וּמֵעוֹלָם עַד־עוֹלָם אַתָּה אֵל: תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד־דַּכָּא, וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי־אָדָם: כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבֹר, וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה: זְרַמְתָּם, שֵׁנָה יִהְיוּ, בַּבֹּקֶר כֶּחָצִיר יַחֲלֹף: בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף, לָעֶרֶב יְמוֹלֵל וְיָבֵשׁ: כִּי כָלִינוּ בְאַפֶּךָ, וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ: שַׁתָּ עֲוֺנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

כִּי כָל־יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ כִּלִּינוּ שָׁנֵינוּ כְמוֹ־הֶגֶה: יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה, וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה, וְרָהְבָּם עָמָל וָאָוֶן, כִּי גָז חִישׁ וַנָּעֻפָה: מִי יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ, וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ: לִמְנוֹת יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע, וְנָבִא לְבַב חָכְמָה: שׁוּבָה יְהוָה עַד־מָתָי וְהִנָּחֵם עַל עֲבָדֶיךָ: שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל־יָמֵינוּ: שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ, שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה: יֵרָאֶה אֶל־עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל בְּנֵיהֶם: וִיהִי נֹעַם אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

# קה.

הוֹדוּ לַיהוָה קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו: שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו: הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי יְהוָה: דִּרְשׁוּ יְהוָה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד: זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה, מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי־פִיו: זֶרַע אַבְרָהָם עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו: הוּא יְהוָה אֱלֹהֵינוּ בְּכָל־הָאָרֶץ מִשְׁפָּטָיו: זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר: אֲשֶׁר כָּרַת אֶת אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק: וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם: לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם: בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ: וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל גּוֹי מִמַּמְלָכָה אֶל־עַם אַחֵר: לֹא הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים: אַל תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי וְלִנְבִיאַי אַל תָּרֵעוּ: וַיִּקְרָא רָעָב עַל־הָאָרֶץ כָּל מַטֵּה־לֶחֶם שָׁבָר: שָׁלַח לִפְנֵיהֶם אִישׁ לְעֶבֶד נִמְכַּר יוֹסֵף: עִנּוּ בַכֶּבֶל רַגְלוֹ בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ: עַד עֵת בֹּא דְבָרוֹ אִמְרַת יְהוָה צְרָפָתְהוּ: שָׁלַח מֶלֶךְ וַיַּתִּירֵהוּ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ: שָׂמוֹ אָדוֹן לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל־קִנְיָנוֹ: לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם: וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ־חָם: וַיֶּפֶר אֶת־עַמּוֹ מְאֹד וַיַּעֲצִמֵהוּ מִצָּרָיו: הָפַךְ לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל בַּעֲבָדָיו: שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן אֲשֶׁר בָּחַר בּוֹ: שָׂמוּ־בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו, וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם: שָׁלַח חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ וְלֹא מָרוּ אֶת דְּבָרוֹ: הָפַךְ אֶת מֵימֵיהֶם לְדָם וַיָּמֶת אֶת דְּגָתָם: שָׁרַץ אַרְצָם צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם: אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב כִּנִּים בְּכָל גְּבוּלָם: נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד, אֵשׁ לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם: וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם, וַיְשַׁבֵּר עֵץ גְּבוּלָם: אָמַר וַיָּבֹא אַרְבֶּה, וְיֶלֶק וְאֵין מִסְפָּר: וַיֹּאכַל כָּל־עֵשֶׂב בְּאַרְצָם, וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם: וַיַּךְ כָּל בְּכוֹר בְּאַרְצָם, רֵאשִׁית לְכָל־אוֹנָם: וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו כּוֹשֵׁל: שָׂמַח מִצְרַיִם בְּצֵאתָם, כִּי־נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם: פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ, וְאֵשׁ לְהָאִיר לָיְלָה: שָׁאַל וַיָּבֵא שְׂלָיו וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם: פָּתַח צוּר וַיָּזוּבוּ מָיִם, הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת נָהָר: כִּי זָכַר אֶת־דְּבַר קָדְשׁוֹ, אֶת־אַבְרָהָם עַבְדּוֹ: וַיּוֹצִא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן, בְּרִנָּה אֶת בְּחִירָיו: וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם, וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ: בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ, הַלְלוּיָהּ:

# קלז.

עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ, גַּם־בָּכִינוּ בְּזָכְרֵנוּ אֶת־צִיּוֹן: עַל עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ כִּנֹּרוֹתֵינוּ: כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ דִּבְרֵי־שִׁיר, וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה, שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן: אֵיךְ נָשִׁיר אֶת־שִׁיר יְהוָה, עַל אַדְמַת נֵכָר: אִם־אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלָיִם תִּשְׁכַּח

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יְמִינִי: תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי, אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי, אִם־לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלַיִם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי: זְכֹר יְהוָה לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת יוֹם יְרוּשָׁלָיִם, הָאֹמְרִים עָרוּ עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ: בַּת־בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה, אַשְׁרֵי שֶׁיְשַׁלֶּם־לָךְ אֶת־גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ: אַשְׁרֵי, שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת־עֹלָלַיִךְ אֶל הַסָּלַע:

# קנ.

הַלְלוּיָהּ, הַלְלוּ־אֵל בְּקָדְשׁוֹ, הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ: הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו, הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ: הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר: הַלְלוּהוּ בְתֹף וּמָחוֹל, הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעֻגָב: הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי־שָׁמַע, הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה: כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, הַלְלוּיָהּ:

**אחר שסיים תהלים, יאמר שלשה פסוקים אלו:**

מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב יְהוָה שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל: וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְהוָה מָעֻזָּם בְּעֵת צָרָה: וַיַּעְזְרֵם יְהוָה וַיְפַלְּטֵם, יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ:

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יעקב יוחנן אײדליס**

וזוגתו

**רבקה מירל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם יצחק**
**אײזנער**

וזוגתו

**בילא**

ובנם

**יואל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אשר דוב אינדארסקי**

וזוגתו

**טויבא רבקה**

וילדיהם

**אליעזר שלמה, שמעון, אדל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מנשה איצקאוויטש**

וזוגתו

**חיה שבע,**

וילדיהם

**שמואל דוד, ישראל יוסף,**
**רויזא בלומא, פיגא, צבי דוב.**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.
וירוו רוב נחת דקדושה
מכל יוצא חלציהם, אמן.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

שלמה אהרן
**בליקזילבער**
וזוגתו
**זיסל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שמואל אליהו בלעדי**
וזוגתו
**חי' בילא**
וילדיהם
**ברכה, סימא לאה, תינוק בן חי' בילא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**חיים ברייער**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מרדכי אהרן חיים**
**היילפרין**
וזוגתו **יוטא פערל,**
וילדיהם **נתנאל, יחזקאל**
**שרגא, חי' אסתר**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.וירוו רוב נחת
דקדושה מכל יוצא חלציהם, אמן.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**ישעי' יוסף**
**וויזל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**הלל ווייס**
ווזגתו
**שרה רבקה**
וילדיהם
**סאביל, נחמן נתן**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**נח צבי ווייס**
ווזגתו
**רחל לאה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**פנחס דוד וועבערמאן**
ווזגתו
**יענטא חי' דבורה רבקה,**
ובתם **שרה**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.וירוו רוב נחת
דקדושה מכל יוצא חלציהם, אמן.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם טיקאלסקי**

וזוגתו

**שרה רייזל**

וילדיהם

**אהובה חי', רחל, ישעי'**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**ברוך יאקאבאוויטש**

וזוגתו

**הדס אדל**

וילדיהם

**אליעזר שלמה, נחמן ישראל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יעקב יאקאבאוויטש**

וזוגתו

**ברכה פיגא**

וילדיהם

**חי' אסתר, הינדא רחל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**נחמן שמואל יאקאבאוויטש**

וזוגתו

**אסתר**

וילדיהם

**שלום יעקב, חיים מאיר, לאה, פיגא, הינדא רחל, אברהם יהודה, איידל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שלמה יאקאבאוויטש**

וזוגתו

**רבקה**

וילדיהם

**יששכר דוב, אסתר,**
**גרשון פרץ, נחמן יואל,**
**אברהם בכור.**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אהרן לונגער**

וזוגתו

**בריינדל**

ובנם

**יוסף**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יואל משה מייזעלס**

וזוגתו

**שרה**

ובנם

**שלום אליהו**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**ישראל יחיאל סאמעט**

וזוגתו

**מלכה**

וילדיהם

**יואל, לאה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שמעון זאב**

**פאללאק**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שמעון גרשון**

**פארטוגאל**

וזוגתו

**רבקה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**משולם נחמן פינטער**

וזוגתו

**תמר**

וילדיהם

**פיגא, אסתר**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אהרן ישראל פיש**

וזוגתו

**חנה זיסל**

וילדיהם

**אליעזר שלמה, ישעי'**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

יעקב שאול פיש

וזוגתו

שרה

וילדיהם

אליעזר שלמה, מירל

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

ברוך משולם זושא
פריעדמאן

וזוגתו

חי' שרה

וילדיהם

אלעזר ישעי', שלום יעקב
יהושע, ישראל מנחם

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

אברהם אליהו פריעדריך

וזוגתו

שרה העניטשא

וילדיהם

ישראל, יוסף, חי' פיגא

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

יוסף בנימין

פרערויא

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**אליהו ציג**
וזוגתו
**מלכה**
וילדיהם
**יכט, יוסף, שרה פיגא**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**אברהם אליהו קנאלל**
וזוגתו
**פיגא**
וילדיהם
**מלכה, ישראל, אליעזר שלמה**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**נחמן נתן קרויס**
וזוגתו
**מרים חי'**
וילדיהם
**אליעזר שלמה, אברהם מאיר, פיגא**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**חיים יוסף ראזענבערג**
וזוגתו
**אסתר**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

ישראל מנחם
ראזענבערג

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

משה ראזענבערג
וזוגתו
חוה, ובתם אדל

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מרדכי ישראל משה
ראזענפעלד
וזוגתו
רויזא רבקה
וילדיהם
יוסף אשר, חנה

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

חיים יוסף ראזענבערג
וזוגתו
אסתר

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יצחק אייזיק ראטה**

וזוגתו

**ברכה ריזל**

ובנם

**יעקב יודא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שלמה רוטה**

וזוגתו

**פריידא הענדל גיטל**

וילדיהם

**נחמן נתן, מלכה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שמעון רוטה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יצחק משה מתתיהו רייך**

וזוגתו

**מלכה לאה**

וילדיהם

**פערל, אשר, אברהם, שפרה ליבא, אסתר פריידא, אליעזר שלמה, פרადל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מנחם שטיינבערג**

וזוגתו

**חי'**

וילדיהם

**אדל, אליעזר שלמה, יוטא, שרה, יהושע**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם שטערן**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

לזכות הוריו וכל משפחתו,
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יעקב שטערן**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מנחם זאב שטערן**

וזוגתו

**עטל**

וילדיהם

**מלכה, שמואל מרדכי, יכט, חיים יושע, אסתר פראדל, פייגא, חי' דבורה, שלמה אליהו**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שלמה שטראה**

וזוגתו

**פראדל**

ובנם

**נחמן נתן**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אליעזר צבי שניצלער**

וזוגתו

**מלכה הינדא**

וילדיהם

**נחמן נתן, יואל, יוטא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יואל מנחם גרשון**
**שניצלער**

וזוגתו

**מלכה מאטל מינדל**

וילדיהם

**שרה גיטל, גאלדא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**ישראל יוסף**
**שניצלער**

וזוגתו

**נחמה**

וילדיהם

**טשארנא, פיגא, אליעזר**
**שלמה, נחמן נתן**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.